NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12890

IN DER TAYGE

Vladimir Klavdievich Arsen'ev

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאפולערע
וויסנשאפטלעכע
ביבליאטעק

ו. ארסעניעוו

אין דער טײַגע

45

קאאפעראטיווער פארלאג
קולטור-ליגע

מ ש ה   ב ע ר ג

[illegible] - [illegible]

פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק

וו. אַרסעניעוו

אין דער טײַגע

(אוסורי:ער קאַנט)

יידיש — ב. ראַבינאָוויטש

№ 45

...ראַלע יידישע ביבליאָטעק
אין פּרעסע אַרכיוו

קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג „קולטור-ליגע"
קיעוו — 1930

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

מעלוכע-טרעסט „קיִעװ-דרוק“,
2-טע דרוק. חאַרעטסקי-גאַס 42.
זאַקאַז. № 4102. געדרוקט 3.000
5 דרוק-בויגן. קרײַזליט 751.

פאָרוואָרט

וו. ארסעניעווס ביכל נייטיקט זיך ניט אין קיין רעקאָמענדאציע. ס'רעדט פאַר זיך אליין. דער אווטער איז א דרייסטער רייַזנדער, ריכטיקער — א גייער, וואָס איז אריַינגעדרונגען אין די באהאלטנסטע ווינקלען פון דער אויסוריִער טייַגע, זי דער ערשטער אנטפלעקט און דערלאנגט, ווי זי איז, מיט אירע נאטור־בילדער, מענטשן און פרימיטיוון שטייגער.

ארסעניעווס גרויסער בוך — עטלעכע קאפּיטלעך פון וועלכן דער לייענער האָט אינעם געגעבענעם ביכל — איז איבערגעזעצט אף פיל אייראָפּעיִשע שפּראכן.

אין דער האקדאָמע צו דער דייַטשישער אויפלאגע שרייַבט פריטיאָף נאנסען: „ארסעניעוו אנטפלעקט א נייַע וועלט, פון וועלכער מיר האָבן ביז אצינד געהאט זייער קנאפּע ידיעות". אזא מיינונג וועגן ארסעניעוון האָט אויך ארויסגעזאָגט דער בארימטער רייַזנדער סווען העדען. וואָס אנבאלאנגט דער פאָרם, שרייַבט וועגן איר מאקסים גאָרקי אין א בריוו צום אווטער: „כ'רעדט שוין ניט וועגן דער וויסנשאפטלעכער ווערט פון אייַער בוך, וואָס איז גרויס און אומבאשטרייַטלעך. איך בין באצויבערט און אנטציקט פון איר מאָלערישער קראפט. אייַך האָט זיך אייַנגעגעבן צו פאראייניקן אין זיך ברעמען און פענימאָר קופּערן".

די דריַי דערציילונגען „צווישן די אורעכייער" זיַינען געקירצט און איבערגעגעבן פריַי, די וויַיטערדיקע דריַי „דערסו אוזאלא" — פינקטלעך איבערגעזעצט. דאָס ערשטע און לעצטע קאפּיטל זיַינען צוגעגעבן (פון אַקונעווס רייַזע־בילדער), כּדי צו שאפן א פאָרשטעלונג וועגן דער איצטיקער לאגע אין דעם קאנט און וועגן זיַינע ווירטשאפטלעכע און קולטור־פּערספּעקטיוון אין דער עפּאָכע פון רעקאָנסטרוקציע.

ר ע ד א ק צ י ע.

די אײַנוווינער פֿון דער טײַגע

1. דער טיגער־יעגער

אין מאָסקווע און אין קיִעוו איז שוין טיפֿע שטאָקנאַכט, אוואדע בא צוויי אזייגער, אין דאָ קלײַבט ערשט זיך א העלע גרויסע זון אפֿן הימל ארויף. אפֿן ווײַטן מיזרעך כאפּט מען זיך שוין אויף פֿון שלאָף דעמאָלט, ווען אין מאָסקווע האָט מען זיך ערשט געלייגט שלאָפֿן, מיט גאנצע זיבן שאָ פֿריִער שײַנט דאָ אויף די זון.

פֿאר נײַן טעג האָט מיך דער גרויסער סיבירער אײַזנבאַנוועג אריבערגעוואָרפֿן אף 10 טויזנט קילאָמעטער, אין אוסוריִער קאנט ארײַן. איז מיר שווער מיטאמאָל צוגעוווינען זיך צום נײַעם לעבנסיידער.

מיט א פּאָר שאָ צוריק איז מײַן צוג אָנגעקומען אף דער סטאנציע אוסורי. פֿארשלאָפֿענערהייט האָב איך מיך ארײַנגעזעצט אין א ברייטן וואָגן־קויש און דערזעען פֿונדערווײַטנס די בלאָווע סאָפּקעס[1] פֿון דער טײַגע. א פֿאס העל־בלאָוו שטאָל — דער טײַך אוסורי — האָט א פֿינקל געטון אקעגן מײַנע פֿארשלאָפֿענע אויגן. שפּעטער איז אלץ ערגעץ אײַנגעזונקען. איך בין אנשלאָפֿן געוואָרן.

מיר האָבן זיך נאָך פֿריִער צונויפֿגערעדט, אז דער אוסוריִער קאָזאק מיכײַלאָ וועט מיך דערפֿירן צום ייִשעוו, און פֿונדאָרטן וועט מיך באגלייטן דורך דער טײַגע צום אָרט פֿון מײַן ארבעט א קאָריייִשער יעגער פּאק. האָב איך געקענט זאָרגלאָז שלאָפֿן.

ווײַזט אויס, די קליינע קרעפּקע אוסוריִער פֿערדלעך האָבן מיך דערפֿירט, וווּהין מע האָט באדארפֿט. ווײַזט אויס, אז איך בין

[1] בערגלעך פֿון ווולקאנישער אָפּשטאמונג.

אראפ פון וואגן און אריין צו מיכיילאוון אין שטוב. ניט אנדערש אן אזוי. נאר ווען כ'האב זיך אויפגעכאפט אף א באנקבעטל, אף פעלעכער, צוגעדעקט מיט א הירשענעם בעגעד, האב איך גארניט געדענקט.

מיכיילאוו איז אלט א יאר זיבעציק. ער האט א ברייטע זילבערנע בארד און ווייסע לאקן, נאר פון אטא דער א זילבערנער געסט קוקן ארויס יונגע שארפע אויגן און א פריש-ניט צעקנייטשט פנים. ווען מע קוקט אף מיכיילאוון פונהינטן אף זיין בויגעווערדיקער — ווי בא א טיגער — שלאנקער פיגור, קען מען אים געבן א יאר דרייסיק, ניט מער.

ער איז א יעגער, „פון יונגע נעגל אן" בלאנקעט ער ארום איבער דער טייגע און ווייסט אויסגעקנאטן דעם גאנצן אוסורייער קאנט.

אף דער וואנט, איבער דעם ברייטן פאמיליען-בעט מיט א בארג קישעלעך אין ציצענע ציכלעך, הענגט א געפאסטע טיגער-פעל.

— זיבעציק שטיק אזעלכע האב איך, — זאגט מיכיילאוו: — אונטערן דאזיקן טיגער האב איך זיך שוין געזעגנט מיטן לעבן, נעמען זאל עס דער שעד. נאר איך האב אים ארייגעגעצט א מעסער אין הארצן. א כיטרע בהמה! ראפטאם שפרינגט ער ארויס און וואלגערט גלייך פון די פיס.

מיכיילאוו האט אין דער טייגע א יעגער-שטיבל. דארטן וווינט ער זומער איינער ברען פונעם. געניג אף איזיוברעס — די ארטיקע הירשן, וואס זייערע „פאנטעס" — די פרילינגדיקע הערנער-אנוואקסונגען — זיינען בא די כינעזער מיט גאלד גלייך. זיי האלטן עס פאר א דיספוע פון אלע כאלאסן. נאר מיכיילאוו יאגט זיך ניט נאך קיין „פאנטעס". זיין אידעאל איז אנקלייבן 20 טיגער-פעלן. און צו דער צאל פעלן אים נאך דריי.

— אמאל — דערציילט ער, — פלעגן די טיגערס באנאכט ארויס-קומען פון דער טייגע. ס'פלעג זיך מאכן, אז סאמע באם יישעוו

האָבן זיי געשונדן בעהיימעס און ניט זעלטן אויך א מענטשן פּאַרצוקט. און אצינד,— פּע, ברודערקע,— איז ער כיטרע געוואָרן. ער באַהאַלט זיך אין געדיכטעניש פון דער טײַגע, אז ס'איז אים אפילע שווער צו געפינען.

אף א צווייטער וואנט, באם בעט, זײַנען אויסגעהאנגען פאָ־טאָגראַפיעס און בילדער, אויסגעניטערטע פון פליגן. אף אן אָפּגעבליאקעוועטער פאָטאָגראפיע איז אראָפּגענומען א גרופּע קאָזאקן אין פאראדנע מונדירן, אין פּאפּאכעס. און אין צענטער פון דער גרופּע זיצט אף א שטול א גענעראל, און מיכײַלאָוו, מיט א ברייטער קײט אָרדענס איבער דער ברוסט, ליגט האלב אָנגעלענט באם גענעראל צופוסנס.

נאָר אף דערוועלביקער וואנט הענגט לעניגס פּאָרטרעט און מיט ווייכן ברייט איז צוגעקלעפּט א בילד פון וואָראָשילאָוון אף א פערד.

מיכײַלאָווס צוועלפיאָריק אייניקל, אין א ייִדישן האלדזטוך, שוויצט, נעבעך, באם טיש איבער אן ארבעט: זי שנײַדט אויס פון גאָלדן פאפיר אויסיעס פאר א פאָן.

— וואָס עמעס איז עמעס,— זאָגט מיכײַלאָוו, קוקנדיק אפן אייניקל מיט א ווארעמען בליק:— אף אונדז וואַרט שוין דער קייזער, און אָט ווער סע קומט נאָך אונדז! אײַער צײַט איז קלוגער פון אונדזערער. נאָר איך מיט מײַן אלטן סייכל מיין, אז איר, שלעק, פארבאפּט שוין צופיל. וואָס דערפון וועט ארויסקומען, ווייס איך ניט, נאָר, אז א קויעך, א פרישער קויעך שטעקט אין אײַך, שיידים,— דאָס פיל איך.

2. אודעכייער סאָכרים

מיטן קאָרייער פאַק האָבן מיר אָפּגערעדט זיך טרעפן אין דער פאַקטאָריע [1] פון „אָכאָטסאָיוז". ער וועט מײַן סידער און דאָל־מעטשער זײַן. נאָר פאַק איז נאָך ניטאָ אין דער פאַקטאָריע. אפן

[1] האנדל־ייִשעוו מיט סכוירע־סקלאדן.

פּאָל זיצט אַן אַלטע און אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט. ביידע מיט שמאָלע, באַלאַכסן־דורכגעשניטענע אויגן, געל־בראָנדזענע פּני־מער און שוואַרצע שטייענדיקע האָר. ווען ניט דער כינעזישער אויגן־שניט, וואָלטן זיי פּונקט געראָטן געווען אין אַמעריקאַנער אינדיאַנער.

דאָס זײַנען אודעכייער. אַ קליינער אויסשטאַרבנדיקער שטײַ־וועט, וואָס לעבט אין דער טיפענישׁ פון אוסוריער טײַגע, ניט ווײַט פון כאַבאַראָווסק. יעגער זײַנען זיי. לעבן פאַרשלאָסן, פירן אַן אורראַלטן לעבנסשטייגער, אין יורטעס. פון דער טײַגע קומען זיי אַרויס בלויז דאַן, ווען זיי דאַרפן אויסבײַטן פעלעכלעך אויף פּראָדוקטן. —

ביידע אודעכייער, דער אַלטער און דאָס קינד, רויכערן ציבעקעס. ס'איז קאָמיש, ווי דער קליינער שפּאַרט אַרויס די ליפּ, לאָזנדיק בלאָווע רעדעלעך רויך. לעבן זיי ליגט אַ פּעקל סויבעלנע פעלעכלעך.

ניט אַזוי פּראָסט איז פאַרן אודעכייער צו פאַרקויפן די פע־לעכלעך. ער גלייבט ניט די מענטשן, וואָס וווינען אין הײַזער, אויסער דער טײַגע, ציילן קיין געלט קען ער ניט און אײַלן זיך האָט ער ניט ליב.

ער קומט אַרײַן אין פאַקטאָריע שווײַגנדיקערהייט און וואַשנע. זעצט זיך אַנידער אויפן פּאָל (פון קיין בענקלעך האַלט ער ניט), רויכערט פּאַמעלעך אויס דעם ציבעק און לייגט אַנידער די פע־לעכלעך אויף דער סטויקע.

— טשטאָ טוואָיא דאַווײַ? — פרעגט ער. — וואָס גיסטו?

דער פאַרוואַלטער פון דער פאַקטאָריע קוקט איבער די פע־לעכלעך און באַרעכנט די סכוירע, וואָס ער קען געבן דערפאַר דעם אודעכייער. דער אודעכייער שאָקלט מיטן קאָפּ:

— טוואָיא כיטרעי ליודי, — ס'הייסט: ס'אַרא קלוגיטשקע איר זײַנט!

און זעצט זיך צוריק אַנידער אויפן פּאָל, רויכערט אויס אַ צווייטן ציבעק. און דערלאַנגט ווידער די פעלעכלעך אויפן טיש:

— טשטאָ טוואָיא דאַווײַ? — פרעגט ער נאָכאַמאָל.

און אזוי דינגט ער זיך, אויסרויכערנדיק נאָך יעדער פּראַזע אַ ציבעק. דאָס גערויערט שאָענוויַיז. ווען דאָס געשעפט איז געמאַכט, פאַררויכערט דער אודעכייער דעם לעצטן ציבעק און דערלאַנגט אים פון זיַין מויל דעם פאַרוואַלטער פון דער פאַקטאָריע:

— מאָיאַ כאַראָשאָ, אי טוואָיאַ כאַראָשאָ. קורי! טאָוואַרישטשאַ בודיעם!

3. דאָס קאָל פון דער טיַיגע

צום סאָף פונעם דינגען זיך איז אַריַינגעקומען פּאַק, מיַין פירער און דאָלמעטשער. מיר האָבן מיט אים אָפּגערעדט לאָזן זיך אין וועג פאַרפרי, קאַיאַר.

פּאַק איז געווען אַ קרעפּטיקער, יאָדערדיקער מענטש מיט אַ שיטער בערדל פון געציילטע עטלעכע שוואַרצע פעך־האָר. אויף זיַין געל־שוואַרצלעכן פּאָנעם האָבן געפינקלט שאַרפע אויגן ווי בא אַ מוילוואָרף. אים איז נאָכגעגאַן אַ הינטל אַ לאַנגס מיט קורצע לאַפּעס.

גערעדט האָט ער אויף אַ געמישטן צעקראָכענעם רוסיש, אויף וועלכן סע ריידן אַלע קאָרייער און כינעזער פונעם וויַיטן מיזרעך. ווען כ'האָב מיך געפּרוּווט זיך ווענדן צו אים מיט אַ ריכטיקער פּראַזע, האָט ער אויף מיר פאַרביַידעשט אַ קוק געטון און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— מאָיאַ טוואָיאַ ניע פּאָנימיַי!

די טיַיגע האָט זיך אָנגעהויבן טאַקע דאָ ניט וויַיט, אַ קילאָמעטער דריַי פון דער פאַקטאָריע.

גלייך זיַינען מיר ווי אַריַינגעפאַלן אין אַ קילער טונקלקיַיט. הויך איבערן קאָפּ האָבן זיך אין אַ דורכויסיקער וואַנט צונויפגעפלאָכטן די צוויַיגן פון צעדערביימער און פיכטעס. דיקע—גרעבער וועדליק דער צענעם פון אַ מענטשנס אָרעמס — ביימער זיַינען געשטאַנען אין ענגשאַפט, איבערגעוויקלט מיט אַ לעבעדיקער גרינער נעץ פון קלעטערנדיקע געוויקסן.

אַף שריט און טריט האָבן איבערגעהאַקט דעם וועג אומגעהוי־ערע טויטע ביימער, שטאַמען, וועלכע מע האָט געמוזט אַריבערקריכן.

ס'האָבן זיך נאָך דערטראָגן אַהער פונדערווײַטן פאַרטויבטע פײַפן פון דעם אײַזנבאַנס לאָקאָמאָטיוו. נאָר אויך אָט־די קלאַנגען זײַנען אײַנגיכן אויסגעגאַן.

דעמאָלט ערשט האָב איך דערהערט דאָס „קאָל פון דער טײַגע", וועגן וועלכן ס'איז מיר שוין אויסגעקומען צו הערן פון די טײַגע־יעגערס. הונדערטערלײ געררוישן, טרישטשעניען און פליסטערײַ, ווײַטע און נאָענטע, אַקוראַט ווי עמעצער האָט זיך דאָרט אונטער־געגאַנוועט, שטילערהייט צוגעקראָכן און געטרישטשעט אין די וואַלגער־צווײַגן פונוטן און אינעם נאָדל־געבלעטער פונויבן. און דאָס אַלץ — אין אַ האַלבן כאַשכעס, געראָטן אין בײַנאַשמאָשעס, האַגאַם ס'איז אינמיטן העלן טאָג, און ס'שפּריצן אַמאָל דורך פונויבן פון צווישן געבלעטער אַרויס בלענדנדע פלעקן, און פונפאָרנט שלאָגן זיך דורך באַלאַכסנדיקע פאַסן פון אַפּאַל־קאָלירטע זונשטראַלן.

4. סימאָנים אין ווילדן וואַלד

מיר גייען מיט אַ שטעגל, וועלכעס ס'איז קאַם צו באַמערקן און וואָס ווערט אַלע ווײַלע אַנטרונען פון די אויגן. פּאַק פונ־דעסטוועגן האָט זיכער געשפּאַנט אין זײַנע געוועןטענע טופליעס אַף אַ גראָבער פילצענער פידעשווע.

פון צײַט צו צײַט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט אוזאָסער ס'ניט איז צווײַגל אָדער אַ שטאַם פון אַ צעדערבוים. דאָס הינטל איז אים נאָכגעגאַן טריט בײַ טריט און זיך צוזאַמען מיט אים אויך אָפּגעשטעלט.

— טוואָיאַ סטאָי. מאָיאַ טשיטײַ!

דאָס האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל אויסהאַרן, ביז ער וועט איבערלייענען. און געלייענט האָט ער די אײַנגעהאַקטע אַף די שטאַמען און צווײַגן סימאָנים. זיי האָבן אים געפירט צום אָרט, ווּוהין מיר האָבן באַדאַרפט.

דאָ אין דער טײַגע איז פּאַק געווען א גראַמאַטנער מענטש, און איך אן אנאַלפאַבעט. בלינד און נאַריש האָב איך געקוקט אף די צײכנס, נאָר וואָס האָב איך אין זײ פאַרשטאַנען?

פּאַק האָט עפּעס א זאָג געטון דעם הינטל אף קאַרייִש, האָט זיך דאָס הינטל צוגעטוליעט צו דער ערד.

— אָן איזיובער גײט! — האָט ער מיט וואָרענונג אופגעהויבן די האַנט. — איין איזיובראַ. א „מאַדאַמאַ". פּײ וואָדאַ כאָטשו.

אף זײַן לאָשן האָט עס געהייסן, אז א „מאַדאַמאַ", ד. ה. א „זי" פון אן איזיובער גײט אײנע אַלײן זיך אָנטרינקען.

ער האָט צוגעגרייט די ביקס:

— טוואָיאַ פּאָדאָושדי, מעשײַ ניע נאַדאָ!

איך האָב גאָרניט געהערט. אַלץ דאָסועלביקע טרישטשעניש און גערויש.

נאָר פּאַק האָט פּלוצים אַראָפּגעלאָזט די ביקס:

— נאָך א איזיובער גײט. א מאַנצבאַל. וויל כאַסענען. סטרעליאַי ניע נאַדאָ. אצינד ערשט האָב איך דערהערט דאָס ברומען פונעם איזיובער־ער, פונעם „מאַנצבאַל" — „מוזשיק" ווי פּאַק האָט אים אָנגערופן. מיט א מעכטיקן געבריל האָט ער גערופן די „מאַדאַמאַ", די „זי". לינקס האָבן זיך הילכיק צעטרישטשעט די וואַלגער־צווײַגן. און אין א פּופציק טריט פון אונדז האָט דורכגעשווינדלט א רויט־געלזילבערדיקער יונגער איזיובער. מיט זײַנע פּראַכטפולע צעצווײַגטע הערנער האָט ער לויפנדיקערהייט געריסן די פעסטע נעץ פון קלעטערדיקע געוויקסן.

5. איזיובערן־פאַנג

די סטעזשקע, מיט וועלכער דער איזיובער איז פאַרבײַ צום וואַסער זיך אָנטרינקען, איז געווען א שמאָלע און געלעגן אין א יאַר, א פאַרוואָקסענעם מיט געביש און פאַרוואַלגערטן מיט אײַנגעפאַלענע בײמער. א פערציק מעטער פון אָט דעם וועג איז געווען קינסטלעך אַרומגעצײמט מיט צווײַגן־שטאָקן, קונציק באַהאַלטענע

אין גרינס, מע זאָל זיי ניט באַמערקן. און בלויז א שמאָלער דורכגאנג צו דער וואסער איז געבליבן פאר די איזיובערען. און אף אַט דעם שמאָלן וועג איז געווען אויסגעגראָבן א טיפער גרוב צוגעדעקט מיט וואלגערהאלד און הירשענעם יאגעל־מאָך. דאָס איז א פאסטקע פארן איזיובער. אָנגעטרונקען זיך, גייט דער איזיובער אפן יאגעל און פאלט אריין אין גרוב. אָסט צעברעכט ער זיך דאָרט רוק־און־לענד, נאָר דער יעגער דארף מער ניט, ווי זיינע פריילינגדיקע פאנטעס. דער כינע־זישער „קופעזא" (סוחר, „קופעץ") צאָלט פאר זיי פון דריי ביז פינף הונדערט רובל. דערדאָזיקער ארט געיעג איז אצינד פאר־ווערט. נאָר פאק ווערט דערפון ניט ניספּאָעל.

— ווי דען אנדערש ? איז דען מעגלעך צו נעמען דעם איזיובער מיט דער קויל ? — גיט ער מיר צו פארשטיין. — יעווא בעגי דאַליאָקאָ, מאָיא ניע מאָגו דאָגנאטי, — ס'הייסט, ער לויפט דאָך אזוי גיך, אז א מענטש איז אים ניט בעקויעך צו דעריאָגן.

אפילע א צום־טויט־פארוווּנדעטער אנטלויפט אף צענדליקער קילאָמעטער פונעם אָרט, ווו ער איז פארווונדעט געוואָרן און פארקלייבט זיך שטארבן אין דער ווילדער און געדיכטער פאר־וואקסעניש.

— מענטשן זעען קיינמאָל ניט, — דערציילט פאק, — ווי דער איזיובער שטארבט. יעווא אימירייַ אָדין !

6. דער ייִשעוו אודע

ארום האלבן טאָג זיינען מיר צוגעגאַן צו אַן אנטבלויזטן וואלדשעטעך, ווו ס'האָבן זיך צונויפגעטויטשעט א צענדליק יורטעס.

דאָס איז געווען א ייִשעוו פונעם וואלדשיוועט אודע.

א צענדליק אנדערהאלבן יורטעס געדעקט מיט בערעסט זיינען געלעגן באַם ברעג פון א טייַכל. פאקן האָט מען אופ־גענומען מיט פרייד. ווייַזט אויס, ער איז דאָ געווען אן אייגע־נער מענטש.

— אודא — האָט זיך פּאַק צום הונט צו זײַנעם געװענדעט, — זײַנען גוטע מענטשן, סוואָיאַ קוסיי ניע נאָדאָ, — באַהאַלט, הייסט עס, די ציין בײַ זיך. װײַל אַ סך האָט דער קעלנער געהאַט זיך צעהאַקט אויף קילע־קילע, ווי נאָר ער האָט דערזען אַ פרעמדן מענטשן אין דער טײַגע. —

און געזאָגט האָט עס פּאַק דעם הונט אויף רוסיש, מײנענדיק ניט אַזוי בעם הונט, ווי מיך, איך זאָל וויסן, אַז איך בין דאָ צווישן שטילע מענטשן.

די אודעכייער זײַנען פעסטע קרעפטיקע מענטשן, פּראָסטע און געטרײַלעכע. פאַרנומען בײַ זייער אַרבעט פון פיש־פאַרגריי־טונג, האָבן זיי זיך גלײַך געוואָרפן אין אונדז ענג אַרומגערינגלט. אַ מענטש, אָנגעטון, ווי אין שטאָט, איז אין דער טײַגע אַ זעלטענע זאַך, וואָס אַלע לויפן זיך צונויף כאָטש דערויף אַ קוק אויף כידושים. אַלץ האָט זיי אינטערעסירט: מײַן בעגעד, דער רוקזאַק, די ביקס, דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט. זיי האָבן מיך באַטאַפּט מיט די הענט, צוגעקוקט דערבײַ מיט דער צונג, געלאַכט און געוויצלט זיך אויף מײַן כעשבן, נאָר ווען כ'האָב צוגעגרייט דעם אַפּאַראַט און געבעטן פּאַקן זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז איך וויל זיי אַראָפּנעמען, זײַנען זיי זיך צעלאָפן אין אַלע זײַטן און זיך פאַרבאַהאַלטן.

און דאָס זײַנען דאָך ניט קיין ווילדע. אייניקע פון זיי איז שוין אויסגעקומען זײַן אין שטאָט, ווו זיי האָבן אויסגעביטן פעלעכלעך. אין די יורטעס זײַנען געווען אייניקע זאַכן, אַראָפּגע־בראַכטע שוין פון שטאָט — לאָמפּן, געפעס, שפּעלעך, בײַ אייניקע אפילו ביליקע שפּיגעלעך.

7. די בערן־סודע

דעם טאָג גראָד איז בײַ די אודעכייער געווען אַ גרויסער יאָנטעוו. זיי איז געראָטן טויטן אַ גרויסן בער. האָט דער יישעוו געפּײַערט אַ בערן־יאָנטעוו.

— די מענטשן פון אודע זײַנען פון א בער געבוירן געוואָרן, האָט מיר פאַק געגעבן צו פאַרשטיין.

דאָס הייסט, דער שייוועט אודע האַלט, אז ער שטאַמט פון בערן און רופט זיך בערן־שייוועט. מאַכן זיי לעקאַוועד ווייער געטויטן שטאַם־פאָטער א יאָנטעוו מיט רעליגיעזע טענץ און באַשווערונגען.

פאַרנאַכט האָט מען דעם בער „געמאַכט" און אָפּגעפּרעגלט אויף א גרויס פײַער, די מאַנצבילען און יונגען האָבן זיך אויסגעזעצט אין א רינג, די פרויען און קינדער — בײַ דער זײַט, אינמיטן רינג איז אַרויסגעגאַן דער שאַמאַן, א טרוקענער זאַקן אין פיל־פאַרביקע שטיקלעך מאַטעריע. ער האָט געטראָגן א ברייטן גאַרטל מיט אָנגעבונדענע אײַזערנע בלעכעלעך, וואָס האָבן געקלונגען בײַ יעדער באַוועגונג זײַנער. ער האָט אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפּ א פײַקל, דערלאַנגט א פּאַטש מיט דער האַנט אין דער אָנגעצויגענער קלינגענדיקער הויט און זיך גענומען טאַנצן.

טכילעס זײַנען די באַוועגונגען זײַנע געווען פּאַמעלעכע און שווערלעכע. ער האָט אויסגעמאָלט דעם אָרט גיין און די אומגעלומפּערטע האַווײַעס פון בער. דערבײַ האָט ער צוגעברומט באַשווערונגען מיט א פאַרצויגענער אומעטלעכער מעלאָדיע און צײַטנווײַז זיך צעברומט אויף א קאָל ווי א בער. דערנאָך האָט ער זיך פאַרדרייט אַלץ געשווינדער און געשווינדער, קלינגענדיק מיט די אײַזערנע בלעכלעך און צופּויקנדיק אין פײַקל. זײַנע קאָלירטע שמאַטקעלעך האָבן זיך שוין צונויפגעגאָסן אין א קאָלירטן רינג.

די אודעכייער האָבן שווײַגנדיקערהייט פאַרוויכערט זייערע ציבעקס און גלײַכגילטיק געקוקט, ווי דער שאַמאַן האָט זיך געמאַכט זײַנע האַווײַעס

פאַק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יעוואָ סבעיאָססיא, ניע ווערים, — ס'הייסט מע לאַכט פון אים, מע גלייבט שוין ניט דערינען.

— סטאַרי ליודי אומער, — מאָלאָדאָי ניע כאָטשו ווערים.

און חירקלען, בא די יונגע אודעכייער האָט אָף די ליפּן געציטערט א קאָם באַהאַלטענער שמייכל. די עלטערע האָבן אָף זיי שטרענג געקוקט. נאָר אויך זיי, חעדליק פּאַק האָט געזאָגט, האָבן שוין אָנגעחוירן דעם אמאָליקן גלויבן אין שאַמאַן און אין זיינע קונצן און מינהגים.

דער שאַמאַן האָט זיך פאַרדרייט און איז אומגעפאַלן. זיין שטערן איז געווען באַדעקט מיט גרויסע טראָפּנס שווייס, אָפּן האַלדז האָבן זיך אויפגעבלאָזן בלאָווע אָדערן און פונעם מויל האָט געשלאָגן א געלע שוים.

דעמאָלט איז ערשט אָנגעשטאַנען דער סאַמע פייערלעכער מאָמענט. דער עלטסטער אודעכייער, דער ראָש פונעם קלאַן (שייחעס) האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען טיילן דעם בער. צום לעצטנס האָט ער איינגעטיילט שטיקלעך בערנס די פרויען און קינדער. דעם היילקן קאָפּ פונעם בער האָט מען אָפּגעגעבן דעם שאַמאַן. דער יאָנטעוו האָט זיך געענדיקט שפּעט בײַנאַכט. דער ראָש פון קלאַן האָט זיך געקליבן גאַנצפרי אוועקפירן אין דער פאַקטאָריע א פאַרטיע פוטער. איז חיים איבער האַלבע נאַכט געגאַן בא אים אין יורטע א באַראַטונג מיט די זין און איידעמס וועגן דעם, אָף וואָס פאַר א סכוירעס אויסבײַטן דאָס פוטער.

די אודעכייער

1. דער פישער־לאגער.

פון טאָג צו טאָג האָט זיך די זון געהויבן אפן הימל אלץ העכער און העכער. די טעג ווערן הייסער, וואלד־גראָזן—געדיכטער.

אצינד איז יעדער טאָג טייער פארן גיילדישן יעגער. פארן זומער דארף מען אָנכאפן אויפיל פיש, אז ס'זאָל קלעקן אפן גאנצן ווינטער. די פיש כאפט מען בעשיטספעס, ארטעלנווייז. יעדע־



געם. 1. א בוים־שטאם פאר א שיפל.

רער קריגט דערנאָך זיין כיילעק. יעדערער פאָלגט דעם עלטסטן בא דערן ארבעט.

דער יונגער אַוודין איז פון אינדערפרי אָן פאַרנומען: ער מאַכט אַ שיפל. מיט אַ לייכטער גוט־אָנגעשאַרפטער האַק האַקט ער אויס דאָס שיפל פון אַ גאַנצן בוים־שטאַם.

אַוודין איז אַ מײַסטער אויף אַזוינע זאַכן. אַ סקאַלקע נאָך אַ סקאַלקע שינדט ער פון די זײַטן שטאַם — און אָט זײַנען דאָס שוין באָרטנס פון אַ שיפל. די באָרטנס ווערן אַלץ דינער און דינער. דאָס שיפל — אַלץ ברייטער און גראָמער.

קואַן, אַוודינס קלענערער ברודער, איז אויך פאַרנומען מיט אַן אַרבעט. דער אַרטעל כאַפּט פיש אין די נעצן. די מאַנצבילן פאַנגען, און די ווײַבער מאַכן די פיש; זיי עפענען מיט מעסערס די בײַכער און וואַרפן אַרויס אין אַ זײַט דאָס אינגעווייד.

געמ. 2. מע מאַכט אַ שיפל (גיילדיש געמעל).

די געמאַכטע פיש צעהענגט מען טריקענען אויף פּלעקער אַזוינע. וואָס קואַן האָט צוגעגרייט. סקאַלקעס פליִען בײַ אים פון אונטער דער האַק אין אַלע זײַטן. פאַרשפּיצן אַ פּלאָקן איז ניט קיין גרויסער קונץ. ס'איז נאָר ווייניק צײַט. אַלע פּלאָקנס, וואָס ער האָט באַצײַטנס פאַרגרייט, זײַנען שוין פאַרהאַנגען מיט פיש.

אַוודין טוט אַ וואָרף אין אַ זײַט די האַק און הויבט זיך אָן צו קוואַנען:

— ואָלן מיר פאַרויבערן, ברידערל?

קאָנען איז שוין לאַנג נימעס די ארבעט מיט די פלאָקנס. פארהאקט ער די האק אין א קלאָץ און זעצט זיך צו צום ברודער.

אוודין דערציילט קאָנען פונעם באַנאַכסיקן געיעג.

אסאך מאָשקארא האָט זיך באוויזן אין וואלד, זייַנען אלע כייַעס אוועק אף די נאקעטע בערג ראטעווען זיך דאָרט פון די פליגן. בלויז דעם איילנהירש קען מען נאָך טרעפן אין די נידעריקע

געמ. 3. מע פארשפיצט פלעקער גוילדיש געמעל.

ערטער. ער האלט זיך נאָר לעבן די טייַכן. אז ס'הייבן אים אָן דער־קוטשען די פליגן מיט די קאָמערעס, ווארפט ער זיך אין וואסער אריַין.

— אף נאסער פעל קריכן זיי ניט אזוי שטארק, — האָט קאָן צוגעגעבן.

אוואדע, קאָלומאן ער איז נאָך א נאסער, האלטן זיי זיך פונדערווייַטן. נאָר וויבאלד ער טריקנט זיך אויס, אזוי נעמען זיך די פליגן אים ווידער דערגייַין די יאָר. ווארפט זיך דער איילנהירש, נעבעך, אין אלע זייַטן, בריקעוועט זיך, נאָר פון די קאָמערעס איז שווער זיך אָפבריקעווען. דערלאנגסט א קוק ער ווארפט זיך שוין נאָכאמאָל אין וואסער. טוקט זיך איינגאנצן אונטער, אז נאָר די

איערן מיט די גאָזלעכער בלײַבן, שטעקן פֿגניבן איבער דער וואסער.

— ליורא האָט געכטן דערהערט, אז נידעריקער פֿונעם גרינעם סײַך־איסבײַג באָדט זיך א איילנהירש. האָט ער מיר א וווּנק געטון, און מיר האָבן זיך געלאָזט אהין. די נאכט איז געווען א שטילע און א פֿינצטערע. דער ווינט האָט געבלאָזן פֿונהינטן. סאמע די בעסטע צײַט פֿאר געיעג נאָך א הירש. שווימען מיר אזוי...



געם. 4. מע שווימט ,גוילדיג געמעל.

— פֿארוואָס האָסטו מיך ניט גערופֿן? האָט מיט ערגער גע־פֿרעגט קואן.

— ליורא האָט ניט געהייסן. מירן, זאָגט ער, זיך ביידע ספֿרא־ווען. איך, זאָגט ער, וועל נעמען די ביקס, און דו וועסט מיטן רודער פֿראווען.

קואן האָט אליין פֿארשטאנען, אז א דריטער האָט דאָ ניט געהאט וואָס צו טון.

— שווימען מיר זיך, האָט ווײַטער דערציילט אווודין, ליורא איז א זאָקן א פֿאָרזיכטיקער. פֿון אים וועסטו קיין איין וואָרט ניט הערן. איך האָב זיך אייך געהיט קיין פֿאטש ניט צו טון מיט דער ווערלע. איך ווארט, וואָס וועט ער מיר הייסן. הער איך, ער האָט א קלאפּ געטון אין רעכטן באָרט. שטעל איך אָפּ דאָס

שיפל. כ'טראַכט זיך: —אהא, ער האָט שוין דערשמעקט א כייַע! אָבער פרעגן אים דערוועג איך זיך ניט. כ'וועל בעסער צוהערן. נאָר אַז דערלאַנגט דער אַלטער א קלאַפּ אין לינקן באָרט, — האָב איך א רוק געטון פאָרויס דאָס שיפל, ווייַזט אויס, ס'האָט זיך עפּעס אויסגעדוכט דאָרט דעם אַלטן. שווימען מיר ווייטער. אַז זייַנען מיר שוין פאַרבייַגעשווומען דעם פליסקן הירשן־שטעג איבערן טייַך. ס'איז שטיל. קיין שאָרך ניט.

פלוצלינג דערהער איך צוויי קלאַפּ אין באָרט. „הייסט עס, ער האָט דערזען א כייַע". א שאַרפע ריִע בא דעם אַלטן ליורא - ער האָט זיך אינגאַנצן א צי אויס געטון פאָרויס צו כאַפּן דעם מינדסטן שאָרך, — און איך אויך.

סכילעס הער איך בלויז דאָס ריזלען פון טייַך. דערנאָך נאָך עפּעס: אין דער נאַכטיקער שטילקייט האָט זיך קלאָר געהערט, ווי א איילנהירש בלאָזט פון זיך און קלאַפּט מיט די אויערן איבערן וואַסער. שטיל טראָגט דאָס שיפל. אַלץ נעענטער און נעענטער רוקט זיך דאָס שיפל אונטער צום הירש, און אַז זעט מען שוין א גרויסן סילועט פון דער כייַע.

ס'איז שוין קימאַט אינגאַנצן פינצטער. בלויז די שטערן אין הימל מינען און ווינקען זיך איבער מיט גרינע פייַערלעך אינעם וואַסער.

אַז הער איך שוין, ווי דער הירש אָטעמט, ווי ער קייַעט און שלינגט בינטלעך געלע וואַסער־בלומען. מע הערט אפילע, ווי די וואַסער רינט אראָפּ פון זייַן מאָרדע.

דער אַלטער האָט געוואָלט אויסשיסן — נאָר סטאָפּ, די ביקס האָט אָפּגעזאָגט.

דערהערט א גערודער, האָט דער הירש אָנגעשטעלט די אויערן. האָט דערלאַנגט א שאָס.

די שטילע נאַכט איז באַלד טומלדיק געוואָרן. א ווידערקאָל האָט זיך א קייַקל געטון איבער די יאַרן.

דער הירש האָט זיך א וואָרף געטון צום ברעג אין די קוסטעס און אַנידערגעפאַלן מיט א קרעכץ. מיר זייַנען צוגעשווומען צום

ברעג. צעליינט א פייער און אָפּגעוואַכט דעם טויטן הירש. היינט אינדערפרי איז ליזרא מיטן פלימעניק אוועקגעפאָרן נאָך אים. פאַר־נאַכט־צו וועלן זיי זיך אומקערן — וועט זיין א געשמאַקע וועטשערע! די פיש האָבן זיך שוין צוגעגעסן.

נאָר קאָנען פרייט די וועטשערע איך ניט. עס טוט אים באַנק. וואָס ער האָט זיך ניט באַטייליקט אינעם גייען אפן הירש. ויצט ער אן אומעטיקער, קראַנק.

— ס'איז צייט, ברידערל, צו דער אַרבעט, — האָט זיך אַוודין פריילעך אָנגערופן. — די זון איז שוין אָט־אָט הוי!

האָבן זיך ווידער צווייט העק צעקלאַפּט אין דער שטילקייט פון דער טייגע:

איינער האָט פּאַמעלעך און פּאָרזיכטיק געשניצט א שיכט נאָך א שיכט פון די באָרטנס פון שיפל, און דער צווייטער — דירעקט־דיק און הילכיק.

שפּענער זיינען געפלויגן פון אַלע זייטן אונטער די הענט פון היציקן קראַנק.

ער האָט געהאַקט און בעשאַס מייסע געטרוימט פון א באַ־נאַכטיקן גייען נאָך א הירש.

לינקס פון אַוודינען, וואָס האָט געטעסעט א שיפל, אף א מעשופּע בערגל שטייען געצעלטן פון בערעסט. לעבן זיי זיינען אף לאַנגע דרענגלעך אויסגעצויגן נאַסע נעצן. אף אַנדערע פּלעקער טריקענען זיך „געמאַכטע" פיש.

די קינדער ברענגען פון טייך צו די מוטערס קוישן פיש, וועלכע די פישער האָבן געכאַפּט. פלינק שניידן די מוטערס אוף די בייכער פון די פיש, וואַרפן אַרויס די קישקעלעך און זאַלצן צו די געריינִיקטע פיש. די שוין זאַט געוואָרענע הינט פוילע קלייבן אוף די קישקעס און לעקן דאָס פעטס, וואָס קאַפּעט אַראָפּ אף דער ערד פון די צעהאַנגענע פיש.

איצטער זיינען אַלע פאַרטון בא די פיש: די מאַנצבּלען פאַנ־גען, די פרויען רייניקן און טריקענען. די קינדער העלפן די עלטערע.

אינאָוונט, נאָך דער הייסער אַרבעט, קומט די שאָ, ווען דער עלטסטער פישער דערלאַנגט א ווונק, — ווייסט מען, אז מע מעג זיך שוין אָפּרוען.

אין אזוינע צייטן האָט קואן ליב ארומשלעפּן זיך איבער דער טייגע און אָנמערקן זיך ערטער, וווּ פאַנאַנדערצוּשטעלן פּאַסטקעס.

געם. 5. געצעלטן פון בערעסט (ניידריש געמעל).

אָט איצט, אין אזא מין שטילן אָוונט, גייט ער זיך מיטן ברעג טייך.

די וואסער בולבעט, און קאָם וואָס מע הערט, ווי די בלעטער שושקען זיך.

און פּלוצים הערט קואן דיטלען:

— פּליוך-פּליוך-פּליוך...

ווער איז דאָס? ווער שלעפּט זיך עס דאָ? קואן וויל ניט ליידן, וואָס עמעצער דרייט זיך ארום דאָרטן, וווּ ער וויל צעשטעלן זיינע פּאַסטקעס. און טונפּאָרנט הערט זיך אלץ: פּליוך-פּליוך... עלעהיי ווי מע שעפּט אויס מיט א וועסלע די וואסער פון א שיפל.

קאָן איז צו צום ברעג, צעשפּאַרט די קוסטעס און זיך צופרידן פאַרכידעשט.

אויף יענער זייט ברעג האָבן זעקס סאַבן־נאָסטערס (ווידרעס) און „ער״ מיט א „זי״ מיט פיר קינדערלעך, פאַרפירט צווישן זיך א פריילעכע שפּיל. די שפּיל איז באַשטאַנען דערין, וואָס די ווידרעס

געמ. 6. ווידרעס, גיילדיש געבעל.

האָבן זיך ארופגעדראַפּעט אויף א שרויפּיקן ליימענעם אָפּריס און זיך פונדאָרטן געגליטשט און אריינגעפליוכקעט גלייך אין וואַסער אַריין.

אָט האָט דער „ער״ זיך אויפגעהייבן אויפן אָפּריס, אַנידערגעלייגט זיך און אַראָפּגעקייקלט זיך — פליוך אין וואַסער. נאָכדעם צוריק אַרויסגעקראָכן און זיך ווידער ארופגעדראַפּעט. נאָך אים האָט די „זי״ מיט די שנעקלעך אויך דאָסזעלבע געטון.

— פליוך־פליוך־פליוך...

און ווידער אַרויסגעקראָכן פונעם וואַסער.

קאָן האָט זיך באַהאַלטן צווישן די קוסטעס. ער האָט זיי ניט געשטערט. דער יונגער יעגער האָט געוואוסט, אז צו האַרבסט וועט

די פרייַז פֿון דער פעל זייַן העכער. „און די קלײנע ווידרע־לעך חעלן צו יענער צייַט איסוואקסן", האָט ער בא זיך געקלערט.

אָנגעקוקט זיך אביסל אף דער שפּיל פֿון די ווידרעס, האָט ער זיך שטילערהייט דורכגעגאנגען צום פֿריַערדיקן אָרט און איז אוועק צום פישער־לאגער.

א באגאַן זומער כאַפּט מען און מע גרייט אָן פיש. געטריקנטע פיש הייסן דאָ „יוקאָלא". יוקאָלא איז דאָ די הויפּט־שפּייַז.



געם. 7. אן אָנגעלאָדן שיפל (בילדיש געמעל).

בא דער ארבעט און באנאכט אין געיעג פליט די צייַט געשווינד.

דערנאָך גאנוועט זיך אונטער דער פינצטערער הארבסט, אָפטער אין אָפּפער פארווייעט א קאלטער ווינט. פֿון די ביימער פאלן געלע, רויטע בלעטער.

אומעטיק זעט דעמאָלט אויס דער פריילעכער זומערדיקער ארבעט־לאגער. נאָר איין זאך פרייט דאָס אויג: די צוגעגרייטע פיש.

גיך פאקפֿוועט מען די פיש אין די שיפלעך. יעדער שיפל לאָדט מען אזויפיל אָן, אז קאם וואָס א שמאָל פּאסעקל באָרט זעט זיך ארויס איבער דער וואסער.

אף ווײַטערע שיפּלעך האָבן די גוילדן קײן מוירע ניט פֿאַר קײן שוועלן און גיכע שטראָם־וואַסערן. די שווימער שרײַען זיך איבער פֿון שיפּל צו שיפּל, און די קינדער צעקלינגען זיך מיט הילכיקן געלעכטער.

אויס זומער! און געענדיקט האָט זיך אויך די זומערדיקע אַרבעט — דאָס גרייטן שפּײַז אויף ווינטער.

די וואָקסענע מענטשן פֿרייען זיך, וואָס ס'דערנעענטערט זיך די צײַט פֿון געיעג.

געמ. 8. הינט אײַנגעשפּאַנט אין נאַרטעס וגוילדיש געמעל.

נאָכן פֿיש־פֿאַנג נעמט מען זיך צו דער כײַע און וואַלד אינעם גוילדישן דאָרף דערמאָנט מען זיך, אַז ס'איז צײַט פֿאַריכטן די פּאַסטקעס, קאַפּקאַנעס און אָנגרייטן שניי־שיך. די פֿרויען זײַנען אויך באַזאָרגט מיט אַרבעט מע דאַרף צוגרייטן די פֿיש און פֿאַריכטן די ווינטערדיקע מאַלבושים.

ערעוו א באַשטימטן טאָג וועלן די יעגערס אײַנלאַדן דעם שאַמאַן, ער זאָל אויסבעטן בא די וואַלד־געטער האַצלאָכע אין געיעג.

און אינדערפֿרי וועלן זיך אַלע צעפֿאָרן אויף גרינגע שליטנס מיט אײַנגעשפּאַנטע הינט. אַנדערע וועלן זיך לאָזן אין וועג צו פֿוס אויף שניי־שיך.

II. פאסטקע

1. אוועק אף געיעג

דער אלטער יעגער ליורא האָט זיך פארקליבן אין דער טיפעניש פון דער טײַגע. א כאדאָשים צוויי פארן ארויסגיין אף געיעג האָט ליורא געקניפט געצן, צורעכט געמאכט די שליטנס און גערייניקט דאָס געווער. פארן אוועקגיין אין דער טײַגע האָט דער שאמאן לאגאדא אויסגעבעטן באַם וואלד־גאָט האצלאָכע פארן אלטן יעגער.

געמ. 9. א איילן־הירש (גרילריש געמעל).

ארויסגעגאן אף דער ארבעט איז ליורא ניט אליין. אלע מאנצ־בלען פון דאָרף — אלע יעגערס — זײַנען ארויסגעפאָרן צוזאמען — מוזיקע און פריילעכע.

אייניקע, געמיינערע, זײַנען געגאנגען צופוס, אנדערע זײַנען ארויסגעפאָרן אף שליטנס אין הינט־שפאן. די פרויען האָבן ארויס־געבאגלייט די מענער פון דאָרף.

ווי די יעגער זײַנען נאָר אַרײַן אין טײַגע, האָבן זיי זיך גע־נומען דערווײַטערן איינער פונעם אַנדערן: צעגיין זיך יעדערער צו זײַן יאָר־אָרט... און אַז ליורא איז צוגעקומען צו זײַן שטעטל אין דער סויבשטילער בערגיקער טײַגע, האָט ער געפונען שטיין זײַן אַלט יעגער־שטיבל פון דינע באַלקנס אַרומגעשמירט מיט ערד־ליים. אין אָט אָ דעם ערד־שטיבל האָט ליורא פאַרבראַכט די נעכט.

פון דער לעדערנער טאָרבע האָט ליורא אַרויסגענומען זײַן הילצער־נעם אָפּגאָס, אַנידערגעשטעלט אים אויף אַ בוים לעבן שטיבל און אָנ־געשמירט דאָס קעפל פונעם הילצערנעם גוילעם מיט קאַשע מיט שמאַלץ.

דער גלויביקער ליורא האָט געבעטן האַצלאָכע באַם הילצערנעם גוי־לעם. שיראַים פון דער קאַשע האָט ליורא צעוואָרפן איבער דער טײַגע.

— אָנקו, גאָט פון די וועלדער, — האָט ליורא דאַווענענדיק געבעטן: — שיק מיר צו האַצלאָכע!

אָנגעהאָדעוועט דעם גוילעם מיט קאַשע, האָט ער אַרויסגענומען פון דער לעדערנער טאָרבע אַ פלעשעלע, אָנגעגאָסן אין אַ קליין גלעזעלע בראָנפן. ליורא האָט אַליין ליב בראָנפן. שטאַרק ליב, נאָר צוליב אָנקו, דעם גאָט פון די וועלדער, וועט ער אפילע קיין ספירט אויך ניט זשאַלעווען. ליורא טונקט אײַן אין בראָנפן דעם פינגער און שפּריצט דעם ספירט אין אַלע פיר זײַטן. דאָס איבעריקע גיסט ער אויס אָפּן פײַער.

— אָנקו! אָנקו! — בעט ליורא, — באַשער מיר אַ שוואַרצן סויבל מיט אַ געדיכטן פוטער.

צוליב אָט אַזאַ מין טתקל־בורע פעלכל האָט זיך ליורא פאַר־קליבן אין דער טיפער געדיכטעניש.

וואָכנלאַנג וועט ליורא בלאָנדזשען איבערן וואַלד און אויס־שפּירן אַ סויבל.

דער סויבל איז ניט קיין גרויסע כײַע. באַ אים איז אַ לאַנגער און אַזאַ מין באַוועגלעכער גוף, אַז ער וועט זיך באַהאַלטן אין אַ שמאָלן שפּאַלט, וואָס קיין שום אַנדער כײַע — וועדליק זײַן גרייס — וועט אַהין ניט קאָנען פאַרקריכן. דער סויבל פאַרמאָגט אַ שאַרפע מאָרדעמשקע און שוואַרצע גלאַנציקע אויגן.

בײַ א געפֿאר ווערט ער ווײַער דרייסט. פֿארטריבן אין א העק, פֿארזואגנען ער קען זיך שוין ניט ארויסדרייען, גיט ער זיך אָפּשטאָל א וואָרף אפֿן יעגער און שנײַדט זיך אײַן אין לײַב מיט דריבנע שארפֿע צײַן.

דער סויבל איז פֿלינק, כיטרע און רירעוודיק. מע דארף פֿארמאָגן אסאך געדולד און זײַן ארויסגעהאלטן ביז גאָר, קעדיי ארויסצושפּירן א סויבל, ער זאָל עס ניט דערשמעקן.



געמ. 10. א סויבל (גוילדיש געמעל)

דער געיעג נאָך א סויבל איז דעריבער ניט גרינג. סויזנטער יעגערס לאָזן זיך אוועק אין דער טײַגע מיט דער האָפֿענונג דערשיסן אָדער כאפּן אין פֿאסטקע אָטאָ דאָס רירעוודיקע כײַעלע מיטן בורן געדיכטן פֿעלעכל. יעדערן ווילט זיך פֿאקן א סויבל דאפֿקע וואָס טונקעלער, ווײַל וואָס טונקעלער ס'איז דאָס פֿעלעכל, אלץ טײַערער שאצט זיך עס.

א ליכטיק סויבעלן פֿעלעכל האָט א קנאפּע ווערט, דערפֿאר אָבער מאכן זיך פֿעלעכלעך, וואָס ברענגען ארײַן דעם יעגער עטלעכע הונדערט קארבן מיטאמאָל.

אָט דערפֿאר ציט אזוי דעם יעגער נאָכן סויבל.

דער סוּבּל פֿאַרקלײַבט זיך אָבער אין סאַמע געדיכטעניש. דאָרט, װוּ ס'הערט זיך נאָך דער קלאַפּ פֿון האַק, און ס'פּילט זיך נאָך עפּעס אַ רויך, דאָרטן װעט איר דעם סוּבּל ניט געפֿינען. ער לעבט אין אַזױנע בערגיקע ערטער און װינקעלעך, װוּהין ס'איז שװער צוצוקומען. אַמערסטן האָדעװעט ער זיך מיט דריבנע חיות און פֿייגל, דעריקערשט מיט װאַלדהינער.

יעדער דאָרטגעבוירטיקער, יעדער אורעכייער, װײס גוט זײַן אָרט פֿון געיעג, זײַן ראַיאָן, אין װעלכן ער יאָגט זיך נאָך חיות שוין יאָרן און יאָרן און װעלכן ער האָט באַקומען בירושה פֿון טאַטעס און זיידעס.

װײסט ליוראַ גוט די גאַנצע טײַגע זײַנע. אים איז דאָ אַלץ באַקאַנט און באַקאַנט. אפֿילו דאָס, װאָס ער פֿאַרשטייט ניט, װײסט ער אויך, פֿתּװאַנען ס'נעמט זיך: פֿון די בייזע רוחות אַװאַדע. און קעדיי זיך באַװאָרענען פֿון זייערע שפּיצלעך און אָנפֿאַלן טראָגט ליוראַ בײַ זיך אַפֿן גאַרטל דעם הילצערנעם אָפּגאָט. ער װעט עס אים באַשיצן. די ליפּן פֿון דעם אָפּגאָט שמירט יעדער יעגער אָן מיט בלוט פֿונעם ערשטן געטויטן סוּבּל. דאָסזעלבע װעט אויך איצט טון ליוראַ און דערבײַ װעט ער אָפּשפּרעכן:

— עס, טרינק, באַהיט און באַשיץ ליורען פֿון אַלדאָס בייז.

2. נאָכן סוּבּלס שפּורן

ליוראַ איז שוין אַלט, נאָר ער װעט פֿון אַ יונגן ניט אָפּשטיין אין געיעג. דאָס סאַמע אײַנגענומענסטע און שװערסטע איז פּאַקן אַ סוּבּל נאָכן שפּור זײַנעם. דער סוּבּל איז אַ װילדע פֿאַרצוק־חיה. נאָך רױב לאָזט ער זיך באַנאַכט. באַטאָג באַהאַלט ער זיך אויס אין די הײלן פֿון די ביימער און אונטער די קאָרטשן. געפֿינען אַ סוּבּל איז ניט פֿון די גרינגע זאַכן. סײַדן אַן אומפֿאַר־זיכטיקער שפּור זײַנער גיט אים אויס מיט די ביינער.

װעגן זײַן פֿאַרשטאַנד דערציילן די היגע גאַנצע מײַסעס. ספּאָ־רים גאַנצע װאָלט מען געקאָנט אָנשרײַבן װעגן דעם, װי אַזױ

דער סויבל פארפלאָנטערט זײַנע שפּורן. נעכטן האָט זיך ליורא אָנגעשטויסן אויף שפּור פון א סויבל. האָט ער זיך געלאָזט מיטן שפּור אין דער טיף פון טײַגע. פון אָנהייב איז דער שפּור געגאַנגען גלײַך, גלײַך – האָט ליורא אויך געקוועלט. און פּלוצים — נאָר גאָר א שלייף. מיט מאטערניש האָט זיך ליורא פאנאנדערגעקליבן אין דעם שלייף, און איז אוועק ווײַטער. אָט זעט ער, דאכט זיך, דעם שפּור און אָט איז ער ווידער פארפאלן געוואָרן. איז ווּהין האָט זיך דאָס געקענט אהינטון דאָס כײַעלע? זעט ליורא: ווינטבראָך — געפאלענעביימער שווארצן פון דערנאָענט.

פון די קרומע צווײַגן האָט אראָפּגעבלאָזן דעם שניי, דערמיט האָט זיך דאָס דורכגעטריבענע כײַעלע באנוצט און ניט געטטײַעט, אָן א שפּור.

האָט זיך ליורא געלאָזט ראָד־ארום דעם הויכן ווינטבראָך. זעט ער — איבערן שניי זײַנען אָנגעשטעפּט שפּורן. גייט ער שוין ווײַטער. כאפּט א קוק אויפן בוים. פון דער ווינטיקער זײַט איז דער שטאם געדיכט באשנייט. איז איבער אָט אָ דעם באשנייטן שטאם האָט דער סויבל זײַנע שפּורן געלאָזט.

— אהא! — אָט איז ער. — האָט זיך דערפרייט ליורא. נאָר לאנג זוכט ער מיט די שארפע אויגן צווישן די צווײַגן פונעם געדיכטן בוים. זוכט און זוכט און קאָן גאָרניט דערגיין. דער סויבל איז ניטאָ.

ער איז אָבער שוין אן אלטער יעגער, ליורא. שטויסט ער זיך אָן, דער אלטער, אז דער סויבל איז אומיסטן, קעדיי אים אָפּצונארן, ארויף אף דעם בוים מיט דער פארשנייטער זײַט פון שטאם און זיך אוואדע אראָפּגעלאָזט מיט דער צווייטער זײַט, ווו קיין שניי איז ניטאָ, ווי איינער ווייסט:

– דו זוך מיך אויפן בוים, און איך וועל מיר אין דערוועלבער צײַט טון א שפּרונג, א טאנץ און רוף מיך קנאקניסל!

מיט איין וואָרט — פארפאלן די שפּורן. מיט גרויסער מי האָט זיך ליורא פאנאנדערגעקליבן אין די שפּורן פונעם כיטרן סויבל. אראָפּגעשפּרונגען פונעם בוים, האָט זיך דער סויבל א וואָרף געטון אפּצוריקוועגס און מאָרזיכטיק געשטעלט די לאַפּקעס אין די פריערדיקע שפּורן!

נאָר ליוראַן איז אָבער שווער אָפּגעטאָרן. ניט אומזיסט יאָגט ער זיך נאָכן סויבל פון קינדערווײַז אויף.

קערט זיך ליורא אויך אום צוריק מיטן אַלטן שפּור און באַמערקט פּלוצים — בײַ אַ קאָרטש איז אָפּגעפאַלן דער שניי, אַקוראַט ווי עמעצער איז אַרױסגעגאַנגען.

באַטראַכט ליורא די שפּורן און קלערט: וואוהין איז דאָס כּיטרע אַזעלכע? באַקלערט און באַקוקט זיך אַרום און אַרום, און באַמערקט:

אַ צוואַנציק שפּאַן די ווײַט פון קאָרטש איז דער סויבל אַרױסגעגאַנגען פון אונטערן שניי, אַרױפגעשפּרונגען אויף אַ בוים, פון איין בוים אויפן צווייטן, פונעם בוים צום ברעג פון טײַכל.

און ווײַטער? — די ניט־פאַרפרוירענע זאַמד האָט ליוראַן געהאָלפן איבערלייענען, ווי די לאַפּקעס מיט די נעגל האָבן זיך אָפּגעדרוקט. צום סאָף אויך פון צווייטן מעסלעם האָט ליורא אָנגעיאָגט דעם סויבל.

ס'האָט אָנגעהויבן ווערן פינצטער, דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט.

נאָר ליורא וועט קיין פײַער ניט צעלייגן. דאָס פײַער קען דערשרעקן די חיה, וועט זי אַוועקגיין פונעם ביימל, וווּ זי האָט זיך באַהאַלטן. איז דעמאָלט, זײַ מוחל, הייב אָלץ אָן נאָכאַמאָל פונסנײַ.

נאָר ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיך ליורא אונטערגעגאַנגען הינטערן קאָרטש, ווו דער סויבל האָט זיך באַהאַלטן. קיין פרישע שפּורן האָט מען ניט געזען: הייסט עס, ער איז דאָרטן! ליורא האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם: „דאָ זיצט ער". האָט ער פאַרשטעקט אַלע שפּאַרונעס, דורכוואַנען דער סויבל האָט געקענט אַרױסשפּרינגען.

צו איין שפּאַרונע האָט ער צוגעשטעלט די נעץ און זיך אַנידערגעזעצט אין אַ זײַט, פאַרטײַעט. דער סויבל האָט זיך אויך פאַרטײַעט און זיך טיפער אין בוימלאָך פאַרקליבן. נאָר אַז ער האָט דערפילט, אַז ס'איז שאַ־שטיל אַרום און אַרום, האָט ער זיך אַ לאָז

געטון ארויס פון זײַן באַהעלטעניש, נאָר — סטאָפּ! ער האָט זיך פאַרפלאָנטעט אין ליוראס נעץ. ליורא האָט זיך א וואָרף געטון צו דער נעץ, צוגעקוועטשט דעם סויבל מיטן שטעקן. ליורא איז גליקלעך. און דאָס סויבל ווײַנט די אויגן בייזע און ער שטשירעט מיט די קליינע ציינדלעך. נאָר וואָס קען ער שוין, נעבעך, טון? ליורא האָט אים דערלאַנגט א קוועטש און פאַרטיק.

צופרידן האָט דער אלטער יעגער אוועקגעטראָגן דאָס סתקעלע פעלעכל אהיים, פאַרשטעקט אונטערן גאַרטל.

3. אליין אין פאַסטקע

ליורא האָט צעשטעלט איבער דער טײַגע זײַנע פּאַסטקעס און אלע אינדערפרי געקומען צום גרייזן. געקליבן רויב און ווידעראַמאָל אויפגעשטעלט די שטרויכל־שטעקלעך און די פאַנג־שלייפן.

אין די פּאַסטקעס האָבן זיך אַרײַנגעפּאַקט וועווריקלעך, קאָלאָנקעס און וואלדהינער. צוויי מאָל האָט ליורא ארויסגענומען פון די פּאַסטקעס סויבלען. אלע טאָג האָט ליורא באַדאַרפט ארומקוקן די פּאַסטקעס, ארויסנעמען די געפאַנגענע און נאָכאַמאָל אָנשטעלן זיי.

ליורא איז אלט געוואָרן. איינמאָל אין א כמאַרנע ווינטיקן טאָג איז ליורא געבליבן אין זײַן ערדשטיבל, ארומגעשמירט מיט ליים. שײַן האָט זיך דורכגעשלאָגן אין ערדשטיבל דורך א פענצטערל, אָנגעגלאָזט מיט צוויי שטיקלעך גלאָז, צענויפגעקלעפּט מיט פּאַפּיר.

נים געגאַן איז ליורא אין טײַגע. ער האָט געוואָלט פאַר דעם טאָג פאַריכטן די פּאַסטקעס און פאַריכטן די אלטע צעריסענע „אונטעס“,—די הירשענע שיך זײַנע. פּאָרעס זיך ליורא אין זײַן זעמליאַנקע מיט די אונטעס און פּאַסטקעס. און דער ווינטער־טאָג איז קורץ. קלאָגט זיך דער אלטער דערוף, וואָס ווינציק שײַן גייט אַרײַן דורכן פענצטערל, וואָס איז גלײַך מיט דער ערד. ער האָט באַדאַרפט צורעכט מאַכן נאָך איין פאַלנבויגן און פאַרשפּיצן א שפּיז. נעענטער האָט ער זיך צוגערוקט צום פענצטערל און אָנגע־

הייבן קאַלופּען מיטן מעסער. פּלוצלינג איז אין דער זעמליאַנקע געוואָרן אינגאַנצן פינצטער...

וואָס האָט זיך אַזוינס געטראָפן? ער האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטערל און באַלד פאַרשטאַנען, אַז עמעצער האָט פאַרשטעלט דאָס פענצטערל. דער אַלטער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און צוגעטראָגן צום פענצטערל.

הענט און פיס האָבן אָנגעהויבן ציטערן בײַ אים, און די אויגן זײַנען געוואָרן גרויס פון שרעק.

בײַ דער שײַן פונעם קנעצל האָט ליוראַ דערזען פון יענער זײַט שויב אַ געפּאַסעוועטע זײַט פון אַ טיגער.

געמ. 11. דער גאַסט.

דערצו האָט זיך נאָך געטראָפן, אַז צוריק מיט אַ פּאָר טעג איז בײַ ליוראַן די ביקס קאַליע געוואָרן. און איצט בײַשיי־נעס מיטן טיגער איז ער — אָן געווער. איז ער צו צו דער טיר,

אַנגעוויקלט שטריק אָפּן קייטעלע. וויפל ער האָט נאָר געקענט. דאָ האָט ער דערזעען, אז אין שפּארונג פון טיר האָט אָנגעהויבן פינצטער ווערן. נים טויט, נים לעבעדיק איז ער געזעסן, טרירע געהאט זיך א ריר טון. פאַרטאָג האָט ער א קוק געטון אין פענצטער און דערזעען שײַן. דער אַלטער האָט זיך דערפרייט. ער האָט געמיינט, אז דער טיגער איז אוועק אין טײַגע. האָט ער נאָך אביסל צוגעוואַרט, ביז ס׳איז געוואָרן אינגאנצן ליכטיק, צוויפּגעקליבן זיך און באַשטימט ליפּן פונדאנען, ווו די אויגן וועלן טראָגן.

נאָר ווי נאָר ליורא איז צוגעגאַן צו דער טיר, געוואָלט צעבינדן די שטריק, האָט ער ווידער דערזעען אין שפּארונג די גרויסע כײַע ליגן סאמע פאַר דער טיר. אויסגעצויגן פאָרויס־צו די קרעפטיקע לאַפּעס, האָט דער טיגער געקוקט און געוואַרט, צי סע וועט זיך נים עפענען די טיר. מיט שרעק האָט דער יעגער פאַרשטאַנען, אז דער טיגער שפּירט נאָך אים.

געב. [illegible]

דער טויבל האָט זיך פאַרטײַעט אונטערן קאָרטש, — און ליורא אין זעמליאַנקע. ליורא האָט געכאַפּט דעם טויבל און אצינד כאַפּט דער טיגער ליוראן. אָ! ס׳אַרא שרעק!.. פונקט ווי דער טויבל אין הייל, אזוי האָט זיך ליורא אײַנגעשרומפּן אין זעמליאַנקע. אין סאמע ווײַטסטן ווינקל זיך פאַרשלאָגן...

און אז ס׳איז געשטילט געוואָרן צו נאכט־צו דער ווינט, און ס׳איז געוואָרן שאַ־שטיל, האַט ליורא דערהערט, ווי דער טיגער

האָט זיך ארופגעדראפעט אפֿן דאך פֿון ערדשטיבל. עפּעס קלערט דער טיגער דורכקלײַבן זיך אין זעמליאנקע אַרײַן?

דער טיגער איז ארומגעגאַנגען ארום שטיבל. אין פֿענצטער האָבן געשווינדלט געלע לאַפּעס. ליורא האָט געציטערט אין לאָך. א גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפֿן. פֿון יעדער שאָרך האָט ליורא איפגעציטערט ווי אין פֿיבער. מיט שרעק האָט ער זיך אלעמאָל ארומגעקוקט צו דער טיר, צום פֿענצטער.

געב. 11. א שפּײַכלער אין וואַלד.

ליורא האָט שוין צוויי טעג ניט געגעסן. זײַן שפּײַז האָט ער געהאַלטן אין א קאַמערל אביסל ווײַטער, בײַ א זײַט פֿון שטיבל, ער האָט געוואָלט עסן, אז ער איז מאַמעש אויסגעגאַנגען פֿאַר הונגער.

אפֿן צווייטן פֿרימאָרגן האָט ליורא ניט געהערט און ניט געזען דעם טיגער.

מע דארף פרווון אהעק פון דער פאסטקע, האָט ליורא געקלערט, דעם טיגער זעט מען ניט און מע הערט ניט. ער האָט מיסטאמע פארלוירן די האָפענונג מיך כאפן און איז אוועק.

נאָר וויבאלד נאָר ליורא האָט געעפנט די טיר, איז דער טיגער מיט איין שפרונג נאָכאמאָל אויסגעוואקסן באם ארייַנגאנג אין זעמליאנקע.

— ער איז קלוג ווי א מענטש, — האָט מיט ווייטעק א קלער געטאן ליורא. — פונקט ווי איך בין זיך באגאן מיטן סויבל, אזוי באגייט ער זיך מיט מיר. פארפאלן ליורא!

באם אלטן יעגער איז קיין ספק ניט געווען, אז דער טיגער יאָגט זיך נאָך אים גאנץ בארעכנט. פריִער אויסגעקוקט אים, ארייַנגעטריבן אין פאסטקע און איצט ווארט ער, ביז דער קאָרבן וועט ארייַן צו אים אין די לאפעס.

פון שרעק און פון הונגער איז ליורא ארייַנגעפאלן אין ייִעש. ער האָט געזעען דעם סוים פאר די אויגן.

4. וואָס איז געשעען מיטן יעגער

און אוודין מיט נאָך אנדערע יעגערס — אודעכייצעס — גייען ארום און באטראכטן זיך זייערע צעשטעלטע פאסטקעס. אזוי ארום, שפאנענדיק פון איין פאסטקע צו דער צווייטער, זייַנען זיי פארגאנגען אין יענעם ראיאָן, וווּ ליורא האָט פון לאנגע צייַטן „גע־ארבעט", „געפאסטקעוועט". אראָפּגעלאָזט זיך אין טאָל פון ליוראס טייַכל, האָבן זיי זיך שטארק געוואונדערט, וואָס די פאסטקעס זייַנען פול מיט כייַעס, וועלכע מ׳האָט פונדאָרט ניט ארויסגענומען. זיי האָבן ניט געזעען קיין סימען פון ליוראס שפורן, גלייַך ער וואָלט זיך דאָ קיינמאָל ניט. האָבן די יעגערס באשטימט דורכגיין זיך צום אלטן.

געגאן מיט דער טייַגע און גערעדט צווישן זיך:

— עפשער איז אינדזער אלטער פארשלאָפּט געוואָרן?

— עפשער האָט זיך מיט ליוראן אן אומגליק געטראָפן?

מיסטאמע האָט ער זיך שטאַרק אָרײַנגעטון אין אױסשפּירן א סריבל, — ער קלעטערט אװאדע ערגעץ ארום איבער די סאָפּקעס — האָט אחודין געזאָגט.

אזױ זײַנען זײ געגאַן און געדעדט. דערהערט פון דער נאָענט שטימען פון מענטשן, האָט דער טיגער זיך בײַז א קלאַפּ געטון מיטן עק און איז אנטרונען געװאָרן אין געדיכטן פּארװאקסעניש.

די יעגערס האָבן גאָרניט באמערקט און צוגעגאַן צו דער זעמליאַנקע. עמעצער פון זײ האָט אױסגעשאָסן אין א װעװעריקל. דערהערט א שאָס, איז ליורא ארױסגעלאָפן...

אלע זײַנען זײ געװען יעגערס. מע האָט זײ ניט באַדאַרפט דערציילן, די שרעקלעכע געשיכטע פון ליוראן האָבן זײ פאַרשטאַנען אָן װערטער. ארום ליוראס זעמליאַנקע איז דער שנײ געװען דורכגעטראָטן מיט טריט פון גרױסע קעצנע פיס.

— אָמבאַ! — האָבן אױסגעשריגן די יעגערס. — א טיגער!

זײ האָבן גום פאַרשטאַנען, װאָס ליורא האָט פאַר דער צײַט איבערגעלעבט. א ראָכמאָנעס אָפן אלטן! אגעװ, איז זײ אלײן אױך געװען ניט גאָר הײמלעך; דאָ ערגעץ ניט װײַט דרײט זיך אום א טיגער. פאַר מורא, דער טיגער זאָל ניט אָנפאַלן, האָבן זײ צעלײגט א גרױס פײַער. זײ האָבן אױך געשאָסן אינדערלופטן. די הינט האָבן זיך געטוליעט צו די יעגערס.

ביז פאַרנאַכט האָט זיך דער טיגער ניט געװיזן.

צו נאַכט זיך בארויִקט, האָבן זײ זיך אלע געלײגט שלאָפן. דער אױסגעמאַטערטער ליורא איז אנשלאָפן געװאָרן װי א געהאַר־געטער, און באַנאַכט איז דער טיגער נאָכאמאָל צוצו דעם שטיבל און דערשטיקט א פאָר הינט.

אינדערפרי האָבן די יעגערס, לױט די שפּורן אפן שנײ, איבער־געלײענט די שרעקלעכע פּאסירונג, װאָס ס׳האָט זיך דאָ פאַר דער נאַכט אָפּגעטון. די װילדע כײַע האָט, װײַזט אױס, אײנמאָל פאַר אלעמאָל באַשטימט ניט לאָזן צורו ליוראס זעמליאַנקע.

— װאָס זאָל איך טון? — האָט דער אלטער געפרעגט.

— דעם טיגער איז געפעלן דאָס אָרט, — האָט אחודין געזאָגט.

– דער טיגער וועט דיך נים ארויסלאָזן.

– פארשפארס ליוראן אזוי, ווי ליורא האָט פארשפארט דעם כויבל, – האָט שטיל געזאָגט דער אלטער.

די אודעכייצעס – יעגערס זײַנען אלע פיר אוועקגעגאנגען אין דאָרף.

סע האָט זיך שוין פארענדיקט די צײַט פון הארבסט־געיעג.

געמ׳ 14. א גילדישער יישעי.

אָנהייב פרילינג איז ליורא מיט זײַן פלימעניק, באוואָפנט מיט בערדאנקעס, אוועק אין טײַגע, קעדיי צו באטראכטן די פאסטקעס נאָכן ווינטער. קימאט אין יעדער פאסטקע איז געווען – וועווריקלעך, קאָלאָנקעס, וואלד־הינער. אין זעקס פאסטקעס זײַנען געווען סויבלען. נאָר פון די געדיכט־האָריקע פעלעכלעך זײַנען געבליבן בלויז שטיקלעך פוטער און ביינער. ראָבן האָבן צעפיקט און צעשלעפט דאָס פלייש פון די געפאנגענע בײַעלעך.

ליורא האָט בא זיך געפילט, אז איבעוואָר וועט ער דעקן דעם העזעק.

ווי גרויס איז אָבער געווען זײַן חונדער, ווען ער האָט דערזעען לעבן זײַן ערדשטיבל אפן שנײַ פרישע שפּורן פונעם טיגערס לאַפּעס.

— דער טיגער שפּירט נאָך אַלץ נאָך מיר, — האָט ליורא געטאָגט צעטראָגענעהייט.

— אוי, זיידע, אָמבאַ איז ניט איינמאָל צוגעגאַן צו דײַן זעמליאַנקע, אָט זעסטו סימאָנים: דאָ האָט ער אַרײַנגעקוקט אין פענצטער, דאָ האָט ער זיך געדראַפּעט אפן דאַך, דאָ איז ער געלעגן פאַר דער טיר, אַרויסגעקוקט אפן קאָרבן, — אַזוי האָט געלייענט דער פלימעניק די שפּורן.

— איך בין טאַקע אַלט, נאָר איך וויל ניט זײַן דעם טיגערס קאָרבן. כ'האָב שוין אַזוי אויך אַסאַך איבערגעלעבט. „ער" איז דאָ דער באַלעבאָס, אַ סאָף! אין די ערשטע וועל איך־שוין מער ניט „כײַעווען"!

און ליורא האָט מיט זײַנע פאַסטקעס אַריבערגעוואַנדערט צום אויספלייץ פון שכייניישן טײַכל.

III. נאָכן טײַערן וואָרצל

1. אווודינס באַגער

דעם יונגן אודעכייער אווודינען האָט ניט אָפּגעגאָלטן אינעם ווינטערדיקן געיעג. ווי דער יונג האָט זיך ניט געסטאַרעט, פון דער הויט געקראָכן, איז ווי אַפּצעלאָכעס אים ניט געגאַנגען. קיין איין סונקעלער סויבל, קיין איין רעכט פוקסל האָט זיך אים ניט פאַפּאַדעט. ביטער איז געווען דעם יונגן אווודינען אומקערן זיך צוריק אין דאָרף מיט אַ נישטיקן זאַקרויב פון כ'וויס־וואָס אוועלכע סינים איז קלייניקײַטן.

דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס אווודין האָט געהאַט אין אויג אַ קאַלע — סאַמע די שענסטע אין געגנט. ער האָט געוווסט, אַז דאָסדאָזיקע מיידל איז צוגעבונדן צו אים. זי וועט געמען אים זײַן אַ פרוי. דער קאַלעס פאָטער אָבער — אַ רײַכער מענטש,

האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן זײַן סאָכסער פאַרן אָרעמען אַוודינען.

— האר נאָר אויס, — האָט געקלערט אַוודין, — איך וועל כאַפּן א שווארצן סויבל. און אפילע ניט איינעם, נאָר פינף, זעקס שטיק, און וועל מיטאמאָל ווערן רײַך. דעמאָלט וועט דײַן סאָכטער זײַן מײַן פרוי.

נאָר אומזיסט זײַנען געווען אַוודינס האָפענונגען.

נעם. 15. א גוילדישע פרוי.

דערפאר איז אזוי ביטער געווען אַוודינען אומצוקערן זיך אהיים מיט ליידיקע הענט. ס'איז שוין איבערגעגאַן די צײַט פון געיעג, און ער האָט נאָך באַ גאָרנישט.

אווודין האָט מוירע געהאַט, אַז דער קאַלטער פראָסט וועט ניט וועלן וואַרטן, ביז אווודין וועט רייך ווערן, און וועט כאַפּן די בעסטע מאַכן זיין טאָכטער פאַר אַן אַנדערן. און נאָך האָט אווודין געוווּסט, אַז אום זומער פאַרדינט מען ניט קיין טייער פעלעכל. זומער קאָן מען נאָר פיש אָנכאַפּן אויף ווינטער. פון אַזעלכע געדאַנקען פלעגט אווודינען קאַלט ווערן אין אַלע אייוורים.

— און אויב, אַשטייגער, זיך אַרומקלאַפּן אין טייגע זוכן דעם וווּנדערלעכן הייל־וואָרצל זשען־שען? — איז אווודינען פּלוצלינג איינגעפאַלן אַ געדאַנק. ער האָט געוווּסט, אַז פאַר איין פונט זשען־שען־וואָרצל צאָלן די כינעזער ביז פינף פונט זילבער.

און דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים פאַרכאַפּט פון קאָפּ ביז פיס.

זשען־שען! אַ וווּנדערלעכער און זעלטענער געוויקס. ער וואַקסט אין די בערג־געדיכטענישן, דאָרט, ווו דער אוראַלטער וואַלד האָט נאָך קיינמאָל קיין פייער ניט געזען.

זשען־שען! אַ צערטלעכער געוויקס מיט פינף־פינגעריקע בלעטער, וואָס האָט ליב געדיכטן שאָטן און פייכטקייט. אווודין געדענקט, ווי ער האָט אין דער טייגע אָנגעשטויסן זיך אויף אַ פאַנזע (אַ שטוב) פון אַן אַלטן כינעזער, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס אָפּגעגעבן אויף אָפּזוכן דאָס זעלטענע געוויקס זשען־שען.

אויפן צאָפנדיקן פאַרשאָטנטן באַרג־אַראָפּ, אין שאָטן פון אומגעהייער גרויסע ביימער, אונטער ספּעציעלע פידאַשעקעס פון קאָרע האָט יענער אַלטער כינעזער אַ גאַנצע פּלאַנטאַציע פון זשען־שען. ער האָט פאַרמאָגט גאַנצע זעקס און צוואַנציק שטיקלעך געוויקסן! אין יענעם אָרט, ווו דער אַלטער האָט איינגעאָרדנט זיינע פּלאַנטאַציעס, האָט ער עפּעס אַמאָל געפונען דריי געוויקסן. דאָס האָט דער אַלטער געהאַט פאַר אַ סימען, אַז אויף אָט אָ דעם אָרט קען מען איבערפלאַנצן זשען־שען־געוויקסן פון אַנדערע ערטער. פון יענער צייט אָן קלייבט דער אַלטער געוויקסן און זעצט זיי איבער צו זיך אויף דער פּלאַנטאַציע. און איצט אויף די עלטערע יאָרן פאַרמאָגט ער אַ גאַנצע פּלאַנטאַציע פון 26 געוויקסלעך!

וועגן דער גרייס פון אָט־דעם וואָרצל קען מען זיך מעשאער זייַן לויט דער צאָל בלעטער. געוויינלעך איז אף א שוואכינקן שטענ־געלע געפינען זיך דרײַ־פיר בלעטעלעך· פינף־זעקס מאכן זיך זייער זעלטן. קיינער האָט נאָך נים געפונען קיין זשען־שען מיין, ווי מים זיבן בלעטער.

אווודין האָט געוווּסט, אז דעמדאָזיקן וואָרצל שאצן די כינעזער זייער טײַער, ווײַל זיי האַלטן, אז ער איז גוט אף א רעפּוּע.

זומער וועל איך גיין אין טײַגע זוכן זשען־שען. עפּשער וועט זיך מיר אײַנגעבן. צו הארבסט וועל איך זיך אומקערן, א וואָרף טין דעם אלטן דאָס געלט אין פּאָנעם און זאָגן: נא דיר! גיב אָפּ דײַן טאָכטער מיר פאר א פרוי!

געמ. 16. א גייליישער שפייכאבער.

.. . ער טײַערער וואָרצל זשען־שען

פון דעה נאָג איז אווודינען פון קאָפּ נים ארויס דער געדאנק וועגן זשען־שען.

גאנץ אָפּט פלעג ער זיך דערמאָנען און פארקלערן וועגן אלטן כינעזער, וואָס האָט אמאָל געוויזן אווודינען זײַן פלאנטאציע און

דערציילט אים וועגן יענע סימאָנים, נאָך וועלכע מע קען זיך דער־
וויסן, ווי צו זוכן דעם וואָרצל. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער
לעגענדע, וואָס דער אלטער האָט אים דערציילט וועגן זשען־שען:
אין מיזרעך־מאנדזשוריע, אין די בערג נאנגאן־שאני, האָבן גע־
לעבט צוויי באריממטע שוואָטים — סי־ליאני און ליאן־סערל, וואָס
האָבן זיך שטענדיק געקריגט צווישן זיך. דער פאָרשטייער פון
דעם שייוועס סי־ליאני איז געווען איינער א באוווסטער מיליטער־
העלד מיטן נאָמען זשען־שען; ער האָט פארטיידיקט שוואכע, אונ־
טערדריקטע, אויסגעצייכנט זיך מיט זעלטענער דרייסטקייט, געווען
רעכטפערטיק און גוטהערציק. ער האָט געיארשנט פון זיינע עלטער־
עלטערן די בעסטע מידות. סאַנ־שי־כאַ, דער פאָרשטייער פונעם
שייוועס ליאן־סערל, איז געווען א זעלטן שיינער מאנצבל, א דרייי־
סטער און אן ענערגישער. איז ער געוואָרן א כונטוז, צונויפגע־
קליבן א מאכנע גאזלאָנים און צוזאמען מיט זיי פלעג ער אָנפאלן
אף שכיינים.
זשען־שען האָט זיך שוין געקליבן אָנגרייפן סאַן־שי־כאַן, נאָר
זייער לעבנס־וועגן האָבן זיך קיינמאָל ניט באגעגנט. נאָר אָט האָט
זיך איינמאָל סאַנ־שי־כאַ פארגלוסט אָנפאלן אף זשען־שענען. אויס־
שפילן איז אָבער באשערט געווען דעם לעצטן. סאַנ־שי־כאַ איז
אריינגעפאלן אין געפענגעניש. מע האָט אים געשמידט אין קייטן
און אריינגעזעצט אין א טיפן גריב.
לאנג האָט זיך סאַן־שי־כאַ געמוטשעט אין געפענגעניש און
וואָלט מיסטאָמע אומגעקומען, ווען דאָ זאָל זיך ניט געווען אריינ־
מישן די שיינע ליאַ, זשען־שענס א שוועסטער. ליאַ האָט זיך
פארליבט אין דעם גאזלען. ארויסגענומען אים פון דעם גריב און
אנטלאָפן מיט אים פון ברודערס שטוב. ווי נאָר זשען־שען איז
פון דעם געווירע געוואָרן, האָט ער זיך געלאָזט דעריאָגן סאַן־
שי־כאַ און אינגיכן אים דעריאָגט אין א ווילדן בארגשפאלט. דער־
הערט, אז מע יאָגט נאָך, האָט זיך ליאַ באהאלטן אין די קוסטעס,
און סאַן־שי־כאַ האָט זיך צוגעגרייט צום געשלעג. ביידע סאָנים
האָבן זיך געשלאָגן אף לעבן און טויט. שטארק איז געווען סאַן־

שי־כאַ, נאָר קונציק און רירעוודיקער איז געווען ושעך־שען. ער האָט דערלאַנגט סאַך־שי־כאַן א טויט־קלאַפּ אין בריוסט. אין דער צייט האָט ליאָ דערשראָקן א געשריי געטון. ושעך־שענען האָט זיך אומגעקערט, און דאָס האָט אים אומגעבראַכט. סאַך־שי־כאַ האָט אופגעקליבן די לעצטע קיכעס און אַרייַנגעשטעקט ושעך־שענען אין האַלדז זייַן שאַרפע שווערד. אי ושעך־שען, אי סאַך־שי־כאַ זייַנען ביידע געפאַלן טויטע.

לאַנג האָט ליאָ באַוויינט דעם געליבטן טיטן ברודער. געוויינט האָט זי אַזוי לאַנג, ביז ס'איז אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן איר שייַנקייט, ביז זי איז אייַנגעטריקנט געוואָרן, ווי סע טריקנט אייַן א געוויקס. און אויף יענעם אָרט, וווּ ס'זייַנען געפאַלן אירע הייסע טרערן, איז אויסגעוואַקסן דאָס וווּנדערלעכע געוויקס „ושעך־שען", וואָס איז די טייַטש: „דער קוואַל פון לעבן".

אַהוודין האָט זיך דערמאָנט אין דעם אַלטנס ווערטער וועגן דעם, אַז ושעך־שען פאַרמאָגט אין זיך א וווּנדערלעכע נאַטור צו פאַרוואַנדלט ווערן אַמאָל אין א מענטשן, אַמאָל אין א פייגל און אַמאָל אין א טיגער. אַהוודין האָט אין דעם ניט געגלייבט. און אַפילע דער כינעזער האָט געזאָגט, אַז ער אַליין האָט דאָס אויך קיינמאָל ניט געזען. נאָר אַהוודין האָט געוווּסט, ווי שווער ס'איז אָפּזוכן דאָס קליינע שוואַכינקע געוויקס מיטן חייַסן פליישיקן וואָרצל. עמעס, ס'איז שווער אָפּזוכן ושעך־שען, נאָר דערפאַר אָבער ווען סע קומט אָן, יענער איז שוין באַוואָרנט מיט אַלדאָס גוטס! — טראַכט בא זיך אַהוודין, — כ'ל גיין אין טייַגע נאָך מייַן גליק.

ווי נאָר ס'איז אַראָפּ דער שניי, איז אַהוודין אַוועק אין געדיכטע וועלדער אויף די בערג. דאָרטן אין פאַרשאָטנטע ערטער באַהאַלט זיך באַשיידן אויס דער ושעך־שען, וווּ ער ח'אַרפּט אַרויס א שטענגל מיט דרייַ־פיר בלעטער. דאָס אויג איז בא אַהוודינען שאַרף. אַהוודין געדענקט פעסט די פאָרם פונעם גלאַטן פינף־פינגעריקן בלאַט. אַהוודין ווייסט, אַז סאָף זומער צווישן ושעך־שען מיט דריבנע ראָזעווע קוויטעלעך, זעלטן טרעפן זיך שניי־ווייַסע בלומען.

דעם טײַערן וואָרצל זוכן מערסטנטייל די כינעזער. אייניקע פֿון זיי פֿאַסטערן דאָס גאַנצע לעבן אין טײַגע מיט דער האָפֿענונג צו געפֿינען דעם זעלטענעם וואָרצל. אָפּגעגעבן דעם דאָס גאַנצע לעבן, האָבן זיי באַקומען דערינען א גרויסע דערפֿאַרונג.

אחודין אָבער פֿאַרלאָזט זיך אף זײַנע יונגע קײַכעס אין גרויסער אַקשאָנעס.

3. אין דער וואלד־געדיכטעניש

נאָר וואָס האָט א גאָס געטון א רעגן. שווערע פֿײַכטע כמאַ־רעס צעשווימען זיך איבערן הימל. דאָס אייג פֿרייט זיך, קוקנדיק אפֿן בלויען הימל. ליכטיק שײַנט די זון.

אחודין קלײַבט זיך דורך מיט דער געדיכטעניש פֿון טײַגע. דאָס גאַנצע אָנטאָן איז דורכגענעצט פֿונעם רעגן און נאַסן גראָז. אין אַסאַך ערטער איז עס צעריסן געוואָרן.

אחודין גייט אַזוי גיך, ווי נאָר מע קען גיין אין געדיכטן וואַלד. ערטערווײַז זעט ער אָנגעבראָכענע קוסטעס אָדער בינטלעך מאָך אַנידערגעלייגט אף די סוקעס פֿון די ביימער. אָט דאָס האָבן אַנידערגעלייגט די זוכער פֿון זשען־שען. דאָס איז בא זיי א סימען, וואָס גיט צו וויסן, אַז דאָ איז אַלץ אַרומגעקוקט און סע ניטאָ וואָס צו פֿאַסטערן קיין צײַט אף זוכענישן אומזיסט און אומנישט.

אחודין ווייסט פֿון אָט דעם סימען. פֿלײַסט ער זיך דערמאָנען אַלע סימאָנים, וואָס ס׳האָט אים אַמאָל אויסגערעכנט דער אַלטער כינע־זער. ער דערמאָנט זיך אין יענע אַלע מײַסעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן די זשען־שען־זוכער.

אַסאַך־אַסאַך מענטשן זײַנען אומגעקומען אין דער טײַגע. פֿאַרקלײַבן זיך אין דער געדיכטעניש, האָבן זיי פֿאַרלוירן דעם וועג. אויסגעמאַטערטע פֿלעגן זיי זיך שלעפּן איבערן וואַלד. אַסאַך פֿון זיי האָבן טיגערן פֿאַרצוקט. נאָר, וואָס געדיכטער און טיפֿער די טײַגע איז, וואָס שטרויפּיקער די בערג, וואָס אָפֿטער סע מאַכן זיך שפּורן פֿון ווילדע און שרעקלעכע חײַעס, אַלץ א בעסערער סימען איז דאָס, אַז דער וואָרצל איז שוין ערגעץ דאָ ניט ווײַט, אונטער דער

האנט. טאַקע דער זוכער פֿון זשען־שען טײַנען, אַז אַלע שרעקענישן וואָס טרעפֿן זיך אין וועג, איז נאָר קעדײַ אָפּצושרעקן ווי פֿון זשען־שען

ווי גלייבן, אַז דער, וואָס האָט אַ ריין און אַ קאָשער האַרץ, ווער ס׳האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטון, דער וועט סאָף־קאָלסאָף באַקומען דעם וואָרצל.

קיין שלעכטער מענטש טאָר ניט גיין נאָך זשען־שען. ער וועט סײַ־ווי־סײַ גאָרניט געפֿינען.

אחודין האלט זיך פֿאַר אַ לײַטישן מענטשן. ער האָט קיינעם ניט באַליידיקט. טיילט זיך שטענדיק מיט זײַן זאַקרוואַ, און נאָך זשען־שען האָט ער זיך געלאָזט נאָר צוליב דעם, ער זאָל קריגן פֿאַר אַ פֿרוי זײַן געליבט מיידל.

די זון שנײַדט דורך דאָס גרינע געבלעטער פֿון ביימער. שײַן און שאָטן שפּילן איבער די הויכע וואַלד־גראָזן. די זון הייבט אָן צו וואַרעמען, אחודינס אָנטאָן טריקנט אויס, ער ווערט אים גוט אויף דער נעשאָמע, און ער הייבט אָן זינגען:

ווען דו וואָלסט אַ קאַטשקע זײַן —
ווען קאַטשקעס בײַטן פֿעדערן, —
וואָלט איך דיך אַ צאַפּלדיקע
לעבעדיק געכאַפּט.

ווען דו וואָלסט אַ פֿישל זײַן,
אַ פֿיש אין שטילע וואַסערן,
וואָלט איך אויסגעשפּרייט מײַן נעץ
און געפֿאַנגען דיך פֿאַר זיך.

וואָלסטו זײַן אַ טויבל־טיר,
וואָלט איך נאָך דײַן צאַרטן טליד
אומבאַמערקטערהייט געשפּירט, —
וואָלסט ניט אויסגעמיטן מיך.

בעשאַסן זינגען האָט ער פֿונדערטווײַטן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן. אָבער ער האָט דע[illegible] [illegible], אַז די סימאָנים פֿון זשען־שען־זוכער האָבן פּלוצלינג ניט ג[illegible]סטײַעס.

— הייסט עס דאָ איז נאָך קיינער ניט געווען.

האָט אַהודין זיך גענומען שאַרן מיט ביידע הענט און מיטן שאַרפן אײַזן — צי סע האָט זיך דאָ ערגעץ ניט פאַרטײַעט צווישן דער געדיכטער באַהאָקסעניש, דער פינף־פינגעריקער בלאַט פון זשען־שען.

דער וואַלד ווערט אַלץ געדיכטער און שטרענגער. אַלץ מער אָנגעשטרענגט ווערט אויך אַהודין. דערזען דאָס שוואַכינקע שטענגל פון זשען־שען איינעם גראָז איז געווען קימאַט אומעגלעך, ווען ניט אייניקע סימאָנים, פון וועלכע ער האָט געוווסט.

אַהודין ווייסט, אַז גלײַך מיטן זשען־שען וואַקסן מערסטנטייל אַזעלכע קליינע בלעטלדיקע געוויקסן, וועלכע מע רופט אָן „זומער־גראָז". דאָס זומער־גראָז וואַקסט געדיכט־געדיכט און פאַרפלאָנטערט. לויט זײַנע דריבנע בלעטעלעך איז עס ניט שווער צו דערקענען.

אָט האָט אַהודין דערגרייכט צום הויכן איבערוואַלגער פון איין טײַך־טאָל צום צווייטן. אָפן שפּיץ באַרג האָט ער דערזען אַ קופּע שטיינער. אויף איר האָט געשטאַרטשעט אַ גרויסער בוים, באַהאַנגען מיט שמאַטקעלעך פון רויטן קעמאַש. אויף די שמאַט־קעלעך איז געווען עפּעס אָנגעשריבן, נאָר וואָס האָט אַהודין ניט פאַרשטאַנען.

דידאָזיקע שמאַטקעלעך האָבן אויפגעהאַנגען די כינעזער, די אַבערגלויביקע זוכער פון זשען־שען, ווי האָבן דאָס געטון לעקאָ־וועד דעם גײַסט, וואָס היט אָפּ דידאָזיקע טײַגע. אַהודין האָט ניט פאַרשטאַנען די כינעזישע שפּראַך. ער קאָן ניט לייענען קיין כינעזיש, ער קאָן בכלל ניט לייענען, איז ווי זאָל ער וויסן, וואָס איז דאָרטן אָנגעשריבן?

ווען ער זאָל געהאַט קאָנען פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין כינעזישע יעראָגליפן, וואָלט ער איבערגעלייענט אַזאַ טפילה:

„דעם האַר, דעם עמעסן גאָט פון די בערג, וואָס באַהיט די וועלדער! מײַן פרייד שײַנט, ווי די דיסקעס פון די פיש...

דעם איבערהאַר פון די בערג און וועלדער, וואָס פאַרהיט דאָס וואַקסן פון אוצרות.

בעס מען בא דיר, — װאָלסטו מעקײַעם זײַן, װאָלסטו ניט אָפּ־זאָגן".

אהװדין פֿאַרשטײט ניט דידאָזיקע װערטער, נאָר ער קלערט איך אזוי. אהװדין איז אויך א גלײַביקער און אין הארצן בעט ער דעם האר פֿון די װעלדער, אז ער זאָל אים געבן די מעגלעכקײַט געפֿינען דעם װאָרצל פֿון װשען־שען.

— „בעס מען בא דיר, װאָלסטו מעקײַעם זײַן, װאָלסטו ניט אָפּזאָגן!"

4. די ערשטע האצלאָכע

אזוי שלעפּט זיך אום אהװדין װאָכנװײַז איבער דער טײַגע אין איין האָפֿענונג, אומזיסטער האָפֿענונג.

ניט איינמאָל שוין האָט ער בא זיך כאַראָשע געהאט, װאָס ער איז אהעקגעגאַן פֿון זײַנע אייגענע. אָט זעט ער פֿאַר זיך דעם פֿישער־לאַגער, הײַפֿנס זילבערנע פֿיש־ליסקעס, א געשמאַקע װער־משערע, באַנאַכטיקער געיעג נאָך א הירש. טומלדיק פֿון מענטשן איז אינעם פֿישער־לאַגער, און ער איז דאָ איינער אליין, איינער אליין אין דער געדיכטער פֿאַרװאָקסעניש פֿונעם גרינעם װאַלד־אָקעאַן, װעלכן ער שפּאַלט און שפּאַלט און קאָן קיין עק ניט דערגײַן

ער פֿילט זיך עלנט און מאָרעשכוירעדיק.

נאָר פּלוצלינג...—

ער האָט ניט געקענט אָפּרײַסן די אויגן פֿון איין שטעטך טײַגע־גראָז. דאָס האָט א פֿאַרװאָקסעניש פֿון זומער־גראָז זיך צעבליט מיט קליינינקע בלעטעלעך, און צװישן דעם זומער־גראָז האָט א שײַן געטאָן דער פֿינף־פֿינגעריקער בלאַט.

פֿון פֿרייד האָט אהװדינען אױש פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם.

גרױסע רעמבעס, בערעזעס, טענענבײמער און קליאָן און פּיכטעס האָבן ארומגערינגלט אהװדינען, װי מיט א גרינער װאַנט.

צי האָט זיך אים ניט אויסגעדאַכט?

אהװדין געדענקט, אז ניט יעדערן גיט זיך װשען־שען אין די הענט — אזוי האָט אים דער אלטער כינעזער דערציילט.

האָט זיך אחודין א חאָ׳יף געטון אף די קני און געבעטן.

— ושען־שען, גיי ניט אוועק! כ׳בין אן ערלעכער מענטש. כ׳האָב קיינעם ניט באליידיקט, קיינעם קיין שלעכטס ניט געטון. ושען־שען, גיי ניט אוועק!

פאַרדיכטיק־פאַמעלעך הייבט אחודין אָן צענעמען מיט די הענט דאָס גראָז: צי איז ניטאָ בא דער זײַט נאָך קיין קליינע שפּראָ־צעלעך?

נאָר ושען־שען איז א געוויקס ווייער א ועלטענער. אחודין האָט לעסאָטע — איינס, צוויי, דריי, פיר, אחודין רייניקט אָפּ פּאַ־מעלעך דעם חאָרצל און באטראַכט אים, חי גרויס ער איז.

אחודין געדענקט, אז דער אלטער האָט געזאָגט:

„מע דאַרף נעמען דעם וואָרצל מיט פאַרשטאַנד, מיט ראָט. אויב דער חאָרצל איז נאָך יונג, דאַרף מען אים לאָזן וואַקסן אין האלד. ס׳וועט איבערגיין א יאָר, צוויי, דריי, חעט די הערט פּונעם חאָרצל, די פּרײַז זײַנע אסאך גרעסער חערן״.

אחודין חייסט, אז ער קאָן ארומצאַמען מיט שטעקעלעך דעם געפינענעם ושען־שען, חעט שוין קיינער זיך צו אים ניט צורירן. די טײַגע האָט זיך אירע געזעצן. חי ס׳זאָל ניט זײַן אויסגעמאַ־טערט דער ושען־שען־זוכער, חעט ער זיך ניט דערוויגן אויס־רײַסן א חאָרצל, חאָס געהער צו אן אנדערן, אזא זוכער חי ער. יעדערער חייסט דעם טאָם, חי שווער ס׳איז געווען יענעם מוצלעך אָפּצוזוכן דעם וואָרצל.

אחודין חאַקלט זיך עטלעכע מינוט — דער חאָרצל חײַזט אויס נאָך ניט דערוואָקסן.

נאָר צי קאָן ער דען האַרן? אחודין דערמאָנט זיך אינעם ושעדנעם טאָסן פון זײַן קאַלע, בינדט ער אָפּ דאָס לאָפּעטקעלע פון גארטל און גראָבט אויס דעם טײַערן וואָרצל. פּאַמעלעך פאַרוויקלט ער אים אין א שטיקל בערעסט און באהאַלט אים אין בוזעם, חי דעם בעסטן אוצער.

סע קען זײַן, אז דער חאָרצל, חאָס אחודין האָט געפינען אין חאָס די כינעזישע דאָקטוירים באַנוצן אים אף א רעפּוע, חעט

ניט ברענגען אזא נזק דעם כוילע, ווי ער האָט דערויף. אווודינען אָבער האָט דער וואָרצל אויסגעהיילט פון בענקשאַפט אין פון מאָרע־שכוירע. דאָס פאַרוםמערסטע געדיכטעניש פון וואלד שרעקט אים שוין ניט. דער טײַערער וואָרצל איז שוין בא אים אין בוזעם. גלייבט ער שוין אין זײַן מאַזל. ער האָט בא זיך געפּרוּווט אויסגיין נאָך פינף מאָל אזויפיל, ווי ער איז ביז אהער אויסגעגאן, אבי ער זאָל זיך אומקערן צו ווינטער אהיים ניט מיט לײדיקע הענט.

א מאָל נאָך א מאָל, א באַרג נאָך א באַרג, א טײַכל נאָך א טײַכל האָט געשפּאַלטן אווודין אף זײַן וועג.

דאָס אָנטאָן און די שיך האָבן זיך אף אים אָפּגעריסן, ער איז אויסגעדאַרט געוואָרן, די אויגן זײַנען אַרײַן אין קאָפּ. נאָר איינמאָל פאַרזוכט דעם טאַם פון האַצלאָכע, וויל ער זיך שוין ניט אָפּשטעלן.

גיים ער אזוי איינמאָל מיטן וואלד, מיד פון גיין און זוכן, קלערט ער זיך: דאָ קאָן מען זיך אָפּשטעלן אף נאַכטלעגער. פּונקט פאַרנט איז דער וואלד געוואָרן אלץ פינצטערער, פאַרומערטער. אווודין האָט בא זיך באַשלאָסן אומצוקערן זיך צו יענעם אָרט, וווּ ער האָט נעכטן גענעכטיקט. געגאַן איז ער צוריק מיט א דורכגעטראָטן סטעזשקעלע און מיט גרויל האָט ער דערקענט אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג, אָפּן באַטײַכיקן זאַמד, די שפּורן פון גרויסע קעצישע לאַפּעס. א טיגער איז נאָכגעגאַן אווודינען טריט בא טריט.

5. דער סאָף פון דער טרויעריקער געשיכטע

אווודין האָט זיך לאַנג ניט אומגעקערט.

פאַר אָט דער צײַט האָט דער קאַלטער פאָסטער כאַסענע געמאַכט זײַן טאָכטער, אווודינס קאַלע, פאַר אַן אַנדערן. דער כאָסן האָט לדיסן אלטן מינהג, געשענקט דעם פאָסטער א קעסל און א שפּיז. האָט מען אָפּגעהוליעט א כאַסענע, און דער מאַן האָט אוועקגעפירט דאָס יונגע ווײַבל צו זיך אהיים.

קיאַן דערציילט, אז דאָס יונגע ווײַבל האָט געקלאָגט נאָכן כאָסן, וואָס איז אוועק אין טײַגע זוכן דעם וואָרצל זשען־שען.

זי זינגען געשוווּמען אין שיפל, האָט זי די גאַנצע צײַט געזונגען וועגן אוודינען:

אוודין! ס׳טוט באַנק, באַנק...
אָט וווּהין איך גיי — אוודין פונהינטן.
וווּ כ׳נעכטיק — אוודין קוקט אױף מיר.
איך פאָר ווײַט — כ׳לאָז איבער אוודינען.
אוודין! בלײַב געזונט.
כ׳וועל דיך קײנמאָל־ניט זען,
און דו וועסט מיך אויך ניט זען.
אוודין ס׳טוט באַנק, באַנק...
געפינ זיך א קאַלע ווי איך.

די יונגע פרוי האָט געוווּסט, אַז קוים וועט דערציילן אוודינען, ווען יעגער וועט זיך אומקערן פון וואַלד, ווי אַזוי זי האָט געבענקט נאָכן יעגער, נאָכן זוכער פון זשען־שען.

גאָר קוים איז ניט אַרויסגעקומען דערציילן דערפון אוודינען מיט די זוכער פון זשען־שען מאַכט זיך אָפט, אַז די קערן זיך ניט אום צוריק. אין ווילדן געדיכטעניש פון וואַלד־טײַגע געוועלטיקט דער גרויסער טיגער.

געם. 17.

ער האָט עס אויסגעשפּירט אוודינען, דעם יונגן אודעכייער, דעם דרייסטן זוכער פון זשען־שען. צוויי טעג איז דער טיגער אינ

נאָכגעגאַן טריט בא טריט. נעכט איז אַוודין ניט געשלאָפן, גרויסע פײַערן צעלייגט, קעדיי אָפּצושרעקן דעם טיגער.

נאָך דער טיגער האָט אים איבערגעכיטרעוועט. מיט א זײַט איז ער אים פארלאָפן דעם וועג און, ווען אַוודין האָט אין א שלאָפלאָזער נאכט אן אויסגעמאטערטער געבלאָנקעט איבערן וואלד, איז פאר אים פלוצלינג אויסגעוואקסן די שרעקלעכע כײַע. מיט איין קלאפ האָט זי אים א וואלגער געטון און דערנאָך ערשט דערלאנגט א עך מיט דער שטארקער לאפע. דאָס לעצטע מאָל האָט אַוודין זיך א כאפ געטון מיט דער האנט פארן בוזעם, ווו ס'איז געווען באַהאלטן דער טײַערער וואָרצל. נאָך דער טײַערער זשען־שען־וואָרצל איז שוין אָנגעקומען דעם טיגער.

דערסו אוזאלא

I. דער גלעזערנער טאָל

1. די עקספּעדיציע

אין 1902 יאָר איז מיר אויסגעקומען צוזאַמען מיט א גאַנצער קאָמפּאַניע יעגערס דורכקלײַבן זיך ארופצו מיטן טײַך צעמוך, וואָס פאַלט אַרײַן אין א אוסוריִער אַרײַנגוס באַם דאָרף שקאָטאָוואָ. מײַן אָטריאַד איז באַשטאַנען פון זעקס מענטשן — אַלע סיבירער שיסער — און פיר באַלאָדענע פערד. דאָס האָט מען מיך קאָמאַנדירט ארומפאָרשן שקאָטאָווער געגנט אין מיליטערישן הינזיכס. באַקאָנען זיך מיט די איבערוואַלגער־וועגן אף די בערג פון דיאַ־דיאַן־שאַן,— פינוואַנען סע נעמען זייער אָנהייב פיר טײַכן. כוצדעם האָב איך באַדאַרפט באַקוקן אַלע שטעגן ארום דער אָזערע כאַנקאַ און באַ אוסוריִער אײַזנבאַן.

אָנגעהויבן האָב איך פון דאָרף שקאָטאָוואָ, וואָס געפינט זיך אפן ברעג פון אוסוריִער אײַנגוס, באַם אײַנגוס פון טײַך צימוך. דאָס דאָרף עקזיסטירט פון 1864 יאָר. אין 1868 יאָר האָבן כונכוזן דאָס פאַרברענט, נאָר אפן צווייטן יאָר האָט זיך עס נאָכאַמאָל אופגעבויט. צו אונדזער קומען קײַן שקאָטאָוואָ איז עס שוין געווען א גאַנץ גרויס דאָרף, מיט העכער אכציק מישפּאָכעס. מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט צוויי מעת־לעת. ארומגעקוקט די אומגעגנט און זיך געגרייט אין ווײַטן וועג. דער טײַך צימוך איז די לענג א ווערסט דרײַסיק. ער פליסט די גאַנצע צײַט אין דער ברייט־ריכטונג און פאַרמאָגט פון רעכטס נאָר איין בײַטײַך בייטשאַ. דעם טאָל, דורך וועלכן ס׳פליסט דער טײַך, רופן די היגע איבערוואַנדערער אָן „גלעזערנער טאָל״.

דעם נאָמען האָט דער סאָל געקראָגן איבער איין כינעזישער יעגער־פאַנזע (שטיבל), וואָס איז דאָרט געשטאַנען און האָט געהאַט א פענצטער, אין וועלכן ס'איז געווען אריינגעשטעלט א שטיקל גלאָז... אין יענער צייט איז אין גאַנצן אוסורי־ער קאַנט נים געווען קיין איין גלאָז־זאַוואָד. איז נאַטירלעך, אז גלאָז איז געווען זייער טייער. אין די בערג און וועלדער האָט גלאָז געדינט אלס א בייט־מיטל: א לײדיק פלעשל האָט מען געגעבן אויף מעל, זאַלץ, טשומיזע־גרויפּן און אפילו אויף רויכוואַרג. אַלטע איינוווינער דערציילן, אז בעת א קריג פלעגן די סאָנים זיך דעריקערשט אריינכאַפּן איינער צום אנדערן אין שטוב און צעברעכן דאָס גלעזערנע געפעס. דאָס איז געווען דער גרעסטער שאָדן. דעריבער האָט א שטיקל גלאָז אין פענצטער פון א כינעזישער פאַנזע אויסגעוויזן אזוי ראַשיק, אז די איבערוואַנדערער האָבן אָנגערופן די גאַנצע געגנט — דער „גלעזערנער סאָל".

פון שטאָקאָוואָ זיינען מיר אַרויסגעגאַן גאַנצפרי און דעמזעלבן טאָג צוגעקומען און זיך אָראָפּגעלאָזט צו דעם „גלעזערנעם סאָל".

2. אין די בערג

וואָס ווייטער אין די בערג, אַלץ פייַנער זיינען געוואָרן די געוויקסן. אָנשטאָט שיטערע דעמבלעך—געדיכטע געמישטע וועלדער, צווישן זיי א היפּש ביסל צעדערביימער. געפירט האָט אונדז א קליין סטעזשקעלע, דורכגעטראָטן פון כינעזישע יעגערס, זשען־שען־קלייבער. א פּאָר טעג האָט געדויערט, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו דער כורווע פון דער „גלעזערנער פאַנזע". פון טאָג צו טאָג האָט מען דאָס סטעזשקעלע אַלץ ווייניקער אָנגעזען. ס'הייַזט אויס, אז ס'איז שוין זייער לאַנג, זינט א מענטש איז דאָ געגאַן, איז דאָס פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז און ערטערווייַז פאַרוואַלגערט מיט ביימער, אויסגעריסענע דורכן שטורעם: אינגיכן האָבן מיר דאָס אינגאַנצן פאַרלוירן. ס'האָבן זיך געלאָזט באַמערקן כייַע־שפּורן. מיר האָבן זיי אויסגענוצט, קאָלזומאַן זיי האָבן זיך געצויגן אין אונדזער ריכטונג. מערסטנטייל זיינען מיר געגאַנגען

מיט ווילדער רוי־ערד. אפֿן דריטן טאָג זײַנען מיר צוגעקומען צו דער באַרג־קייט דאַ־דיאַן־שאַן, בײַ 35 קלאַפּטער די הייך. געלאָזט די מענטשן פֿונונטן, האָב איך מיט פֿאַליקאַרפּ אַלעקסיעוון זיך אויפֿגעהויבן אויף איינעם פֿון די שפּיצן, קעדיי פֿונדאַרטן א קוק טון, צי ס'איז נאָך ווײַט, צום איבערוואַלגער. פֿתדערהייך האָט מען געזען אַלע בערג. דער וואַסער־צעטייל איז געווען פֿון אונדז א צוויי־דרײַ ווערסט די ווײַט. ־ס'איז געווען קלאָר, אַז מיר וועלן נישט באַווײַזן דערקלײַבן זיך אַהינצו צו נאַכט, און אויב אַפֿילו יאָ, איז אויך פֿאַרגעשטאַנען בלײַבן נעכטיקן אָן א טראָפּן וואַסער, ווײַל אין אָט דער צײַט גייען קימאַט אויס די באַרג־קוואַלן. מיר האָבן באַשלאָסן אויפֿשלאָגן דעם לאַגער אין יענעם אָרט, וווּ ס'זײַנען געבליבן די פֿערד, און מאָרגן וועלן מיר זיך מיט פֿרישע קרעפֿטן לאָזן צום איבערוואַלגער. איך האָב שטענדיק זיך געסטאַרעט פֿירן דעם מאַרשרוט אַזוי, אַז מע זאָל אין דער ליכטיק נאָך אויפֿשלאָגן דעם לאַגער קעגן נאַכט, אָנטראָגן האָלץ און אויפֿשטעלן געצעלטן. בעת די שיסער האָבן זיך געפּאָרעט בײַם לאַגער, בין איך מיט אַלעקסיעוון געגאַנגען אויסקוקן די אומגעגנט. די זון האָט זיך גראָוואָס אַראָפּגעלאָזט הינטערן האָריזאָנט. אירע שטראַלן האָבן נאָך געגילדט די שפּיצן בערג, און אין די טאָלן האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזט פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס.

אויפֿן פּאָן פֿון בלאַסן הימל האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט די שפּיציקע בײמער מיט פֿאַרגעלטע בלעטלעך. אומעטום — צווישן פֿייגל אין דער הייך און צווישן טרוקענעם גראָז, אַפֿילו אין דער הוילער לופֿט האָט זיך געפֿילט, אַז האַרבסט רוקט זיך אָן.

3. די פּאַנטערע

מיר זײַנען אַריבער נישט קיין הויכע באַרג־קייט און אַרײַן אין שכײניש טאָל. ער איז געווען באַוואָקסן מיט געדיכטן וואַלד. אַן אויסגעטריקנט וואַסער־בעט פֿון א באַרג־שטראָם האָט איבערגעשניטן דעם טאָל. דאָ זײַנען מיר זיך צעגאַנגען: איך — לינקס, און

אַלענטיעוו — רעכטס. ס׳האָט ניט געדויערט קיין פּאָר מינוט, ווי כ׳האָב דערהערט פון זיין זייט א שאָס. האָב איך זיך אויסגעקע־רעוועט און אין דעם אויגנבליק דערזעען, ווי עפּעס א פּאַרביקס, ראַשיקס און בויגיקס האָט א שווינדל געטון און איז פאַרבײַ אינ־דערלופטן. כ׳האָב זיך גלײַך א וואָרף געטון צו אַלענטיעוון. ער האָט אײַלנדיק אָנגעלאָדן די ביקס, נאָר ווי אַפּצולאָכעס האָט זיך דאָרט א פאַטראָן עפּעס פאַרשטאָפּט. דער פאַרשליסער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרמאַכן.

— אין וועמען האָסטו געשאָסן? — האָב איך אים געפרעגט.

— דאַכט זיך, א טיגער, —האָט ער געענטפערט.—די כײַע איז געזעסן אויפן בוים, האָב איך מיך גוט אָנגעצילעוועט און מיסטאַמע געטראָפן. — סאָפּקאָלסאָף האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסנעמען דעם פאַרשטעפּטן פאַטראָן. אַלענטיעוו האָט אָנגעלאָדן די ביקס, און מיר האָבן זיך שטילערהייט געלאָזן צו יענעם אָרט, וווּ ס׳איז פאַר־שוווּנדן געוואָרן די כײַע. דאָס בלוט אויפן טרוקענעם גראָז האָט באַוויזן, אז די כײַע איז פאַרוווּנדעט. פּלוצלינג האָט זיך אַלענ־טיעוו אָפּגעשטעלט און זיך אָנגעהויבן צוהערן. אביסל רעכטס און פאָרנט פון אונדז האָט זיך געהערט עפּעס א כראָפּען. איבער די געדיכטע געוויקסן האָט מען שלעכט געזעען. א גרויסער אומ־געפאַלענער בוים האָט אונדז פאַרשטעלט דעם וועג. אַלענטיעוו האָט שוין געוואָלט אַריבערקריכן איבערן אומגעוואַלגערטן בוים, נאָר די פאַרוווּנדעטע כײַע האָט זיך א כאַפּ געטון און זיך גע־שווינד א וואָרף געטון אים אנקעגן. אַלענטיעוו האָט גלײַך אויס־געשאָסן און ווייטער געראָטן. די קויל האָט געטראָפן דער כײַע אין שטערן אַרײַן. זי איז געפאַלן אויפן בוים און געבליבן הענגען אזוי, אז דער קאָפּ און די פעדערשטע לאַפּעס זײַנען אַראָפּגעהאַנגען פון איין זײַט בוים־שטאַם, און דער הינטערשטער טייל גוף—פון דער צווייטער זײַט. די געטויטע כײַע האָט געמאַכט נאָך עטלעכע גסיסע־באַוועגונגען און אָנגעהויבן ריזן די ערד. די כײַע האָט נאָך א שפּאַר געטון [illegible] ויס און איז שווער אַנידערגעפאַלן מאַמעש דעם יעגער צו די פיס.

כ'האָב מיך צוגעקוקט צום קאָרבן און טייקעף דערקענט די מאנדזשורער פאנטערע, וועלכע די היגע איינוווינער רופן אָן „בארס". געווען איז דאָס אן אויסגעצייכנטער פאָרשטייער פון אָט דער מישפּאָכע און טאקע א גאנץ היפּשער. די לענג פון זיין קערפּער (פון דער נאָז ביזן סאָף עק) האָט געהאלטן 4 פוס מיט אכט דיוימען. די פעל פון דער פאנטערע בא די זייטן און אפן רוקן איז געווען זשאוטער געל, און אפן בויך ווייס, באדעקט מיט שווארצע פלעקן. דערביי זיינען די פלעקן געלעגן רייענווייז, אזוי ווי די פּאסן באם טיגער. בא די לאפּעס און אפן קאָפּ זיינען די פלעקן געווען דריבנע, אָבער אפן האלדז, רוקן און עק גאנץ גרויסע און קיילעכיקע, געראָטן אין רינגען.

אין אוסוריער קאנט האלטן זיך די פאנטערעס אוף אין 'דאָרעם־טייל פון לאנד. די הויפּט־שפּייז זייערע איז געפלעקטע הירשן ווילדע קאָזוליעס און פּאזאנעס. דידאָזיקע כיה איז זייער א כיטרע און פאָרזיכטיקע. קעדיי זיך ראטעווען פון מענטשן, קריכט זי ארויף אף א בוים און קלייבט אויס אזא סוק, וואָס איז פּונקט אנקעגן אירע שפּורן אף דער ערד, צעציט זיך אין דער לענג איבערן דאָזיקן סוק, לייגט איבער דעם קאָפּ אף די פעדערשטע לאפּעס און ליגט אזוי, ווי א פארשטאָרבענע, גלייך ווי זי ווייסט, אז אין אזא מאָס איז זי פיל שווערער צו באמערקן.

אראָפּנעמען די פעל פון דער טויטער כיה האָט פארנומען בא אתדז מער ווי א שאָ צייט. צוריק זיינען מיר שוין געגאנגען טיף אינדערנאכט.

מיר זיינען לאנג געגאנגען, ביז מיר האָבן דערזען פייערלעך פון אתדזער לאגער, און נאָך אין א ווייַלע ארום האָבן זיך שוין ארויסגעוויזן סילועטן פון מענטשן צווישן די ביימער. די סילועטן האָבן זיך באוועגט און אלע מאָל פארשטעלט מיט זיך דאָס פייער. אפן לאגער האָבן אונדז די הינט באגעגנט מיט א פריינטלעכן בילן. די שיסער האָבן אתדז ארומגערינגלט און באטראכט די פאנטערע, און ס'האָט זיך פארבונדן א שמועס ביז שפּעט אינדערנאכט.

4. דאַן־דיאַן־שאַן

אפֿן צווייטן טאָג האָבן מיר גענומען שפּאַנען וויַיטער. דער טאָל האָט זיך אַלץ פֿאַרשמעלערט, און עס איז געוואָרן שווער צו גיין. מיר זיַינען געגאַנגען מיט ניט אויסגעטראָטענע וועגן. די גאַנצע צייַט באַדאַרפֿט אײַנזינען האָבן וואָס ווינציקער דריידלעך צו מאַכן.

צום מיט פֿון טאָג זיַינען מיר צוגעקומען צום סאַמע באַרג־רוקן. דער אויפֿהייב איז געווען שטראָפּיק און שווער. די פֿערד האָבן זיך געדראַפּעט באַרג אַרויף מיט אַלע קריכעס. פֿון אָנשטרענגונג האָבן זיי געציטערט די פֿיס. זיי זיַינען אָפּט געפֿאַלן און האָבן שווער געאָטעמט מיט ברייט־צעעפֿנטע נאָזלעכער. קעדיי צו פֿאַרגרינגערן דעם וועג, האָט מען שוין דאָ געמוזט גיין מיט זיגזאַגן, אָפּט זיך אָפּשטעלן און צורעכטמאַכן די אָנגעלאָדענע פֿערד. סאָפּקאָלסאָף האָבן מיר זיך אויפֿגעהויבן אַרויפֿצו. פֿונדאַנען האָב איך דערזען, ווי אַף דער דלאָניע, די גאַנצע באַרג־קייט דאַן־דיאַן־שאַן. זי האָט זיך געצויגן קיין צאָפֿן מיט אַ לײַכטן אָפּנויג צו מיזרעך־צו. פֿונדערנאָענט האָט זי אויסגעזען אומקלאָר און צעשוווּמען, נאָר וויַיטער צו מיזרעך־צו איז זי געווען הויך און גראַנדיעז. די מיַירעוודיקע באַרג־אַראָפּן זיַינען געווען שטראָפּיקע און אָפּגעהאַקטע. די מיזרעכדיקע — אַסאַך פֿלאַכיקער. לינקס פֿון דער וויַיט האָבן זיך אָנגעזען די טיַיכן: מיַיכע און צימוך, רעכטס — דער באַסיין סוטשאַן, וואָס איז געשפּאָלטן פֿון אָן אַ שיר טאָלן און טיַיכלעך, אין וועלכע ס׳איז זיך שווער צו פֿאַנאַנדערקלײַבן. אַ הערסט זעקס פֿון אונדז פֿונפֿאָרנט־צו האָט זיך געהויבן עפּעס אַ שפּיץ־קלעכער באַרג. אים האָב איך דאָס אָנגעמערקט אַלס אַן אָפּשטעל־פּונקט אַף אַ צווייטן מאָל.

אפֿן שפּיץ פֿון דער באַרג־קייט דאַ־דיאַן־שאַן וואַקסט אַ גרויסער גראָמער וואַלד. דער וועג איז דאָ דעריבער אַ באַקוועמער. אין איין אָרט האָבן מיר דאָרט איבערגעשראָקן צוויי איזיוברעס, אַן „ער״ מיט אַ „זי״. זיי זיַינען אַביסל אָפּגעלאָפֿן און אָפּגעשטעלט

זיך, ווי אײַנגעזונקענע אין דער ערד, און געקוקט אף אונדז מיט שרעק. איינער פון אונדזערע כעוורע האָט געוואָלט אויסשיסן, האָב איך ניט געלאָזט. אן אווירע אומבערעכנגען אזוינע שיינע כײַעס. עסנווארג איז געווען גענוג, די פערד זײַנען אזוי אויך געווען איבערגעלאָדן, אזוי אז מיסנעמען וואָלטן מיר עס סײַווי ניט געקאָנט. כ׳האָב זיך געשפיגלט עטלעכע מינוט אין זיי. צום סאָף האָט דער „ער" ניט אויסגעהאלטן, ארויסגעלאָזט א קורצן קוויטש, פארוואָרפן די הערנער אפן רוקן און אוועקגעשפרונגען אראָפּ א בארג.

5. דער איזיובער

איזיובער — דאָס איז דער איידלסטער הירש פון באאמורער געגנט. דידאָזיקע שטאלטנע כײַע האָט 6 פוס די לענג — און די הייך — $4^1/_2$, די וואָג ביז 12 פוד. די פעל איז בא אים זומער — געל־ברוין, ווינטער — גרוי־ברוין מיט א ווײַס־געלן שפיגל פונ־הינטן, א שיינער קאָפּ מיט גרויסע באוועגלעכע אויערן באהאלט זיך אף א לאנגן קרעפטיקן האלדז, וואָס איז באם „ער" באפוצט מיט א גריווע. די הערנער, ווי פאנאנדערגעצאנגענע גאָפּלען, האָבן פונפאָרנט צוויי גלײַכע שטאמען און עטלעכע אייבערשטע צע־צווײַגן. ווינטער פאלן די הערנער אראָפּ און פרילינג־צײַט וואקסן זיי נאָכאמאָל אָן, דערבײַ קומט יעדער מאָל צו מערער מיט איין צווײַגל. דעריבער קאָן מען וויסן, וויפל דער הירש איז אלט, לויט דער צאָל צווײַגן, צורעכענענדיק איין יאָר — דאָס ערשטע, ווען דער הירש גייט נאָך ארום אָן הערנער. יונגע פרילינגדיקע הער־נער, וואָס זײַנען אָנגעגאָסן מיט בלוט און נאָך ניט פארהארטע־וועט געוואָרן, רופט מען אָן „פּ א נ ט ע ס".

זומער האלטן זיך די איזיובערעס אין שאָטן פון די בארג־וועלדער, און ווינטער — אף דער זונענבאק און אין די טאָלן. די באליבסטע זומער־שפּײַז זײַנע איז „לעספעדעצא", א קוסט אזוינער מיט קליינע בלעטלעך און פּיָאלעטעווע בלימלעך. ווינטער קײַט ער גערן שפּראָצלעך פון אָסינע, טאָפּאָליע און נידעריקע יונגע בערעזקעס.

אינמיטן האלבן טאָג האָבן מיר געמאכט א גרויסע האפּסאָקע. נאָך מײַן כעשבן נאָך זײַנען מיר שוין געווען ניט ווײַט פון דעם שפּיצקײַלעכיקן בארג, ווו כ׳האָב גערעכנט זיך צעלייגן אף נאכט־לעגער.

אין וועג דארף מען זיך רעכענען ניט אזוי מיט די קויכעס פון די מענטשן, ווי מיט די קויכעס פון די אָנגעלאָדענע באַלעכאַיִם. זיי טראָגן אף זיך א פולע מאסע, דארף מען זיי בא יעדער מער אָדער ווייניקער היפּשער האפּסאָקע באפרײַען די רוקנס פון די פּעק.

האָט מען צעזאָטלט די פערד און זיי אָפּגעלאָזט פרײַ. אונטער די אָפּגעשאָטענע בלעטער איז דאָס גראָז נאָך געווען גרין, האָבן די פערד גענעסן צו זאט.

II. די באגעגעניש מיט דערסון

1. דער לאגער אין וואלד

נאָכן אָפּרו האָבן מיר זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג. דאָס מאָל האָבן מיר אָנגעטראָפן אף אן אָנגעוואלגערטן שטורעם־בראָך פון ביימער און צווײַגן. דער וועג איז געווען שווערלעך. ארום פיר אזייגער באטאָג זײַנען מיר צוגעגאנגען צו עפּעס א בארג־שפּיץ. האָב איך איבערגעלאָזט די פערד מיט די מענטשן אפן אָרט און אליין זיך אופגעהויבן ארוף באקוקן דעם ארום.

דאָס, וואָס כ׳האָב דערזעען, האָט מיך גלײַך דערפרייט! מיר זײַנען געשטאנען אפן שפּיצקײַלעכיקן בארג. און דאָס איז געווען אקוראט אזא פונקט, וואָס מיר האָבן געזוכט. פונדאנען קאָן מען זיך פאנאנדערקלײַבן אין דער גאנצער געגנט. צו מײַרעוו־צו האָט זיך געצויגן א הויכער בארג־רוקן, וואָס האָט זיך פארענדיקט צו דאָרעם־צו מיט שארפע אָפּריסן. פון יענער זײַט וואסער־צעטייל האָבן זיך די טאָלן געצויגן קײַן צאָפן־מײַרעוו... וועדליק ס׳ווײַזט אויס, איז דאָרט דער ארויסקוואל פון טײַך לעפו.

ווען כ'האָב זיך אומגעקערט צו מײַן מאכנע, האָט די זון שוין אָנגעהויבן פאַרגיין, און מ'האָט באַדאַרפט וואָס גיכער אָפּזוכן זואַ־סער, אָן וועלכער ס'קאָנען ניט אויסקומען סײַ די מענטשן, סײַ די פערד. דער אַראָפּגאַנג פונעם שפּיצקײַלעכיקן באַרג איז טכילעס געווען אַ פלאַטשיקער, ווײַטער — שוין שרויפיק. די פערד האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ, צוזעצנדיק זיך אויף די הינטערשטע פיס. דאָס געפעק איז זיי געקראָכן אויפן קאָפּ. ס'איז אויסגעקומען דורכ־מאכן לאַנגע זיגזאַגן, און דאָס איז געווען זייער אַ שווערע זאַך בײַ אַזאַ שטורעם־וואַלגער, ווי אויף דעם וועג איז געווען.

פון יענער זײַט באַרג זײַנען מיר באַלד אַרײַן אין די יאַרן. דאָס אָרט איז געווען אַ כאַאָטיש. טיפע טאָלן פאַרוואַלגערט מיט קאָרטשן, באַרג־שטראָמען און פעלדזן, באַוואָקסענע מיט - מאָך, גלײַך ווי שיידים האָבן דאָ געטאַנצט און צעמאָרדעוועט די גאַנצע געגנט. עס איז שווער זיך אויסמאָלן אַ מער ווילדן און שווערן אויסזען, ווי אינעם דאָזיקן באַרגשפּאַלט. ס'טרעפן זיך בערג און וועלדער, וואָס האָבן אַן אײַנגעטומענעם אויסזען, ס'דאַכט זיך דעמאָלט אויס, אַז ס'וואָלט דאָ קיינמאָל ניט נימעס געוואָרן צו זײַן. דאָ איז געווען פאַרקערט. די בערג זעען אויס ברויגעז, ווילד. אינטערעסאַנט, אַז דאָס איז ניט בלויז מײַן געפיל געווען אַזוי, — אַלע, די גאַנצע מאכנע, האָבן אַזוי געהאַלטן. אַרום איז געווען סמוטנע און זייער ניט היימלעך, און דאָס האָבן אַלע אַל־ציינס געפילט.

— נישקאָשע, — האָבן זיך אַנדערע געטרייסט, — מיר וועלן ווי ס'ניט איז איבערנעכטיקן, איין נאַכט איז ניט קײַן יאָר. מאָרגן וועלן מיר געפינען אַ פרײַלעכער אָרט. — ס'האָט זיך ניט געוואָלט דאָ פאַרבלײַבן אפילע אויף איין נאַכט, נאָר מײַלע, וואָס זאָל מען געווען טון, קײַן אַנדער ברירע איז ניט געווען. פונונסן, אויף דעם גרונט פון דעם באַרג־שפּאַלט, האָט גערוישט אַ באַרג־שטראָם, בין איך אַראָפּ אהינצו און האָב אויסגעקליבן אַן אָרט, מער אָדער ווייניקער אַ באַקוועמען, און געהייסן שטעלן די געצעלטן. די טיפע שטילקײַט פון וואַלד האָט זיך באַלד צעהילכט מיט קלאַנ־

נען פון העק און מענטשישע שטימען. מ׳האָט גענומען טראָגן האָלץ, צעזאָטלען די פערד און גרייטן וועטשערע.

א ראכמאָנעס, נעבעך, אויף די פערד! צווישן די שטיינער אי־נעם שטורעמברוך האָבן זיי ניט געהאט וואָס צו עסן. מיר האָבן געהאָפט, אַז, אויב מאָרגן וועט זיך אונדז איינגעבן צוקומען צו די פאַנזעס פון ערדאַרבעטער, וועלן מיר זיי אָנהאָדעווען שוין ווי סע דאַרף צו זיין.

2. דער באַנאַכטיקער גאַסט

אין וואַלד הייבט שטענדיק אָן פרי נאַכט צו ווערן. אין מײַרעווו־זײַט צווישן געדיכטן ביימערשן נאָדלדיקן געוועלבער האָבן זיך נאָך ערגעץ־ווו דורכגעזועען שטיקלעך בלאַסער הימל, און אויף דער ערד האָבן זיך שוין געלייגט נאַכט־שאָטנס. וואָס מער ס׳האָט זיך צעבערענט דאָס פײַער, אַלץ העכער זײַנען באַשײַנט געוואָרן די אַרומיקע קוסטעס און ביימער־שטאַמען. ערגעץ האָט אָן אויס־געהוקעטע וואַלדמויז פּלוצים אַרויסגעלאָזט א קוויטש, נאָר זיך גלײַך דערשראָקן, זיך באַהאַלטן צוריק אין דער נאָרע און זיך שוין מער ניט באַוויזן.

דער לאַגער האָט זיך סאָפּקאָלסאָף אָנגעהויבן ~~בקרויקן~~. נאָך דער טיי האָט זיך יעדערער גענומען צו אַן אַרבעט: ווער ס׳האָט געריייניקט די ביקס, ווער ס׳האָט צורעכט געמאַכט דעם זאָטל, אָדער פאַריכט די צעריסענע מאַלבושים. פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט מען זיך געלייגט שלאָפן, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן און צוגעדעקט מיט די שינעלן. אײַנשלאָפן געוואָרן איז מען ווי געהאַרגעטע. ניט געפונען קײַן שפּײַז אין וואַלד, האָבן זיך אויך די פערד אומגעקערט צום ביוואַק, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און אײַנגעדרימלט.

ניט געשלאָפן זײַנען נאָר איך און אָלעגטיעו. איך האָב אַרײַנגעשריבן אין טאָג־בוך דעם דורכגעמאַכטן מאַרשרוט, און ער האָט פאַריכט זײַנע שיך. אַרום צען אַזייגער אינאַוונט האָב איך פאַרמאַכט די העפט, אײַנגעהילט זיך אין דער בורקע און זיך אַני־

דערגעלייגט לעבן פֿײַער. פֿון היץ, וואָס ס'האָט זיך געהויבן פֿיטן רויך, האָבן זיך געטריגט די צווײַגן פֿון סעמענבוים, אונטער וועלכן מיר זײַנען געלעגן און פֿון צײַט צו צײַט אָט באַוויזן און אָט פֿאַר־שטעלט דעם שוואַרצן הימל, באַשפּרענקלט מיט שטערן.

די ביימער־שטאַמען האָבן אויסגעזען ווי א לאַנגע קאָלאָנאַדע, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אומבאַמערקטערהייט צעטריפּגיסנדיק וידאין דער ווײַט מיטן נאַכטיקן כּישוף.

פֿליצים האָבן די פֿערד אויפֿגעהערט די קעפּ און אָנגעשטעלט די אויערן, נאָכדעם זיך באַרויִקט און נאָכאַמאָל אײַנגעדרימלט. טכילעס האָב איך זיך דערויף ניט אָפּגעקוקט. נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך עפּעס א פֿרעג געטאָן אַלעקסייעווען און ניט געקראָגן פֿון אים קיין ענטפֿער, האָב איך זיך אויסגע־קערעוועט צו אים. אַלעקסייעוו איז געשטאַנען אין אָנגעשטרענג־טער פּאָזע, פֿאַרשטעלנדיק מיט די הענט די שײַן פֿון פֿײַער, האָט ער געקוקט ערגעץ אין א זײַט.

— וואָס האָט זיך געטראָפֿן? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— עמעצער לאָזט זיך אַראָפּ פֿונעם באַרג, — האָט ער געענט־פֿערט שטיל, קאָם וואָס מ'האָט געהערט. מיר האָבן זיך ביידע אײַנגעהערט, נאָר אַרום און אַרום איז געווען שטיל — אזוי שטיל, ווי ס'קאָן נאָר זײַן א וואַלד אין א קאַלטער האַרבסט־נאַכט. פּלו־צים האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פֿאַרטריבן דריבנינקע שטיינדעלעך.

— דאָס איז מיסטאָמע א בער, — האָט אַלעקסייעוו געזאָגט און אָנגעהויבן אָנלאָדן די ביקס.

— סטרעליאַי ניע נאַדאָ, מאַיאַ ליודי!.. שיסט ניט, מיר זײַ־נען מענטשן, — האָט זיך דערהערט פֿון דער פֿינצטערניש א שטים, און אין א פּאָר מינוט אַרום איז צו אונדזער פֿײַער צוגעגאַנגען א מענטש.

אָנגעטאָן איז ער געווען אין א רעקל פֿון אויסגעאַרבעטער הירשן־פֿעל און אויך אַזעלכע הויזן. אויפֿן קאָפּ עפּעס א פּאַטשיילע, אויף די פֿיס האָנטשעס פֿון איזיובערענע אונטעס. אויף דער פּלייצע א שפּײַדזאַק און אין די הענט א סאָשקע (א גאָפּל־שטעק אויף

אַנצישפּאַרן די ביקס בעייסן שיסן) און אַן אַלטע לאַנגע בערדאַנקע.

— גוטן אָוונט, קאַפּיטאַן! — האָט געזאָגט דער אָנגעקומענער, ווענדנדיק זיך צו מיר. ער האָט אַנידערגעשטעלט זײַן ביקס לעבן בוים אַראָפּגענומען פון דער פּלייצע דעם שפּײַז־זאַק, אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם פּנים מיטן אַרבל פונעם העמד און זיך צוגעזעצט צום פײַער. אַצינד האָב איך אים געקאָנט גוט באַטראַכטן. נאָכן אויסזען האָט ער באַדאַרפט אַלט זײַן אַ יאָר פינף און פערציק, אַ מענטש פון מיטעלער וווּקס, אַ ברייטביינערדיקער און מיסטאַמע אַ גאַנץ קרעפטיקער. די ברוסט — אַ הויכע, די הענט קרעפטיקע, מוסקולדיקע, פיס — אַביסל קרומע. אַ טונקל־פאַרברענט פּנים, ווי בײַ אַלע דאָרטנגעבוירטיקע, אַרויסגעשפּאַרטע באַק־ביינער, אַ קליינע נאָז, אויגן מיט אַ מאָנגאָלישן קנייטש אין די אויגנלעפּלעך און אַ ברייטע מויל מיט געזונטע ציין. ניט קײַן גרויסע טונקל־רעסיאַווע וואָנצעס האָבן באַצוימט די אייבערשטע ליפּ, און אַ קליין געלבלעך בערדל האָט באַפּוצט דעם אונטערשטן מוילביין. באַזונדערס איינטערעסאַנט זײַנען געווען די אויגן. טונקל־גרויע (נאָר ניט קײַן קאַרע), האָבן זיי געקוקט רויִק און אַביסל נאַיִוו. ס'האָט פון זיי אַרויסגעשטראַלט אַנטשלאָסנקײַט. דער גאַסט האָט אונדז ניט אַרומגעקוקט אַזוי נײַגעריק, ווי מיר אים. ער האָט אַרויסגעצויגן פונעם בוזעם אַ טאָרבעלע מיט טוטין, אָנגעשאָפּט זיך אין ליולקע און אָנגעהויבן רויכערן. נישט געפרעגט אים, ווער ער איז און פונוואַנען, האָב איך אים פאָרגעלייגט אָפּעסן. אַזוי איז אײַנגעפירט אין דער טײַגע.

— אַדאַנק, קאַפּיטאַן! — האָט ער געזאָגט. מאָיאַ שיבקאַ כאָטשו קושײַ, מאָיאַ סעוואָדניאַ קושײַ ניעסו. — אין דער צײַט, וואָס ער האָט געגעסן, האָב איך אים באַטראַכט. בײַם גאַרטל איז בײַ אים געהאַנגען אַ יעגעריש מעסער: ווײַזט אויס, ער איז אַ יעגער. די הענט זײַנען זײַנען פאַרגרעבטע, צעדראַפּעטע. נאָך מער צעדראַפּעט איז בײַ אים דאָס פּנים. איין שראַם אויפן האַלדז און איינער לעבן אויער. ער האָט אַראָפּגענומען די פּאַטשיילע, האָב איך דערזעען אַ קאָפּ געדיכטע טונקעלע האָר. זיי זײַנען בײַ אים

געהאקטן אין אומאָרדענטנג און אראָפּגעהאנגען אין די זײַטן פאסמעסוויײַז.

אנדזשער גאסט איז געווען פון די שווײַגנדיקע. צום סאָף האָט אלענטיעוו ניט אויסגעהאלטן און זיך אָנגערופן צו אים:

— ווער ביסטו, א בינעזער צי א קאָרייער?

מאָיא גוילד — איך בין א גוילד, — האָט ער קורץ געענטפערט.

— ביסט מיסטאמע א יעגער? — האָב איך אים ווײַטער געפרעגט.

— יאָ, האָט ער געענטפערט, מאָיא פּאָסטאָיאנא אָכאָטא כאָדי — אנדער ארבעט גיין, כאפן פיש פארשטיי איך, נאָר כײַעס יאָגן פארשטיי.

— וווּ וווינסטו? — פרעגט אָלענטיעוו.

— מאָיא דאָמא ניעסו — ניסאָ בא מיר קײַן היים! טאָמיד אין די בערג. פארלייג, געצעלטן מאך, — שלאָף! שטענדיק געיעג, ווען אין היים ווײַן?

נאָכדעם האָט ער דערציילט, אז הײַנט האָט ער זיך געיאָגט נאָך איזיובּרעס, פארהוטנדעס א „זיי", נאָר לײַכס. נאָכיאָגנדיק נאָר איר, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אף אנדזוערע שפורן, זיי האָבן אים פאר־פירט אין יאר, און אז ס'געוואָרן טונקל, האָט ער דערזעען א פײַער, האָט ער זיך געלאָזט גיין אהערצו.

— מאָיא טיכאָנקא כאָדי — איך גיי שטיל, — האָט ער געזאָגט, טראכט זיך, מענטשן ווײַט אין די סאָפּקעס (בערג) געקומען, איך קוק, קאפּיטאן דאָ, סאָלדאט דאָ. דעמאָלט קום איך אהער.

— ווי אזוי רופט מען דיך? — האָב איך געפרעגט.

— דערסו אוזאלא, — האָט ער געענטפערט.

3. דער גוילד

איך האָב מיך פארינטערעסירט מיט דעמדאָזיקן מענטשן. עפּעס אייגנארטיקס איז געווען אין אים, וואָס איז געפעלן געוואָרן. ער האָט גערעדט פּאָשעט, שטיל, זיך געהאלטן אײַנפאך. ניט געכאנ־פעט... מיר האָבן זיך צערעדט. ער האָט מיר אסאך דערציילט פון

זײַן לעבן, און וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ סימפּאַטישער איז ער געוואָרן. כ׳האָב געזען פאַר זיך מאַמעס און אורלאַלטן ייִדער, וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבן פאַרבראַכט אין טײַגע. פון זײַנע רייד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיטלען צום לעבן האָט ער באַקומען מיט דער הילף פון דער ביקס, און די זאַק־דרײַב בײַט ער דערנאָך אויס אויף אַנדערע זאַכן בײַ די כינעזער אויף סוטין, בלײַ און שרויט. די ביקס איז אים געבליבן אַ ירושה פון זײַן פאָטער. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַלט דרײַ און פופציק יאָר, קיינמאָל קיין שטוב ניט געהאַט, ער האָט שטענדיק געוווינט אונטערן פרײַען הימל. און נאָר ווינטער מאַכט ער זיך אַ צײַטווײַליקע יורטע פון קאָרע אָדער בערעסט.

די ערשטע אויפבליצן פון קינדערשע זיכרוינעס, וואָס זײַנען בײַ אים פאַרבליבן, זײַנען: דער טײַך, אַ געצעלט, פײַער, דער פאָטער, מוטער און אַ שוועסטערל.

— ווסע דאוונאָ פּאָמירײַ — אַלע לאַנג געשטאָרבן. ער האָט פאַרענדיקט זײַן דערציילן און זיך פאַרקלערט, אַביסל געשוויגן און אָנגעהויבן ווײַטער און אַ זאָג געטון: בײַ מיר פריִער אויך געווען אַ פרוי, אַ זון, אַ מיידעלע. נאָר פּאָקן מענטשן אַלע פּאַטערט. אַצינד איך איינער אַליין געבליבן... זײַן פּנים איז געוואָרן אַזוי מעסיק, דערמאָנענדיק זיך אין פאַרגאַנגענע איבערלעבונגען, איך האָב זיך געפּרוּווט אים טרייסטן, נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָבן מײַנע טרייסטן פאַר אַן עלנטן מענטשן, בײַ וועלכן דער טויט האָט צוגענומען די פאַמיליע, דעם איינציקן אָנשפּאַר אויף דער עלטער. ער האָט מיר גאָרניט געענטפערט, נאָר נאָך מער אָנגעבויגן דעם קאָפּ. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט אים אַרויסווײַזן מײַן מיטגעפיל, מיט עפּעס אים פאַרגרינגערן, נאָר כ׳האָב ניט געוווּסט מיט וואָס. צום סאָף האָב איך צוגעקלערט. כ׳האָב אים פאָרגעלייגט זיך בײַטן מיט די ביקסן, ער זאָל נעמען מײַן נײַע, און איך זײַן אַלטע ביקס. נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווײַל די אַלטע בערדאַנקע איז אים טײַער, ווי אַן אָנדענק פון זײַן פאָטער. און ער איז שוין צו איר צוגעוווינט, זי שיסט בײַ אים גוט.

ער האָט זיך א צי געטון צום בוים, גענומען זײַן ביקס און אָנגעהויבן זי גלעטן.

די שטערן אפן הימל האָבן זיך איבערגערוקט, און סע שוין געווען נאָך האלבע נאכט. די שאָען זײַנען געלאָפן, און מיר זײַנען נאָך אלץ געזעסן און געשמועסט. גערעדט האָט צומייַנסטן דערסו. איך האָב געהערט מיט גרויס פארגעניגן, ער האָט מיר דערציילט וועגן זײַן געיעג. ווי אזוי ער איז ארײַנגעפאלן אין געפעגנעניש צו די כונכוזן און ווי ער איז אנטלאָפן פון זיי. ער האָט דערציילט וועגן זײַן באגעגעניש מיט טיגערס, גערעדט וועגן דעם, אז מע טאָר זיי נים שיסן – דערפאר וואָס זיי זײַנען „פאר־באָטענע" כײַעס. זיי פארהיטן דעם וושעך־שען פון מענטשן. גערעדט וועגן בייזע גײַסטער, וועגן די פארפלייצונגען א. אז. וו.

איינמאָל איז אף אים אָנגעפאלן א טיגער און אים שטארק פארוווּנדעט. דאָס ווײַב האָט אים געזוכט צען טעסלעס, דורכגע־גאַן מער פון צוויי הונדערט ווערסט און לויט די שפורן אים גע־פונען, נאָר שוין קימאט א טויטן. אסאך בלוט פארלוירן אין דער צײַט, וואָס ער איז געווען קראנק, איז זי געגאנגען אף געיעג.

כ׳האָב זיך אָנגעהויבן בא אים דערפרעגן וועגן דעם אָרט, ווו מיר געפינען זיך. ער האָט געזאָגט, אז דאָס איז דער קוואל פון נעם טײַך לעפו, און אז מאָרגן וועלן מיר צוגיין צו דער ערשטער יענער־פאגזע.

איינער פון די שיסער האָט זיך אופגעכאפט, פארוווּנדערט א קוק געטון אף אונדז ביידן, עפעס א מורמל געטון און נאָכאמאָל אנשלאָפן געוואָרן.

אף דער ערד און אפן הימל איז נאָך פינצטער געווען, נאָר אין יענער זײַט, פונוואנען ס׳האָבן זיך באוויזן אלע מאָל נײַע שטערן, האָט זיך געפילט א נאָענטער באגינען. אף דער ערד איז געפאלן אסאך טוי – א סימען, אז מאָרגן וועט זײַן א שיינער טאָג. ארום און ארום איז געווען שא־שטיל.

אין א שאָ ארום האָט זיך דער מיזרעך אָנגעהויבן רויטלען. ס׳שוין געווען זעקס אזייגער אינדערפרי. ס׳איז שוין צײַט געווען

צו װעקן דעם דעזשורנע. האָב איך אים גענומען טרייסלען פאַרן אקסל. האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, אויסגעצויגן די ביינער. די שארפע שיין פונעם פייער האָט אים געשניטן אין די אויגן האָט ער זיי געזשמורעט. דערזעען דערסו, האָט ער א זאָג געטון מיט א שמייכל:

— אָט א װוּנדער איבער װוּנדער! פונוואַנען קומט א מענטש?!..

און זיך אָנגעהויבן אָנטון.

דער הימל האָט זיך געביטן פון שוואַרץ פריער אף בלוי, נאָכ־דעם גרוי. מוטנע־באַנאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך גערירט אין די ריווען. זיי װעלן פונדאַרטן צוריק זיך ארויסקלייבן, װען די זון װעט זיך באַהאַלטן הינטערן האָריזאָנט.

אײנגיכן האָט אַתדהער לאַגער אופגעלעבט. ס'האָבן זיך צע־שאָטן אינדערלופטן קוילעס פון מענטשן, די פערד האָבן זיך אויס־געכאַפּט פון דרימל. א פייף־מיזל האָט זיך ערגעץ אין א זייט צעפּישטשעט, און אן אנדערע האָט פון ערגעץ אָפּ געענטפערט. ס'האָט זיך דערהערט דער געשריי פונעם פיקהאָלץ. די טייגע איז װאַכ־דיק געוואָרן, פון מינוט צו מינוט איז געוואָרן ליכטיקער, און פּלוצים האָט זיך א גאַנצער סנאָפּ זונשטראַלן ארויסגעריסן פון הינטער די בערג און באַלויכטן דעם גאַנצן װאַלד. אונדזער לאַגער האָט באַקומען אן אנדער אויסזען. אפן אָרט פונעם ברענענדיקן שײַטער איז געבליבן א בערגל אַש; קיין פייער האָט מען שוין קימאַט ניט געזען. אף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט ליידיקע פּושקעס פון קאָנסערוון, אַנשטאָט געצעלטן זײַנען געשטאַנען בלויז דרענגלעך, און ארום און ארום איז געבליבן צעטראָטן דאָס גראָז.

III. װילדע באַזײַרים

1. דער שפּרינגענער

אָפּגעטרעטן טיי, האָבן די שיטער זיך גענומען זאָטלען די פערד. דערסו האָט זיך אויך געקליבן אין װעג. ער האָט אָנגעטון די שפּייז־טאָרבע, גענומען אין די הענט דעם גאָפּל־שטאָק און די

ביקס. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך די מאַכנע געלאָזט אין וועג. דערנאָך איז מיטגעגאַן מיט אונדז.

דער באַרג־שפּאַלט, איבער וועלכן מיר זײַנען געגאַנגען, איז א לאַנגער און געדרייטער, רעכטס און לינקס האָבן זיך געעפנט נאָך אַזוינע באַרג־שפּאַלטן. פון זיי איז מיט א גערויש אַרויסגע־לאָפן וואַסער. דער באַרג־שפּאַלט האָט אָנגעהויבן ווערן ברייטער און ברייטער, ביז ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א טאָל. דאָ זײַנען אויף די ביימער געווען אַלע וועגן־צייכנס, וואָס די יעגערס שניצן אויס. זיי האָבן אונדז דערפירט צו א סטעזשקעלע.

דער גײַד איז געגאַנגען פאָרויס און די גאַנצע צײַט זיך אײַנגעקוקט אונטער די פיס. צײַטנווײַז האָט ער זיך אָנגעבויגן צו דער ערד און צעטומען מיט די הענט דאָס געבלעטער.

— וואָס איז? — האָב איך אים א פרעג געטאָן.

דערנאָך האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז די סטעזשקע איז דורכגעטראָטן ניט פון פערד, נאָר פון מענטשן, אַז אויף דעם וועג זײַנען צעשטעלט סריבל־פּאַסטקעס, און אַז מיט עטלעכע טעג צוריק איז דאָ דורכגעגאַן א מענטש, גיכער פון אַלץ א כינעזער. דעם גײַדס ווערטער האָבן אונדז געכידעשט. באַמערקט, אַז מיר באַציִען זיך צו דעם מיט אומצוטרוי, האָט ער אויסגע־שריגן:

— קאַק וואַשאַ פּאָנימײַ ניעטו, פּאַסמאָטרי סאַם, ווי פאַר־שטייט איר ניט? טוט אומיסטן אַליין א קוק!

דערבײַ האָט ער דאָס אַזוי דערוויזן, אַז מיר האָבן געמוזט מודה זײַן, אַז דאָס איז עמעס. אַלץ איז געווען אַזוי פּאָשעט און פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן זיך געכידעשט, פאַרוואָס האָבן מיר דאָס פריִער ניט באַמערקט. ערשטנס, איז אויף דעם סטעזשקעלע אינערגעץ ניט געווען קיין פערד־שפּורן; צווייטנס, איז עס בײַ די זײַטן ניט געווען אָפּגערײַניקט פון די צווײַגן, אונדזערע פערד האָבן זיך טאַקע דורכגעקליבן מיט גרויס מי, און אַלע מאָל פאַר־טשעפּעט די אָנגעלאָדענע קעפּ אין די ביימער. דריטנס זײַנען די וועג־זיגזאַגן געווען אַזוי שאַרף, וואָס א פערד קאָן זיך נאָר אַזוי

ניט א קערעווע טון. ווײַטער: די שפּורן זײַנען געגאַן דורך די ריטשקעס איבער א קלאָץ, ווי סע גייט א מענטש, ניט קיין פערד, און אכוצדעם האָבן די שפּורן צו קיין וואַכער ניט געפירט; דער שטורעם־וואַלגער, וואָס האָט פארהאַקט דעם וועג, איז ניט געווען דורכגעהאַקט. אלץ איז א סימען דערויף, אז דאָ זײַנען מענטשן געגאַנגען פרײַ, אָן פערד. די סטעזשקע, מאַשמאָעס, איז ניט געווען צוגעפאַסט פאר רײַזנדער מיט פערד.

— דאוונאָ אָדין לידי כאָדי, — האָט געזאָגט דערסו ווי צו זיך אליין. — דאוונאָ לידי כאָדי קאָנטשי, דאָושדי כאָדי — נאָכדעם, אז דער מענטש איז דורכגעגאַן איז שוין א רעגן געגאַן. און דערסו האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען, ווען ס'איז דאָס לעצטע מאָל געגאַן א רעגן.

א שאָ צוויי זײַנען מיר געגאַנגען מיט דערדאָזיקער סטעזשקע. ביסלעכווײַז האָט זיך דער נאָדל־וואַלד אָנגעהויבן בײַטן אויף געמישטן וואַלד. אָפטער האָבן זיך באַוויזן טאָפּאָל, קלעאָן, אָסינע. בערעזע און ליפּע. איך האָב דאָ געוואָלט מאַכן די צווייטע האַס־סאָקע, נאָר דערסו האָט פאָרגעלייגט גיין אביסל ווײַטער.

— נאָשאַ סקאָראָ באַלאַגאַן נײַדי יעסטי, — האָט ער געזאָגט און אָנגעוויזן אויף די ביימער, פון וועלכע ס'איז געווען אראָפּגעריסן די קאָרע. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען. דאָס הייסט, אז ערגעץ נאָענט געפינט זיך עפעס אזוינס, צוליב וואָס מ'האָט געריסן די קאָרע. מיר האָבן צוגעלייגט פיס און אין צען מינוט ארום האָבן מיר דערזען אויפן ברעג פונעם טײַכל א קליינעם באַלאַגאַן מיט אן איינשיפּועדיקן דאַך, ארויסגעבויט אוואַדע דורך יעגערס אָדער זשען־שען־זוכער. דערסו האָט באַטראַכט דעם באַלאַגאַן פון אלע זײַטן און נאָך שטאַרקער פארזיכערט, אז מיט עטלעכע טעג צוריק איז דאָ איבערן גראָז געגאַן א כינעזער און אז ער האָט גענעכטיקט אין דעמדאָזיקן באַלאַגאַן.

דאָס דערבײַיקע אַש, וואָס איז געווען צוגעשלאָגן פונעם רעגן און דערפאר קאַם צו באַמערקן, און ענגער געלעגער פון גראָז און ארויסגעוואָרפענע אלטע וויקעלעך פון א כינע־

זישער קליידונג־פאַטעריע, — דאָס אַלץ האָט באַוויזן, אַז דער־סו איז געקומען.. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דערסו איז ניט קיין פּשוטער מענטש. פאַר אונדז איז געווען א שפּורנקענער. עס זיינען מיר אַרויפגעקומען אַפן געדאַנק די העלדן פון קופּערן און מיידרידן...

2. ווי סע שטעקט מענטשלעכקייט

מע האָט באַדאַרפט האָדעווען די פערד. האָב איך מיך דערווייל צוגעלייגט אָפּרוען אין שאָטן פון א בוים און בין אַנשלאָפן געוואָרן. אין א פּאָר שאָ ארום האָט מיך אָלענטיעוו אויפגעוועקט. דערסו האָט פאַר דער צייט אָנגעהאַקט האָלץ, צונויפגעקליבן בעריעסט און אַלץ צונויפגעלייגט אין באַלאַגאַן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וויל אים פאַרברענען, האָב איך געוואָלט אים אָפּרעדן פון אָט דעם איינפאַל. נאָר אַנשטאָט אַן ענטפער האָט ער געבעטן אַביסעלע זאַלץ און רייז. ס׳איז מיר אינטערעסאַנט געווען וויסן, וואָס ער וויל דערמיט טון, האָב איך אים געהייסן געבן אַלץ, וואָס ער בעט. דער גאָלד האָט גענומען די שוועבעלעך און איינגעוויקלט אינעם בערעסט, דאָס איינגענע האָט ער אויך געטון מיט דער זאַלץ און רייז און אויפגעהאַנגען דאָס אין באַלאַגאַן... נאָכדעם צורעכט געמאַכט די קאָרע־ווענט פון דער גאַנצע איינדרויסן, און אָנגעהויבן זיך קלייבן אין וועג...

— דו רעכנסט זיך מיסטאָמע אומקערן אהערצו? — האָב איך געפרעגט דעם גאָלד.

ער האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. האָב איך אים געפרעגט, צוליב וואָס־זשע האָט ער געלאָזט די שוועבעלעך, רייז און זאַלץ.

— קאַקאָי, קאַקאָי דרוגאָי ליודי כאָדי, באַלאַגאַן ניידי, סוכיע דראָווא ניידי, ספּיטשקי ניידי, קושאַ ניידי, פּראָפּאַדי ניעטו, — האָט ער געענטפערט. דאָס האָט געהייסן — ווער ס׳זאָל ניט קומען, זאָל ער געפינען א באַלאַגאַן, טרוקענע האָלץ, שוועבעלעך און עסן, וועט ער שוין ניט פאַרפאַלן ווערן. דאָס האָט אויף אונדז געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק. מיר האָבן זיך פאַרקלערט:

אָטאָ דער פּאָשטעטער גוילד האָט באַוואָרנט אַ מענטשן, וועלכן ער האָט ניט געזעען און וועט קיינמאָל ניט זען און וועלכער וועט זיך קיינמאָל ניט דערוויסן, ווער ס׳האָט אים צוגעגרייט דאָס האָלץ מיט עסנוואַרג. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז בײַם אָפּטרעטן פֿון די לאַגערס האָבן די שיסער טאָמיד געצונדן די קאָרע. זיי האָבן דאָס געטאָן ניט מאַכמעס שלעכטסקײַט, נאָר גלאַט אַזוי צוליב אַ שפּיל, און איך האָב זיי קיינמאָל ניט געזען... דערדאָזיקער פּערעאָדעט לאָזט זיך אויס, איז אַסאַך מענטשלעכער פֿון אונדז.

— די פֿערד זײַנען גרייט, מע וואָלט באַדאַרפֿט גיין, — האָט געזאָגט צו מיר אָלעקסיעוו.

— יאָ, מע דאַרף גיין...

— מיר פֿאָרן! — האָב איך געזאָגט צו די שיסער און זיך געלאָזט פֿאָרויס מיט דער סטעזשקע.

צו נאַכט זײַנען מיר צוגעגאַנגען ביז דעם אָרט, וווּ צווייטײַכלעך גיסן זיך צונויף אײַנאײַנעם, פֿונוואַנען ס׳הייבט זיך אָן דער טײַך לעפֿו.

נאָך דער וועטשערע האָב איך מיך געלייגט פֿרי שלאָפֿן און טאַקע באַלד אײַנגעשלאָפֿן געוואָרן.

אויפֿן אַנדערן טאָג, אַז איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט, זײַנען שוין אַלע מענטשן געווען אויף די פֿיס. כ׳האָב באַלד געהייסן זאָטלען די פֿערד און ביז די שיסער האָבן זיך געפּאָרעט לעבן די פֿערד, האָב איך צוגעגרייט אַ פֿראַנשעט און זיך געלאָזט פֿאָרויס מיטן גוילד.

3. די יעגער־פּאַנזע

פֿונדאַנען האָט דער טאַל אָנגעהויבן צוביסלעך פֿאַרקערעווען צו מיזרעך־צו. די לינקע טאַל־זײַטן זײַנען געווען שטויפּיקע, די רעכטע — פֿלאַכשיקע. פֿון איין היערסט צו דער צווייטער איז די סטעזשקע געוואָרן ברייטער און בעסער. אין איין אָרט איז געלעגן אַן אויסגעהאַקטער בוים. דערויף איז צוגעגאַנגען צו אים, אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— נאָך אַלץ פֿרילינג געוואַקסן; צוויי מענטשן; צוויי מענטשן
געוואַקסן, איין מענטש הייכער — זיין האָט אַ טעמפּע. אַנדערער
מענטש — קלענערער, זיין האָט — שאַרפֿע.
פֿאַר אָט דעם וווּנדערלעכן בילד איז ניט געווען קיין סוי־
דעס. ווי אַ נאָווי האָט ער געוווּסט אַלץ, וואָס דאָ קומט פֿאָר.
איך האָב באַשטימט זיך אָפּלערנען פֿון אים און אַליין זיך פּרוּוון
פֿאַנאַנדערקלײַבן אין שפּרך. באַלד האָב איך דערזען נאָך אַ צע־
האַקטן קאָרטש. אַרום און אַרום האָבן זיך געוואַלגערט שפּענער
אָנגעוואַקסטע מיט סמאָלע. כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז עמעצער האָט
דאָ אָנגעהאַקט הייצונג. נו, און ווײַטער? ווײַטער האָב איך גאָר
ניט געקענט צוקלערן.
— דאָ איז געווען אַ פּאַנזע, — האָט געזאָגט דער נוילד, ווי
געענטפֿערט אויף מײַנע הילפֿלאָזע געדאַנקען.
— און טאַקע, באַלד אינגיכן האָבן זיך נאָכאַמאָל אָנגעהויבן
טרעפֿן ביימער מיט אָפּגעשיילטער קאָרע, און מיר האָבן שוין גע־
וווּסט, וואָס דאָס באַטײַט.
ווײַטער מיט אַ הונדערט קלאַפּטער און ערגעץ טאַמע באַם
ברעג טײַך, אויף ניט קיין גרויסער לאָנקע איז געשטאַנען אַ יעגער־
פּאַנזע. דאָס איז געווען אַ קליינע געבײַדע פֿון ליים־ווענט מיט
אַ דאַך פֿון קאָרע. זי איז געווען פּוסט. דאָס האָט מען געקאָנט
פֿאַרשטיין דערפֿון, וואָס דער אַרײַנגאַנג פֿון דרויסן איז געווען
אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דרענגל. לעבן דער פּאַנזע איז געווען אַ
קליין נערטנדל, דורכגעגראָבן פֿון ווילדע כאַזייריםס, און פֿון לינקס —
אַ קליין הילצערן אָפּגאָס־שטיבל, אויסגעקערעוועט, ווי שטענדיק,
מיטן פּנים צו דאָרעם־צו.
אינעווייניק — אַ פּאָשעטע הויזראָד, און אײַזערנער קעסל
אײַנגעמויערט אין אַ נידעריקן אויוון. פֿון אים זײַנען גע־
נאַנגען רויך־קוימענס, אַ צווײ־דרײַ אויסגעדאָלבעטע מולטערס, אַ
הילצערנע קרוג אויף וואַסער, אַ קיך־שמאַטע, הילצערנער לעפֿל, אַ
בעזעמל אויף הורכוואַשן דעם קעסל. צוויי פֿאַרשטויבטע פּלע־
שער, עטלעכע שמאַטעס, אַ פּאָר בענקלעך, אַ אייל־לעמפּל.

אַנגעריסענע שפּיקלעך פֿעל פֿון קײַעס צעוואָרפֿן אויף דער פּאָדלאָגע — אָט דאָס איז געווען די גאַנצע באַלעבאַטישקײַט.

פֿונדאַנען, אַרויף מיטן טײַך לעפֿר, זײַנען געגאַן דרײַ טעג. איינער, מיט וועלכן מיר זײַנען געקומען, דער אַנדערער האָט גע־פֿירט אין די בערג צו מיזרען, און דער דריטער קײַן מערעה. דער לעצטער איז אַמאָל געווען אויסגעטראָטן פֿון פֿערד. מיטן לעצטן שטעג האָבן מיר זיך געלאָזט ווײַטער. מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט די ווישקעס די פֿערד אָפֿן האַלדז און געלאָזט, די אָנגעלאָדענע פֿערד זאָלן אַליין געפֿינען דעם וועג. די קלוגע באַלעבאַטים זײַנען גע־גאַן ריכטיק און זיך געפֿלײַסט ניט פֿאַרטשעפּען די פּעק אין די בײמער. אין בלאָטיקע און שטיינערנע ערטער זײַנען זיי ניט גע־שפּרונגען, נאָר געטראָטן פֿאָרזיכטיק. יעדער מאָל געפּרוווט מיט די פֿיס, ווי טע דאַרף צו זײַן. דאָס קענען נאָר די היגע פֿערד, וואָס זײַנען געוווינט צו רײַזעס מיט פּעק אין דער טײַגע.

4. קאַבאַנעס

פֿון דער יעגער־פֿאַנזע האָט לעפֿר אָנגעהויבן פּאַמעלעך פֿאַר־בייגן זיך צו דאָרעס־מיזרען. דורכגעגאַן נאָך אַ ווערסט זעקס, זײַנען מיר צוגעקומען צו די ערדאַרבעטער־פֿאַנזעס, וואָס האָבן זיך געפֿונען אָפֿן רעכטן ברעג טײַך צופֿוסן פֿון אַ הויכן באַרג. וועלכן די כינעזער רופֿן אָן סודינזאַ.

באַם אומדערוואַרטעטן אָנקומען פֿון דער מיליטער־מאַכנע האָבן זיך די כינעזער אַביסל דערשראָקן. האָב איך געבעטן דערטו זאָגן, זיי זאָלן פֿאַר אונדז קײַן מורע ניט האָבן און ווײַטער טון זייער אַרבעט.

כ׳האָב געוואָלט זען, ווי אַזוי כינעזער לעבן אין טײַגע און מיט וואָס זיי פֿאַרנעמען זיך.

פֿעל פֿון קײַעס אויסגעהאַנגען אויף צום טריקענען, הערנער פֿון איזיוברעס צוזאַמענגעלייגט קופּעסווײַז אין קאַמער, הירשענע פֿאַנטעס, יעגלעך און געטריקנטע בערישע גאַל — אַזאַ כינעזישע רעפֿוע, —

קאָלערליי סאָרטן פון פארשיידענע כײַעס, און געבויגן צום מאכן מאסקעס. דאָס אַלץ האָט באוויזן, אַז די היגע כינעזער פארנעמען זיך ניט אזוי מיט ערד־ארבעט ווי מיט געיעג. לעבן דער פאנזע זײַנען געווען קליינע שטיקלעך באארבעטע ערד. די כינע־זער האָבן געזייט ווייץ, טשומיזע און פאפשויע. זיי האָבן זיך גע־קלאָגט אף די אָנפאלן פון קאבאנעס און דערציילט, אַז ניט לאנג האָבן גאנצע טאבונעס זייערע אראָפּגעלאָזט זיך אין טאָל און קאליע געמאכט די פעלדער. דעריבער איז אויסגעקומען אראָפּנעמען ניט קײַן צײַטיק גרינוואַרג, נאָר איצט האָבן זיך שוין אויסגעשאָטן אף דער ערד די דעמבענע ניסלעך, די זשאָלודיעס, זײַנען די ווילדע כאזירים אוועק אין דִי דעמבן־וועלדלעך.

די זון איז נאָך געשטאנען הויך אפן הימל, האָב איך בא־שטימט זיך אופהייבן אפן בארג טודינזא, קעדיי פון דאָרט באקוקן די אומגעגנט. צוזאמען מיט מיר איז געגאַן אויך דערסו. מיר האָבן זיך געלאָזט אזוי אף דער גרינג און גענומען מִיט זיך נאָר ביקסן.

דער בארג טודינזא שטעלט מיט זיך פאָר א טעסטן בארג־מאסיוו, וואָס לאָזט זיך שרויפיק אראָפּ צום טײַך לעפו. איז ער פון צאָפן־זײַט דורכגעשניטן מיט טיפע טאָלן. פארגעלטע בלעטער האָבן שוין אָנגעהייבן פאלן אף דער ערד. דער וואלד האָט זיך אָנגעהייבן דורכלײַכטן, און נאָר דעמבעס זײַנען געשטאנען אָנגע־אָנגעהייבן...

דער בארג איז געווען א שרויפיקער. א מאָל צווי האָבן מיר זיך געזעצט אָפּרוען און נאָכאמאָל געקראָכן ארוף. אַרום און ארום איז די ערד געווען צעגראָבן. דערסו האָט זיך אָפּגעשטעלט און באטראכט די שפורן. נאָך זיי נאָך האָט ער דערקענט, וויפל זײַנען אלט געווען די כײַעס, וואָס זײַנען דורכגעגאַן, און צי זײַ־נען דאָס „ערן" צי „זיען". ער האָט אפילע דערטאפט די שפורן פון א הינקענדיקן קאבאן, אפילע אן אָרט, ווו צווי קאבאנעס האָבן זיך געשלאָגן, און איינער האָט געטריבן דעם צווייטן. נאָך

זײַנע רייד האָב איך זיך דאָס אַלץ שוין פאָרגעשטעלט ווייטער קלאָר. סע איז מיר נאָר געווען אַ כידעש, ווי האָב איך דאָס פריִער ניט באַמערקט די שפורן, און איצט כ׳האָב שוין אַדילע יאָ געזען די שפורן, איז איך נאָר בלויז דעם וועג, מיט וועלכן די כײַעס זײַנען געגאַנגען, נאָר ניט מער.

אין אַ שאָ אַרום האָבן מיר דערגרייכט צום שפיץ באַרג, וואָס איז באַשטאַנען פון צעשאָטענעם מאַסיוו, צעשאָטענעם אף שטיינער.

דאָ האָב איך זיך צוגעזעצט אף די שטיינער און אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן.

אין מיזרעך האָט זיך געהויבן דער גרויסער וואַסער־שייד, וואָס צווישן באַסיין לעפו און די וואַסערן, וואָס פליסן צום טײַך דאַוכע. די צווייטע באַרג־קיים האָט זיך געצויגן פון מיזרעך קײַן מײַרעוו, און געדינט אַלס גרענעץ צווישן די טײַכן לעפו און דאַוכע אין דאָרעם־מיזרעך, דאָרט, ווו די ביידע קייטן זײַנען זיך צונויפגעגאַנגען אינאיינעם, האָט זיך געהויבן דער שפיצקעפּלעכיקער באַרג דאַדיאַנשאַן.

— גיב אַ קוק, קאַפיטאַן! — האָט מיר אַ זאָג געטאָן דערסו, אָנווײַזנדיק אף דער אַנקעגנדיקער סאָל־זײַט.

— וואָס איז דאָס?

כ׳האָב אַ קוק געטאָן, ווו ער האָט אָנגעוויזן, און דערזען עפעס אַ טונקעלן פלעק. כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ שאָטן פון אַ כמאַרע. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער פלעק איבערגעביטן די פאָרם און זיך אַביסל איבערגערוקט אין אַ זײַט.

— וואָס איז עס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם גוילד.

— טיעבע פאָנימײַ ניעטו, — האָט ער געענטפערט. — סע דאַרף גיין גיב אַ קוק.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפלאָזן אַראָפצו. כ׳האָב באַלד באַמערקט, אַז דער פלעק רוקט זיך אונדז אַנקעגן. אין אַ צען מינוט אַרום האָט זיך דער גוילד אָפגעשטעלט, צוגעזעצט זיך אף אַ שטיין און מיר געוויזן מיט אַ ווונק, אַז איך זאָל אויך טאָן דאָס אייגענע.

— מיר דאַ דאַרפֿן וואַרטן, — האָט ער געזאָגט. — דאַרף שטיל זיצן, גאָרניט ברעכן, דאַרף ניט רעדן הויך, דאַרף ניט.

מיר האָבן אָנגעהויבן וואַרטן. אינגיכן האָב איך חײַסטער דער־זען דעם פֿלעק. ער איז היפּש אויסגעוואַקסן. אַצינד האָב איך געקאָנט זען, אַז דאָס זײַנען עפּעס אַ מינע לעבעדיקע באַשעפֿע־נישן, וואָס גייען איבער די גאַנצע צײַט פֿון איין אָרט אַפֿן צווייטן.

— וואַלד־כאַזירים, — האָב איך אויסגעשריגן.

און ווירקלעך ס'זײַנען געווען ווילדע כאַזירים. ס'דאָרט געווען אַחאַדע מער פֿון הונדערט. אייניקע כײַעס זײַנען אָפּגעגאַן אין אַ זײַט, נאָר טייקעף זיך אומגעקערט צוריק.

נאָך אַ ביסל האָט מען שוין געקאָנט זען יעדער כײַע באַזונדער.

— אָדין לידי שיבקאָ באָלשאָי, — האָט ער שטיל אַ זאָג גע־טאָן. כ'האָב ניט פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָס פֿאַר אַ „לידי" רעדט ער און האָב אויף אים פֿאַרכידעשט אַ קוק געטאָן.

פֿון דער מיט טשערעדע האָט אַרויסגעשטאַרטשעט, ווי אַ היפּש בערגל, דער רוקן פֿון אַן אומגעלומפּערט גרויסן קאַבאַן. ער איז געווען גרעסער פֿון אַלע און האָט מיסטאָמע געווויגן אַ פֿוד פֿינפֿן. די טשערעדע איז געווען שוין גאַנץ נאָענט. מע האָט שוין גע־הערט דאָס קנאַקן פֿון טרוקענע בלעטער אונטער הונדערטער פֿיס, דאָס טרישטשען פֿון צעבראָכענע צווײַגן, שאַרפֿע קוילעס פֿון דעם „ער", דאָס כריוקען פֿון כאַזירים און דאָס קוויטשען פֿון קליינע כאַזירימלעך.

— באָלשאָי לידי. בליזקאָ כאָדי ניעטו, — האָט געזאָגט דערסו. כ'האָב אים ווידער ניט פֿאַרשטאַנען.

דער גרעסטער קאַבאַן איז געווען אין מיטן טשערעדע, די איבעריקע האָבן זיך געדרייט בײַ די זײַטן. אייניקע זײַנען אַוועק־געגאַנגען גאַנץ ווײַט פֿון דער טשערעדע, אַזוי אַז אָט די איינ־ציקע כאַזירים זײַנען צוגעגאַנגען האַרט צו אונדז. דער גרעסטער קאַבאַן איז נאָך געווען ווײַט, אויף אַ מעהאַלעך מער ווי אַ שאָס. מיר זײַנען געזעסן און זיך ניט גערירט. פּלוצלינג האָט איינער

פון די קאַבאַנעס, וואָס זײַנען געווען נעענטער צו אונדז אויסגע־
הייבן די מאָרדע. ער האָט עפּעס געקרַיס. איך האָב דערזען אַ
גרויסן כײַעשן קאָפּ, אָנגעשפּיצטע אויערן, אויגן פול מיט רעציכע.
אַ ריידעוודיקע מאָרדע מיט צוויי נאָזלעכער און ווײַסע רײַסציינער.
די כײַע איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין אַן אומבאַוועגלעכער
פּאָזע, אויפגעהערט עסן און אויפגעשטעלט אויף אונדז פאַרכידעשטע
בייזע אויגן. נאָר באַלד האָט זי, ווײַזס אירס, פאַרשטאַנען די גע־
פאַר אין אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן קוויטש. די גאַנצע טשערעדע
האָט מיט אַ ליאַרעם און געפּילדער זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ
זײַט. אין דערזעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ שאָס, און איי־
נע פון די כײַעס איז אומגעפאַלן אויף דער ערד.

בײַ דערסט אין די הענט האָט זיך געקרײַכערט די ביקס. נאָר
עטלעכע רגעס האָט מען געהערט אין וואַלד, ווי סע טרישטשען
די צווײַגן אונטער די פיס און נאָכדעם איז געוואָרן שטיל.

דער קאַבאַן פון אוסוריער קאַנט וועגט 18 פוד און האָט
7 פוס די לענג. אַחוץ וואָרצל־צײַן האָט דער ערי נאָך אַ פּאָר
שאַרפע קליקעס, וועלכע ווערן גרעסער מיט דער עלטער, פאַר־
בייגן זיך אויף צוריק און דערגרייכן ביז 8 דוימס די לענג. אַזוי
ווי דער קאַבאַן האָט ליב זיך קראַצן בײַ די טענענבוימער, צעדער־
ביימער און פּיכטעס, פאַרשמירט ער אָפט זײַנע האַרטע פעלהאָר
מיט סמאָלע. אום האַרבסט, אַז ס׳איז קאַלט, וואַלגערט ער זיך אין
בלאָטע און פון דעם פרירט צו צו דער פעלהאָר די וואַסער, ווערט
ער באַהאַנגען מיט אײַז־צעפּלעך, וואָס ווערן גרעסער און וואַקסן
אַמאָל אַזוי גרויס אויס, אַז דאָס שטערט אים שוין בעיסן גיין.

דידאָזיקע כײַע איז זייער אַ באַוועגלעכע און קרעפטיקע. זי
פאַרמאָגט אַן אויסגעצייכנטע ריח, זייער אַ גוטן געהער און אַ
גוטן כוש־האָרייעך. בעת זי איז פאַרוווּנדעט, דאַרף מען זײַן מיט
איר שטאַרק פאָרזיכטיק. אויב דער יעגער וועט דאָס ניט האָבן
אין זינען, קאָן ער נאָך מיטס אָפּשנײַדן, און אַזוינע פאַלן לייגט
זיך דער קאַבאַן אויף זײַן שפּור מיכן קאָפּ צו דער זײַט פּתאום
אָנפאַלער. דערזעען דעם מענטשן, גיט ער זיך אויף אים אַ וואָרף

מיט אזא שנעלקײַט, אז דער יענער באַװײַזט אָפּט ניט א כאַפּ טון זיך צו דער ביקס.

5. װאָס איז די טײַטש פון „לידי“ בא דערסו

דער קאַבאַן, װעלכן דער גוילד האָט געהאַרגעט, איז געװען א צװײ־יאָריקער כאַזער. כ'האָב געפּרעגט דעם אלטן, פאַרװאָס האָט ער ניט געשאָסן קײַן דערװאַקסענעם כאַזער.

— יעװאָ סטארי „לידי“ — דאָס איז אן אלטער „מענטש“, — האָט ער געזאָגט װעגן אלטן קאַבאַן. — ער איז ניט געשמאַק צום עסן, דאָס פלײש װײניק שמעקט.

כ'האָב מיך געװוּנדערט, װאָס דערסו רופט אָן די כאַזײרים „מענטש“, — האָב איך אים װעגן דעם א פרעג געטון.

— יעװאָ װסיאָ ראַװנאָ לידי, — האָט ער געזאָגט, — טאָלקאָ רובאַשקא דרוגאָי. אָבמאַני פּאָנימײַ, סערדיט פּאָנימײַ, קרוגאָם פּאָנימײַ. װסיאָ ראַװנאָ קאַק לידי, דאָס הײסט: דער כאַזער איז דאָס אײגענע, װאָס א מענטש, נאָר דאָס „העמדל“ (א פעל) אן אנדערס. נאַרסטו אים אָפּ — פאַרשטײט ער, בײזערסטו זיך אָף אים — פאַרשטײט ער, אלצדינג פאַרשטײט ער, אקוראַט װי א מענטש.

מיר איז ערשט דעמאָלט געװאָרן קלאָר, װי סע באַנעמט די נאַטור אָטאָ דער מענטש. אין אלצדינג זעצט ער אײַן א נעשאָמע, א מענטשישע נעשאָמע.

דערסו האָט אינדערגיך „געמאַכט“ דעם קאַבאַן, ארופגעװאָרפן אים צו זיך אָף דער פלײצע, און מיר זײַנען אװעק אהײם.

אין די כינעזישע פאַנזעס איז געװען ענג און רויכיק, האָב איך דעריבער באַשטימט זיך לײגן שלאָפן אונטערן פרײַען הימל, צוזאמען מיט דערסו.

— מאָי דומײַ, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אפן הימל, — באַנאַכט װאָרעם זײַן, מאָרגן אינאָװנט — א רעגן!..

כ'האָב לאַנג ניט געקאָנט אנשלאָפן װערן. א גאַנצע נאַכט האָב איך פאַר זיך געזען דעם קאַבאַנס מאָרדע מיט די צעבלאָזענע

גאָזלעכער. קיין אנדער זאך כּרץ די גאָזלעכער האָב איך ניט געזעען. אָט זייַנען זיי געווען קליינינקע פינסטערלעך, אָט האָבן זיי זיך פאַרגרעסערט און געוואָרן גאַנץ גרויסע. ס׳איז שוין ניט קיין קאָפּ פון א קאַבאַן, נאָר עפּעס א באַרג, און די גאָזלעכער נאָרעס גאַנצע, און אין דידאָזיקע נאָרעס ווייַטער קאַבאַנעס מיט לעכערדיקע מאָרדעס אוינצע.

א מאָדנע זאַך מיטן מענטשישן מויעך. פון אלע אייַנדרוקן פונעם גאַנצן טאָג, פון א פולע אלערליי געשעענישן און טויזנטער קלייניקייַטן, וואָס קומען פאָר אין פארלויף פונעם טאָג, פארגעדענקט זיך שטאַרקער פון אַלץ דאַכּקע ניט דאָס וויכטיקסטע, נאָר א וואָסער ניט איז קלייניקייַט. ערטער, ווו סע בא מיר ניט פאָרגעקומען קיינע שום געשעענישן, געדענק איך אסאַך בעסער, ווי יענע, אין וועלכע ס׳האָט זיך עפּעס געטראָפן. כ׳ווייס אליין ניט, פאַרוואָס כ׳האָב פאַרגעדענקט א בוים, וואָס האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעטיילט פון אנדערע ביימער, א מוראַשניק, א פארגעלטן בלאַט א. אז. וו. מיר ווייַזט זיך אויס, אז כ׳וואָלט די זאכן געקאָנט אויסמאָלן יעדער זאַך באַזונדער מיט אלע פּיטשטשעווקעס.

IV. וואָס איז פאָרגעקומען אינעם קאָריישן דאָרף

1. דערסוס- וועטער־סימאָנים

אופגעכאַפּט האָב איך מיך אינדערפרי שפּעטער פון אנדערע. ערשטנס, האָב איך באַמערקט, אז די זון איז ניטאָ. דער הימל איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט כמאַרעס. באַמערקט, אז די שיסער דעקן אייַן די זאַכן, דער רעגן זאָל זיי ניט דורכנעצן, — האָט דערסו געזאָגט:

— טאָו־אָפּיטסא ניע נאַדאָ. נאַשא דניאָם כאָראָשאָ כאָדי, וועטשעראָם בוידיעט דאָזשד. דאָס הייסט: ס׳זיך ניטאָ וואָס צו אייַלן, ס׳וועט זייַן א גוטער טאָג, ערשט באַנאַכט וועט זייַן א רעגן.

כ'האָב אים געפרעגט, פון וואָס נעמט ער, אַז באַטאָג וועט ניט זײַן קיין רעגן.

— טיעבע טאם פּאָטמאָטרי, — האָט געענטפערט דער גווילד — טו אליין א קוק — ווידיש מאליענקי פּטיצע טודא־טיודא כאָדי, איגרײַ, קושײַ, דאָזשד סקאָראָ — יעוואָ טאָגדא טיכאָנקאָ סידי, ווסיאָ ראוונאָ ספּי. דאָס הייסט: זעסט דאָך, ווי די פֿייגעלעך פֿליִען הין און צוריק ארום, שפּילן זיך און זוכן שפּײַז. ווען ס'זאָל האלטן פאר א רעגן, וואָלטן זיי זיך שטיל־ערהיים געזעסן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געשלאָפֿן.

כ'האָב מיך טאקע דערמאָנט, אַז פאר א רעגן איז שטיל, כמורנע, און איצט פּארקערט: דער וואלד איז לעבעדיק: אומעטום האָבן זיך איבערגערופן פּיקהאָלצס, סויקעס און צעדער־פֿייגל. רירעוודיקע בלוישפּעכטן האָבן זיך פֿריילעך איבערגעסווישטשעט.

צעפרעגט זיך בא א כינעזער ווי אזוי צו גיין, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג.

פֿון יענער זײַט בארג טודינזא צעשפּרייט זיך אינדערבּרייט דער טאָל פֿונעם טײַך לעפֿו (פֿון 1 ביז 3 ווערסט). פֿונדאנען אָן הייבן זיך אָן יישובֿים פֿון מענטשן. ארום צוויי אזייגער באטאָג זײַנען מיר צוגעגאן צום דאָרף ניקאָלײַעווקא, אין וועלכן ס'אין געווען זעקס און דרײַסיק הויפֿן. אָפּגערוט זיך אביסל, האָב איך צוזאמען מיט דערסו געלאָזט זיך גיין ווײַטער, און אָלענטיעוון פארזאָגט, ער זאָל קויפֿן האָבער און אָנהאָדעווען די פֿערד. כ'האָב געוואָלט וואָס גיכער צוקומען צום קאָרײַיש. דאָרף קאזאקעווי־טשעוואָ און שוין נעכטיקן אונטער א דאך.

2. דער איבערשרעק

אין כמארנע הארבסט־טעג ווערט פרי טונקל אינדרויסן. ארום פֿינף אזייגער האָט אָנגעהויבן קאפּען א רעגן. האָבן מיר אָנגעהויבן מאכן ברייטערע שפּאן. דער וועג האָט זיך דאָ צעטיילט אף צווייען. איינער איז אוועק צום טײַך, דער צווייטער, ווי ס'האָט זיך געד־דאכט — אין די בערג. מיר האָבן אויסגעקליבן דעם צווייטן. באלד

האָבן זיך באַוויזן נאָך וועגן, וואָס האָבן איבערגעשניטן אַנדערע
וועג אין פאַרשיידענע ריכטונגען. אַז מיר זײַנען אַנטקעגנגעקומען
צום קאַרייִשן דאָרף, איז שוין געווען אינגאַנצן פינצטער.
פאַר אָס דער צײַט זײַנען די שיסער דערגאַנגען ביזן שייד־וועג
און ניט געקוועסט וועהין זיך נעמען, — האָבן זיי אויסגעשאָסן צוויי
מאָל. קעדיי זיי זאָלן ניט פאַרבלאָנזשעט ווערן, האָב איך זיי אויך
אָפגעענטפערט מיט א שאָס. נאָר דאָ האָט זיך פּליצלינג אין דער
נאָענטסטער־פאַנזע דערהערט א גוואַלד, און באַלד נאָכדעם האָט
פון א פענצטער דערלאַנגט א שאָס, דערנאָך א צווייטער, א דריי־
סער, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אויפגעהויבן א שי־
סערײַ איבערן גאַנצן דאָרף. כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס טוט זיך
דאָ? א רעגן, געשרייען, א שיסערײַ! וואָס האָט זיך דאָ געטראָפן?
פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן פון הינטער א פאַנזע א סנאָפּ שײַן.
דאָס האָט א קאָרייער געטראָגן אין איין האַנט א קעראָסינענעם
סטורקאַטש און אין דער צווייטער האַנט — א ביקס. ער איז געלאָפן
און אויף זײַן לאָשן עפּעס געשריגן. מיר זײַנען אים געלאָפן אַקעגן.
די ציטערדיקע רויטלעכע שײַן פונעם סטורקאַטש האָט געטאַנצט
איבער די קאַליוזשעס און באַלויכטן זײַן צעשראָקן פּנים. אונדז
דערזעען, האָט דער קאָרייער א וואָרף געטון דעם סטורקאַטש אויף
דער ערד, אויסגעשאָסן אין דערסוי און איז אַנטלאָפן. דער קעראָסין
האָט זיך צעגאָסן אויף דער ערד און זיך צעפלאַקערט מיט א רויִ־
כיקן פײַער.
— ביסט ניט פאַרוווּנדעט? — האָב איך א פרעג געטון דערסון.
— ניין, — האָט ער געענטפערט און אויפגעהויבן דעם סטור־
קאַטש.
איך האָב געזען, ווי מע שיסט אין אים און ער שטייט זיך,
גלײַך ווי ניט אים מיינט מען דאָס און מאַכט מיט דער האַנט און
שרײַט עפּעס צו די קאָרייער. דערהערט א שיסערײַ, האָט אָלעג־
טיעה געמיינט, אַז כונכוזן זײַנען אויף אונדז אָנגעפאַלן, האָט ער
געלאָזט לעבן די פערד צוויי היטערס, און מיט די איבעריקע
מענטשן זיך געלאָזט אונדז צו הילף.

סאָסקאָלסאָף האָט דאָס שיסערײַ אױפֿגעהערט. דעמאָלט האָט דערפֿון אָנגעהױבן פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט די קאָרײַער. זײ האָבן בעשולדיקט נײַט געוואָלט עפֿענען אונדז די טירן פֿון זײערע פֿאַנזעס און אריינלאָזן נעכטיקן: ס׳האָט נײַט געהאָלפֿן קײן שום אײַנרײדעניש. די קאָרײַער האָבן זיך געזידלט און צוגעזאָגט נאָך אַמאָל אױפֿהײבן א שיסערײַ.

נעכ. דז. אריטיער פֿרײַען.

נײַט האָבנדיק קײן אנדער ברירה, האָט מען געמוזט אױפֿשלאָגן א לאַגער. מיר האָבן צעלײגט א פֿײַער באַם ברעג טײַך און אָנגעהױבן שטעלן געצעלטן. בײַ א זײַט איז געשטאַנען א צעוואַלגערטע פֿאַנזע, און לעבן איר צונױפֿגעלײגטע קופּעס האָלץ, וואָס די קאָרײַער האָבן צוגעגרײט אױף ווינטער. אין דאָרף האָט זיך די גאַנצע נאַכט געהערט א שיסערײַ. דאָס האָט מען געשאָסן

פֿון די פּאַנזעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אין אַ ריִיִ. צוליב וואָס זיי שיסן, האָבן זיי אַלײן נישט געוווּסט. די שיסער האָבן געלאַכט און זיך געווידלט.

3. דער איבערטאָג

אין מאָרגן האָבן מיר באַשטימט „איבערטאָגן" דאָ, אָדער, ווי מע זאָגט צווישן די ווײַסער־לײַט, מאַכן „אַ דניאָווקע". די שיסער האָב איך באַפֿוילן באַקוקן די וואָפֿן, אויסרייניקן די ביקסן און אויסטריקענען די נאַסע זאַכן.

דער רעגן האָט אויפֿגעהערט: אַ צאַפּן־סעראַוויִיִדיקער פֿרישער ווינט האָט צעטריבן די כמאַרעס; די זון האָט אַרויסגעשײַנט...

כ'האָב מיך אָנגעטאָן און אַוועק באַטראַכטן דאָס דאָרף.

כ'האָב געמײנט, אַז נאָכן נעכטיקן געווּלדער וועלן די קאַרייער קומען צו אונדז אויף לאַגער באַטראַכטן די בענטשן, אין ווײַלכע זיי האָבן געשאָסן. ס'הייבט זיך נישט אָן. פֿון אַ שכײנישער פּאַנזע זײַנען אַרויסגעגאַן צוויי פּאַרשוין, אָנגעטאָן אין ווײַסע רעקלעך מיט ברייטע אַרבל, אין ווײַסע וואַטאָווע פּלודערן און ווײַסע געפֿלאָכטענע שיך אויף די פֿיס. זיי האָבן אויף אונדז אפֿילו קײן קוק נישט געטון און זיך געגאַן ווײַטער. לעבן אַ צווייטער פּאַנזע איז געזעסן אַן אַלטער און געדרייט אַ פֿאָדעם. אַז איך בין צו אים צוגעגאַן, האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און גלײַכגילטיק אויף מיר אַ קוק געטון. איבערן וועג אַקעגן אונדז איז געגאַן אַ פֿרוי אָנגעטון אין אַ ווײַס קליידל און אין אַ ווײַס קאָפּטל; די ברוסט אָפֿן. אויפֿן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ ליימענעם קרוג מיט וואַסער. געגאַן איז זי גלײַך, גראַציעז און אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד. זיך אויסגעגלײַכט מיט אונדז, האָט זי זיך נישט אָפּגעשטעלט, נישט אָפּגעטראָטן דעם וועג און נישט אויפֿגעהויבן די אויגן, נאָר געגאַן זיך ווײַטער. אומעטום, וווּ נאָר איך בין געגאַן, האָב איך געזען די זעלטענע גלײַכגילטיקײַט, מיט וועלכער סע צייכענען זיך אַזוי אויס די קאָרייער. „דאָס לאַנד פֿון פֿרימאָרגן־רויִקײַט", — האָב איך ביי דערמאָנט דעם נאָמען, וואָס מע האָט געגעבן קאָרייע.

די קאָרייער וווינען טסטערווײַז. די פאַנזעס זײַנען צעוואָרפֿן ווײַט איינע פֿון דער אַנדערער, יעדער פאַנזע אַרומגערינגלט פֿון אירע פֿעלדער און גערטנער. אָט פֿאַרוואָס אַ מיטל דאָרף פֿאַרנעמט אַ מעהאַלעך פֿון עטלעכע קוואַדראַטע ווערסט.

אויף צוריקוועגס צום לאַגער בין איך אַרײַנגעגאַן אין אַ פאַנזע. די דינע ווענט זײַנען געווען אַרומגעשמירט מיט ליים פֿון אינעווייניק און פֿונדרויסן. די פאַנזע האָט געהאַט דרײַ טירן מיט גראַטעס־פֿענצטער, באַקלעפּט מיט פּאַפּיר. דער שטרויענער דאַך האָט געהאַט פֿיר אַראָפּן און איז געווען צוגעדעקט פֿנויבן מיט אַ נעץ, אויסגעפֿלאָכטן פֿון טרוקענעם גראָז.

אין דער דאָזיקער פאַנזע האָב איך דערזען יענע פֿרוי, וואָס כ'האָב באַגעגנט מיטן קרוג וואַסער אויפֿן קאָפּ. זי איז געזעסן אויף די שפּיץ פֿינגער און געגאָסן וואַסער אין קעסל פֿון הילצערנעם קרוג. געטאָן האָט זי דאָס לאַנגזאַם. דעם קרוג אויפֿגעהויבן אַרויף צו און געגאָסן די וואַסער עפּעס מאָדנע — דורך דער האַנט אין דער רעכטער זײַט. די האָט גלײַכצײַטיק אַ קוק געטאָן אויף מיר און שווײַגנדיק זיך ווײַטער געטאָן איר אַרבעט. אַקעגן איז געזעסן אַ מאַנצביל פֿון אַ יאָר פֿופֿציק און געריכערט אַ פּיפּקע. אויף מײַן גוטמאָרגן האָט ער גאָרנים געענטפֿערט, אַפֿילו קיין ריר זיך ניט געטאָן. כ'בין אָפּגעזעסן אַ פּאָר מינוט, נאָכדעם אַרויסגעגאַן אינדרויסן און אַוועק צו מײַנע כאַווערלײַט.

4. אַן עקסקורסיע

נאָך מיטאָג האָב איך זיך געלאָזט אויף אַן עקסקורסיע איבער דער געגנט. אַריבערגעפֿאָרן אויף דער צווייטער זײַט טײַך און זיך אויפֿגעהויבן אויף אַ הויכעניש. דאָס איז געווען אַן אוראַלטע טײַך־טעראַסע אַ 10—12 קלאַפֿטער די הייך. פֿונדאַנען האָט זיך פֿאַר מיר געעפֿנט אַ זעלטן שיינער לאַנדשאַפֿט: דער טאָל פֿון לעפֿו, דער רעכטער ברעג, וווּ ס'האָט זיך געפֿונען דאָס קאָרייִשע דאָרף, איז אַ נידעריקער.

פּונקט אַף אַזאַ מין איראַלסער סטײַר־סעראַסע איז איך גע־
שטאַנען דאָס רוסישע דאָרף איוואַנאָווסקאָיע. דאָרט איז געווען
באַ אַ צוויי הונדערט הײַזער. נאָך ווײַטער ווערט שוין דער
סאָד פון לעצטע בעשטימטן. פלאַסטיקע בערילען הייבן זיך וויגציק
אויף איבער דער אַלגעמײַנער פלאַך אין ווײַנען באַדעקט מיט דעם־
בענעם אין שוואַרץ־בערעזענעם שיכטערוואַלד.



געמ. 19. אַ ביספּאַבן.

אַ טאָג צוויי האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבער דער אומ־
געגנט, און נאָכאַמאָל צוגעגאַן צום אָפּריס. דער טאָג האָט זיך גע־
רוקט צו דער נאַכט. איבערן הימל ווײַנען פּאַמעלעך געקראָכן ראָזע
וואָלקנדלעך. ווײַסע בערג, באַלויכטענע מיט די לעצטע שטראַלן
פון דער פאַרגייענדיקער זון, האָבן אויסגעזעען פיאָלעט. ביימער,
אויסגעטנענע פונעם נעבלטעפּער, האָבן אויסגעזעען איינפאַרביק־

נרד. אין קאַרייִשן דאָרף איז געווען אַבסאָליוט רויִק, ווי פֿריִער. פֿון די לאַנגע פּאַנזע־קרעפּענס האָבן זיך געצילעגנגלט ווײַסע רויכלעך. ביך ווײַנען זיי צעגאַנגען אין דער פֿאַרנאַכטיקער קילבלעכער לופֿט. איבער די סטעזשקעלעך האָבן ערגעץ־ווו געשווינדלט ווײַסע געשטאַלטן פֿון קאַרייִער. פֿותנסן, באַם סאַמע סײַך, האָט געבערענט א פֿײַער.

דאָס איז געווען אַתדזער לאַגער.

צודיקוועגס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן נאַכט, די וואַסער אין סײַך האָט אויסגעזעען שוואַרץ. אויף איר רויִקן אויבערפֿלאַך האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער פֿלאַם פֿונעם פֿײַער און די שטערן, וואָס האָבן זיך געטינעט אויפֿן הימל. לעבן פֿײַער זײַנען געזעסן די שיסער; איינער האָט עפּעס דערציילט, אַנדערע האָבן געלאַכט.

— וועטשערע עסן! — האָט א געשריי געטון דער דעזשורנע.

ס'איז באַלד שטיל געוואָרן. דער שפּאַס מיטן געלעכטער האָבן זיך פּלוצעם איבערגעריסן.

5. דערסוס נאַכטלעגער

נאָך דער סיי האָב איך זיך געזעצט באַם פֿײַער און אָנגעהויבן אַרייַנשרײַבן אין טאָגבוך מײַנע באַאָבאַכטונגען. דערסו האָט צורעכט געמאַכט דאָס פֿײַער און דערבײַ זיך געפּאָרעט מיט זײַן שפּײַז־טאָרבע.

— ביסל־ביסל קאַלט האָט ער געזאָגט און געמאַכט מיט די אַקסלען.

— גיי שלאָפֿן אין פּאַנזע, — האָב איך אים געעצעט.

— כ'וויל ניט, — האָט ער געענטפֿערט, — מאָיא וועסענדרא טאַק ספּי — איך שלאָף שטענדיק אזוי.

דערנאָך האָט ער אָנגעשטעקט עטלעכע צוויַיג־פּרוטלעך הינ־טער זיך, איבערגעצויגן זיי מיטן לײַוונט פֿונעם געצעלט, אויס־געשפּרייט אויף דער ערד א ציגענע פֿעל, אַנידערגעזעצט זיך אויף איר, אַרופֿגענומען אויף זיך דאָס לעדערנע רעקל און פֿאַרויכערט די פּיפּקע. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך דערהערט א לײַכט כראָפּען. ער איז געשלאָפֿן, דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען אויף דער ברוסט, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. די פֿאַרלאָשענע פּיפּקע איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿונעם מויל און געלעגן אויף די קני.

— און אזוי דאָס גאַנצע לעבן ווײַטס ! האָב איך א טראכט געטון וועגן דעמדאָזיקן זעלטענעם גוילד. מיט וואָס פֿאַר א שווערער מי האָט דערדאָזיקער מענטש געקראָגן פֿאַר זיך די גוי־טיקע מיטלען צום לעבן !

פֿון דער ווײַט האָט צוגעשטילט געוווּשט דער טײַך; ערגעץ הינטערן דאָרף האָט א הונט געבילט. אין א ווײַטער פֿאַנזע האָט געוויינט א קינד. אײַנגעהילט זיך אין דער בורקע, האָב איך זיך אויסגעקערעוועט מיט דער פּלייצע צום פֿײַער און בין געשמאַק אנשלאָפֿן געוואָרן.

אף מאָרגן אינדערפֿרי ווײַנען מיר שוין קאַיאָר געווען אף די פֿיס. ניט געפֿונען וואָס צו עסן אף די קאָרייִשע פֿעלדער, ווײַנען זיך די פֿערד אוועק צו די בערג נאָך א ביסן גראָז. אין דער צײַט, וואָס מע האָט זיי געזוכט, האָט דער דערזשורנע דערוויַיל אָפּגע־קאָכט קאַשע, אופגעוואָסן טיי. ווען סע האָבן זיך אומגעקערט די שיסער מיט די פֿערד, האָב איך שוין באַוויזן ענדיקן מײַן ארבעט. אבט אזייגער אינדערפֿרי האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. דער פּיזאוש פֿון בערג האָט אָפּגעטראָטן ווײַן אָרט פֿאַר אנדערע, סטעפּארטיקע נאַטור־בילדער.

נאָר אונדזער סטעזשקע האָט אָנגעהויבן פֿאַרקערעווען אף לינקס צו די בערג און אונדז פֿאַרפֿירט אף א ווערסט פֿיר פֿון טײַך. אין דעם טאָג האָבן מיר ניט באַוויזן דערגיין צום דאָרף ליאַליטשי, און אָפּגעשטעלט זיך אף נאַכטלעגער באַם ברעג פֿון א קליין געשלענגלט טײַכל א ווערסט זעקס פֿון דאָרף.

6. ארום דאָרף ליאַליטשי.

אינאָוונט בין איך מיט דערסו געזעסן באַם פֿײַער און געשמועסט וועגן ווײַטערדיקן מאַרשרוט איבער די ברעגן פֿון טײַך לעפֿו. מיר האָט זיך ווייער געוואָלט א קוק טון אף דער אָזערע כ א נ ק א, וואָס דער באַרימטער רײַזנדער פּרזשעוואַלסקי האָט אזוי געלויבט. דער גוילד האָט מיך געוואָרנט, אז ווײַטער גייען גרויסע זומפּן און אן אומעגלעכער וועג, דעריבער האָט ער פֿאָרגעלייגט דעם ווײַטער־

ריקן װעג דורכמאַכן אױף אַ שיפֿל און די פֿערד מיט אַ טײל פֿון דער מאַכנאָ אַנדערער איבערלאָזן אין דאָרף ליאַליטשי. מיקריעכן פֿאָרן מיטן מײַן האָב איך אים געפֿאָלגט, נאָר די פֿערד מיט די איבעריקע מענטשן האָב איך געלאָזט אין אַן אַנדער אָרט.

אױף מאָרגן אינדערפֿרי האָב איך מיט זיך מיטגענומען נאָר אַלעקסיעװן און אײן שיסער מאַרטשענקאָ. די איבעריקע זײַנען געבליבן אין דאָרף טשערניגאָװקע, װוּ זײ האָבן געדאַרפֿט װאַרטן אױף אונדז. אין דאָרף האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן קריגן אַ גאַנץ נישקאָשעדיק פֿלאַכשיפֿל, מיר האָבן פֿאַר דעם אָפּגעצאָלט צװעלף רובל מעװזאָגים. אַ גאַנצן טאָג זײַנען מיר געװען פֿאַרנומען מיט גרייטן זיך אין װעג אַרײַן. דערבײַ האָט צוגעלאַדעט די װעסלעס, געמאַכט פֿאַר זײ די אױרינגען, אין װעלכע זײ זיצן, געמאַכט אַן אָרט צום זיצן און צוגעגרייט שטופּדרענגלעך. ס׳איז געװען אַ כּיעס צו קוקן, װי די איבעס האָט געבערנט בײַ אים אונטער די הענט, און דאָך אַלץ באַטראַכט, געמאָסטן און פֿאַרזיכטיק. ס׳האָט זיך געפֿילט, אַז ער האָט דורכגעמאַכט אַזאַ שול אין זײַן לעבן, װאָס האָט אים אױסגעלערנט זײַן ענערגיש, אַרבעטזאַם און ניט פֿאַטערן אומזיסט קײן צײַט. צופֿעליק האָט זיך אין אײן שטוב אָפּגעזוכט אַביסל טרוקענע סעכערעס. און װאָס נאָך האָבן מיר געדאַרפֿט? טײ, צוקער, זאַלץ, גרױפּן און קאָנסערװן האָבן מיר געהאַט גענוג. טאַקע דעם אָװנט האָבן מיר אַריבערגעטראָגן אַלץ אױפֿן שיפֿל. אַלײן זײַנען מיר געבליבן נעכטיקן אױפֿן ברעג. די נאַכט איז געװען אַ קאַלטע און װינטיקע. קײן כאַך האָלץ איז ניט געװען. בעצלײַגן אַ גרױס פֿײַער האָט מען דעריבער ניט געקענט. בקיצור, מיר האָבן געפּרוּװירן און קימאַט װי ניט געשלאָפֿן, װי כ׳האָב מיך ניט געסטאַרעט אײַנװיקלען זיך און דער בורקע, האָט אָבער דער װינט ניט געלאָזט. געפּונען אַלע מאָל אַן אַנדער שפּאַרונע און געקילט אַלע װײַלע אַ נײַ אָרט. אָט די פּלײצע און אָט יענע זײַט, און נאָ דיר גאָר דעם רוקן. דאָס נאַסע האָלץ האָט געפּרישטשעט און צעװאָרפֿן פֿונקען אין אַלע זײַטן. בײַ דערבײַ איז די קאָלדרע דורכגעבערנט געװאָרן. דורכן שלאָף האָב

איך געהערט, ווי ער שעלט דאָס שײַסל האָלץ און אָנגערופן דאָס דערבײַ אויף זײַן לאָשן: „שלעכטער מענטש“!

— יעוואָ פּאָסטאָיאַנאָ סאַק גאָוױ, חסיאָ ראַוונאָ קריטשי, שטענדיק ברענט ער זיך אַזוי, קיין שום שרײַען וועט ניט העלפן האָט ער צו עמעצן גערעדט, און דערבײַ נאָכגעמאַכט מיט זײַן שטים, ווי אַזוי דאָס האָלץ קנאַקט... יעוואָ נאַדראָ גאַניאַי!

דערנאָך האָב איך דערהערט אַ פּליוך אין וואַסער און דאָס זידן פֿון אַ האָלאָטעשקע. ווי ס׳ווײַזט אויס, האָט דער אַלטער אויסגעוואָרפן עס אין טײַך. אינגיכן האָב איך מיך אַביסל דערוואַרעמט און בין אײַנגעשלאָפן געוואָרן. באַנאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און דערזען דערסו זיצן בײַם שײַטער. ער האָט צורעכט געמאַכט דאָס פֿײַער. דער ווינט האָט צעבלאָזן דעם פֿלאַם אין אַלע זײַטן. אַכוץ דער בורקע איז אויף מיר געלעגן דעם גוילדס קאָלדרע, הייסט עס, ער האָט מיך צוגעדעקט, און דערײַבער, ווײַזט אויס, האָב איך מיך דערוואַרעמט. די שיסער זײַנען געווען איבערגעדעקט מיטן לײַוונט פֿון זײַן געצעלט. האָב איך אים באַלד געהייסן זיך לייגן אויף מײַן אָרט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

— ניע נאַדאַ, קאַפּיטאַן, האָט ער געזאָגט. טיעבע ספּי, מאָיאַ בודעט קאַראַולים אַגאָני. דו, הייסט עס, שלאָף, און איך וועל היטן דאָס פֿײַער. יעוואָ שיבקאָ ווערדגעי, האָט ער אָנגעוויזן אויפן האָלץ.

וואָס מער כ׳האָב מיר צו דעם דאָזיקן מענטשן צוגעקוקט, אַלץ מערער איז ער מיר אײַנגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן. יעדער טאָג האָט אַרויסגעוויזן נײַע שטריכן פֿון זײַן איידעלער נעשאָמע. כ׳האָב שטענדיק געהאַלטן, אַז עגאָיזם איז אין דער טעווע פֿון די „ווילדע“, אָפּגעשטאַנענע מענטשן. לײַטישע געפֿילן, — האָט מען מיך פֿון קינדווײַז אויף געלערנט — מענטשן־ליבע, איידלקײַט אין געטרײַשאַפֿט צו אַ ווילדפֿרעמדן מענטשן, — דערויף איז פֿעיִק בלויז אַ קולטורעלער אייראָפּייער. דאָס איז דאָך אַ גראָבער טאָעס?!

מיט אַזעלכע געדאַנקען בין איך אַנדרימלט געוואָרן און אָפּגעשלאָפן ביז אינדערפֿרי.

V. מיטן נידער־שטראָם פון לעפו

1. אַף א שיפל איבערן טײַכטאָל

אַז דערסו האָט אונדז אופגעוועקט, איז שוין געווען אינגאַנצן ליכ־טיק. ער האָט דערוואַרעמט די טײ און אָפגעבראָטן פלײש. נאָכן אָנבײַסן האָב איך אָפגעשיקט די קאָמאַנדע מיט די פערד קײן טשערניגאַווקע, דערנאָך האָבן מיר אָפגעשײַפּט דאָס שיפל פון ברעג און געלאָזט זיך אין וועג מיטן וואַסער.

אונטערגעטריבן פון די דרענגלען, איז אונדזער שיפל גוט געגאַן מיטן שטראָם. אָפגעשווומען א ווערסט פינף, האָבן מיר דערגרייכט צום אײַזנבאַן־בריק און אָפגעשטעלט זיך אָפרוען.

דערסו האָט דערציילט, אַז קינדווײַז איז ער געווען אין אָט־די ערטער מיט זײַן פאָטער אף געיעג נאָך ציגן. וועגן אײַזנבאַן האָט ער געהאט געהערט פון כינעזער, נאָר אליין האָט ער אים ביז דעמאָלט ניט געזען.

נאָך א קליינער האפּסאָקע זײַנען מיר געשווומען ווײַטער. לעבן אײַזנבאַן־בריק האָבן זיך די ברעג געענדיקט. כ׳בין ארויס פון שיפל און זיך אופגעהויבן אף דער נאָענסטער סאָפּקע, קעדיי צום לעצטן מאָל זיך ארומקוקן אף אלע זײַטן. א שיינע פּאַנאָראַמע האָט זיך צעוויקלט פאר די אויגן. פונהיטן אין מיזרעך האָבן זיך בערג געהויבן; אין דאָרעם האָבן זיך גענעען פלאַטשיקע בערגלעך, באַוואָקסן מיט בלעטערדיקן שיטערוואַלד; צו צאָפן, אף וויפל דאָס אויג האָט געכאַפּט, האָט זיך צעשפּרייט אן אומ־ענדלעך נידערלאַנד, באַדעקט מיט גראָז. מ׳האָט בעשומויפן ניט געקענט זען, ווו סע לאָזט זיך אויס דאָסדאָזיקע נידערלאַנד. סע האָט זיך געצויגן ווײַט און זיך באַהאַלטן ערגעץ־ווו הינטערן האָריזאָנט.

א ווינט האָט צײַטנווײַז געווייעט. האָט זיך דאָס גראָז געוויגט און געכוואַליעט ווי א יאַם. ערגעץ־ווו גרופּעסווײַז אָדער

איינציקווײַז זײַנען געוואַקסן פאַרדאַרטע בערעזקעס, אין אַנדערע דאַרע בלעטער־ביימער. פונעם באַרג, וווּ איך בין געשטאַנען, האָט מען געקענט ווײַט־ווײַט נאָכקוקן נאָכן טײַך לעפע אַדאַנק די הערשײַנער־ביימער, וואָס זײַנען געוואַקסן אָן אַ שיר לענגאויס די ברעגן זײַנע. פון אָנהייב האַלט ער זיך נאָך בײַ זײַן ריכטונג קיין צאָפן־מיזרעך, נאָר ניט ווײַט פון די סאָפּקעס, וואָס זעען זיך אָן אין מיזרעך־זײַט אַ ווערסט אַכט פונדאַנען פאַרקערעוועט ער קיין צאָפן, עטוואָס אָפּגעטויגט צו מיזרעך־צו. אָן אַ שיר פּאַראַלעלע בײַטײַכלעך, בלינדע אַרבל און פאַרגאָסענע לאָנקעס רינגלען אים אַרום פון ביידע זײַטן. טויט און וויסט האָט אויסגעזען דאָס אָרט. די קאַליושעס, וואָס האָבן זיך געפינקלט אף דער זון, האָבן דערמאָנט, אַז אין דער רעגנדיקער צײַט פון יאָר ווערט דער טאָל פון טײַך לעפע זייער לײַכט פאַרטרונקען.

צו האַלבן טאָג זײַנען מיר צוגעפאָרן צו אַ הויכעניש, וואָס איז געלעגן אַפן סאַמע ברעג טײַך פון דער לינקער זײַט. דידאָזיקע סאָפּקע, אַ 60—70 קלאַפטער די הייך, איז באַדעקט מיט שיטער־וואַלד פון דעמב, בערעזעס, נוסנביימער און אַקאַציעס.

פאַרן צווייטן האַלבן טאָג זײַנען מיר דורכגעפאָרן נאָכאַמאָל אַזויפיל ווי אינדערפרי און נאָך גאָר פאַרפרי אופגעשלאָגן נאַכט־לעגער.

דאָס זיצן אין שיפל איז אונדז שוין שטאַרק דערעסן. דעריבער איז מען גערן אַרויס פונעם שיפל זיך אויסגלײַכן די ביינער. מיך האָט געצויגן אין פעלד אַרײַן. אָלענטיעוו און מאַרטשענקאָ האָבן זיך גענומען אײַנאָרדענען דעם לאַגער, און איך מיט דערסו זײַנען אַוועקגעגאַן אף געיעג. פונעם ערשטן טראָט אָן האָבן אונדז אַרומגעכאַפּט הויכע גראָזן פון אַלע זײַטן. אַזוי הויך און געדיכט זײַנען זיי געווען, אַז אַ מענטש האָט אויסגעזען צווישן זיי ווי דערטרונקען. אונטער די פיס — גראָז, פון פאָרנט און פון הינטן — גראָז, פון די זײַטן — אויכעט גראָז, און נאָר פון אויבן — בלויער הימל. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיר שפּאַנען איבערן גרונט פון אַ גראָז־יאַם. נאָך שטאַרקער איז געווען דערדאָזיקער

אײַנדרוק, ווען מיר האָבן זיך אױסגעהױבן אַף אַ בערגל און דערזען, ווי דער סטעפּ האָט זיך געכוואַליעט. הילפֿלאָז האָב איך זיך נאָכאַמאָל אײַנגעטונקען אין גראָז און געשפּאַנט ווײַטער. אין דער דאָזיקער ערטער איז אַזױ לײַכט צו בלאָנדזשען, ווי אין אַ וואַלד. מיר זײַנען עטלעכע מאָל אַראָפּ פֿון וועג, נאָר באַלד זיך געכאַפּט. דערטו פֿלעג כאַפּן דאָס ביטערגראָז מיט די הענט און בײגן עס צו דער ערד, און איך האָב געקוקט פֿאָרױס, אין אַלע זײַטן, און אומעטום האָב איך נאָר געזען אַן אומסאָפֿיקן צעכוואַליעטן גראָז־יאַם, אַ יאַם פֿון אַנדערהאַלבן־קלאַפּטערדיקן קאַמיש און קימאַט קלאַפּטערדיקע ביטערגראָזן.

2. אין דער צײַט פֿון פֿייגל־איבערפֿלי

די איקער־באַפֿעלקערונג פֿון דידאָזיקע סטעפּ־זומפּן באַשטײט פֿון פֿייגל.

ווער ס'איז ניט געווען אין די נידערנישן פֿונעם טײַך לעפֿו אין דער צײַט פֿון איבערפֿלי, קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן, וואָס דאָרטן קומט דעמאָלט פֿאָר. טויזנט־טויזנטער פֿייגל, גרויסע און קלײנע, ציִען מאַכנעסווײַז קײן דאָרעם־צו. אײניקע פֿליִען אַף צוריק־צו. אַנדערע באַלאַכטן אין אַ זײַט. און אַלע ריסעווען זײ זיך אויס אַפֿן הייטערשטן הימל־פּאָן, באַזונדערס פֿונטמן לעבן האָריזאָנט, וואָס זעט איבער דעם אויס ווי באַדעקט מיט שפּינוועבס. כ'האָב מיך צוגעקוקט אַ פּאַרקישעפּטער. העכער פֿון אַלע זײַנען געפֿלויגן די אָדלערס. צעשפּרײט די קרעפֿטיקע פֿליגל, האָבן זײ געשוועבט, צײכענענדיק גרויסע רײפֿן. וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן פֿאַר זײ ווײַטן און הײכן? אײניקע פֿון זײ האָבן זיך געדרײט אַזױ הױך, אַז מ'האָט זײ קאַם־קאַם אָנגעזען. נידעריקער פֿון זײ, נאָר דאָך גאַנץ הױך, זײַנען געפֿלויגן די גענדז. דידאָזיקע פֿאָרזיכטיקע פֿייגל האָבן שוואַך געפּאַטשט מיט די פֿליגל און באַהילכט די לופֿט מיט גוואַלדן. באַגלײַך מיט זײ זײַנען געפֿלויגן קאַזאַרקעס און שוואַנען. נידעריקער, נעענטער צו דער ערד, האָבן זיך אײַלנדיק געטראָגן מיט אַ געפֿילדער קאַטשקעס. דאָ זײַנען געווען

גאנצע מאכנעס גרויסע קריאקוועס. זיי איז גרינג צו דערקענען לויטן פּייפּנדיקן געוויש פון זייערע פליגל. און שוין גאָר נידע־ריק איבער דער וואסער זיינען געפלויגן גאנצע כמארעס פון אנדערע דריבנע מינים קאטשקעלעך. דאָ און דאָרט האָט מען געקענט זען פאלקן פון קאָלהאמינים. זיי האָבן געצייכנט שיינע רייפן, זיך געהאלטן אף איין אָרט, און פלאטערנדיק מיט די פליגל, שארף אויסגעקוקט רויב אף דער ערד. צייטנווייז זיינען זיי אָפּגעפלויגן אין א זייט, נאָכאמאָל געצייכנט רינגען און—פּלוצ־לינג צונויפגעלייגט די פליגל,—זיך בליצשנעל געוואָרפן אראָפּ־צו צו דער ערד און קימאט ווי זיך ניט אָנגערירט אינעם גראָז, ווידער אמאָל געשווינד זיך אופגעשרויפט אינדערהייך. שטאלטנע באוועגלעכע מעוועס, צערטלעכע רירעוודיקע קראטשקעס האָבן מיט זייער שניי־ווייסקייט געשווינדלט אינעם הימל־בלוי. קרוינ־שנעפּן זיינען געפלויגן גרינג, ווי־שווימענדיק, און געמאכט בע־שאסן פליִען זעלטן שיינע געדריידלטע פיגורעס. שארפנעזיקע וואסערטונק־געגנדז (קראָכאלן) האָבן בעשאסן פליִען אומגעקוקט זיך אין די זייטן, ווי זיי וואָלטן זוכן אן אָרט אף זיך אָפּשטעלן. יאם־מאנדל־ראָבן האָבן זיך געהאלטן בא זומפּיקע נידערנישן. קאָ־ליזשעס פון שטייענדיקער וואסער האָבן, ווי ס׳ווייזט אויס, ווי וועג־ווייזערס פאר זיי געדינט. די גאנצע כמארע פייגל האָט זיך געטראָגן צו דאָרעס־צו, — א פראכטפול בילד!

3. דערסוס א שאָס

נאָר פּלוצלינג, אינגאנצן אומדערוווארטעט, האָבן זיך א זעכציק שפאן פון אונדז באוויזן צוויי קאָזוליעס. צווישן געדיכטן גראָז האָט מען זיי קימאט גיט ארויסגעזעען. ס׳האָבן נאָר גע־שווינדלט קעפּ מיט צעשפּרייטע אויערן און ווייסע פלעקן לעבן די הינטערשטע פיס. אָפּגעלאָפן א אנדערהאלבן הונדערט שפאן, האָבן די קאָזוליעס זיך אָפּגעשטעלט. האָב איך אויסגעשאָסן פון ביקס און ניט געטראָפן. א הילכיק ווידערקאָל האָט אונטערגעכאפּט דעם שאָס און צעטראָגן ווייט־ווייט איבערן טייך־שפּיגל. טויזנטער פייגל

האָבן זיך געטון א הייב פונעם וואסער און מיט געפּילדער זיך צעפלויגן אין אלע זײַטן. די דערשראָקענע קאָזוליעס האָבן זיך ווי אָפּגעריסן פון אָרט און ווײַטער אוועקגעשפּרונגען. דעמאָלט האָט זיך דערסו אָנגעצילעוועט, און אין דער רעגע, ווען איבערן גראָז האָט זיך באוויזן א קאָפּ פון א קאָזוליע, האָט ער אויסגעשאָסן. אז דער רויך איז זיך צעגאַן האָט מען שוין קיין כײַעס ניט געזען. דער גוילד האָט נאָכאמאָל אָנגעלאָדן די ביקס און פּאמעלעך זיך געלאָזט פּאָרויס. איך בין אים שווײַגנדיק נאָכגעגאַן. דערסו האָט זיך אומגעקוקט, נאָכדעם אומגעקערט זיך צוריק, געגאַן מיט א זײַט, און זיך נאָכאמאָל אומגעקערט צוריק. מ'האָט געזען, אז ער זוכט עפּעס.

— וועמען זוכסטו? — האָב איך אים געפרעגט.

— די קאָזוליע, — האָט ער געענטפערט.

— זי איז דאָך אוועק...

— ניין, — האָט ער געזאָגט פעסט, — מאָיא גאָלאָווא יעוואָ פּאָפּאדי, — כ'האָב אים אין קאָפּ געטראָפן.

כ'האָב מיך אויך גענומען זוכן די געטויטעטע כײַע, ניט געקוקט דערויף, וואָס כ'האָב ניט אינגאנצן געגלייבט דעם גוילד. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער האָט א טאָעס געהאט. אין א מינוט צען ארום האָבן מיר אָבער געפונען די קאָזוליע. דער קאָפּ איז בא איר געווען דורכגעשאָסן. דערסו האָט זי ארופגעוואָרפן אף דער פּלייצע און אוועקגעגאַן צוריק. צום לאגער האָבן מיר זיך אומגעקערט שוין צו נאכט־צו.

4. דער וועג פון לעפו

די אָוונט־רויטקײַט האָט זיך נאָך געפרווט ראנגלען מיט דער אָנקומענדיקער פינצטערניש. ניט געקאָנט זי בײַקומען, האָט זי אָפּגעטראָטן און אָפּגערוקט זיך אתטערן האָריזאָנט. באלד האָבן זיך באוויזן שטערן אפן הימל, געמינעט זיך ווי צופרידענע, וואָס די זון האָט זיי סאָפּקאָלסאָף ארויסגעלאָזט אף דער פרײַ. לעבן בײַטײַכל האָט געטונקלט עפּעס א וועלדל. זען, וואָס פאר א ביימער דאָס זײַנען, האָט מען ניט געקאָנט, ווײַל זיי זײַנען געווען

ענלעך איינער אפן אנדערן. צווישן די ביימער האָט מען אָנגעזען די שײַן פון אונדזער שײַטער. ס'איז געווען שטיל און קילבלעך. ס'האָט זיך געהערט, ווי א מאכנע קאטשקעס האָבן זיך מיט א ראש ערגעץ ווײַט אראָפּגעלאָזט אין וואסער.

אָפּגעגעסן וועטשערע, האָט דערסו מיט אָלענטיעוון זיך געגער־מען „מאכן" די קאָזוליע, און איך האָב זיך פארנומען מיט מײַן ארבעט. פארענדיקט מיטן טאָגבוך, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן.

אף מאָרגן זײַנען מיר אופגעשטאנען גאנצפרי, איינדערגיך אָפּגעטראָגן די, צונױפגעלייגט אונדזער באלעבאטישקײַט אין שיפל און זיך געלאָזט שווימען ארופצו איבערן טײַך לעפּו. וואָס ווײַטער, איז דער טײַך געוואָרן אַ״ך מער געשלענגלט. ערטערווײַז קרימט ער זיך אוים קימאט ווי א רייף און דערנאָך ערשט פארקערעוועט ער באנײַס א קאָן צוריק און מאכט ניט קײַן פּאָר שפאן, ווי ער בייגט זיך שוין נאָכאמאָל אויס. ס'איז ניטאָ קײַן איין אָרט, וווּ דער טײַך זאָל פליסן גלײַך.

שווער איז שווימענדיק אָנצוטאפּן דעם צענטראלן געלעגער פונעם טײַך לעפּו אינעם לאבירינט פון זײַנע בײַשטראָמען. די ברייט פונעם טײַך וואקלט זיך דאָ צווישן 8 און 40 קלאפטער, דערבײַ טיילט ער אָפּ פון זיך אין דער זײַט גרויסע „בלינדע" ארבל, פונוואנען ס'גייען ערשט אוועק לאנגע, שמאָלע און טיפע קאנאלן, וואָס פארייניקן זיך, פון זייער זײַט, מיט אָזערעס און זומפּן, אָדער מיט טײַכלעך אזוינע, וואָס פאלן ארײַן אינעם לעפּו. פון אזא צעשפּליטערטקײַט ווערט דער שטראָם שוואכער. מיר האָבן טאקע דערפילט, ווי דער שטראָם האָט אָנגעהויבן גיין שטילער. די דרענגלעך, מיט וועלכע די שיסער האָבן געשטופּט דאָס שיפל, פלעגן אָפּט אזוי פאריזנעט ווערן, בעשאס מ'האָט זיי אָנגעשפּארט אינעם דנאָ פונעם טײַך, אז זיי האָבן זיך אויסגעריסן פון די הענט. אין אָטאָ די ערטער איז די טיף פון טײַך ניט אומעטום גלײַך. אָט איז דאָס שיפל ארויף אף א זאמדבאנק און אָט איז עס דורכגעגאנגען אזוינע טיפע ערטער, אז דאָס דרענגל איז קימאט אינגאנצן געווען אין וואסער.

דער באָדן לעבן די ברעגן איז מער אָדער ווייניקער האַרט, נאָר פּרוווט א קערעווע טון אביסל אין א זײַט, פאלט מען גלײַך אַרײַן אין א זומפּ. צווישן די פאַרוואָקסענישן באַהאַלטן זיך לאַנגע סאַזשעלקעס. דידאָזיקע סאַזשעלקעס ווי אויך די הױשײַנער און אָלכע־קוסטעס, וואָס וואַקסן רייענווײַז, ווײַזן אָן, אַז דער טײַך לעפּו האָט אַמאָל געפלאָסן מיט אַן אַנדער וועג און אַז ער האָט עטלעכע מאָל געביטן זײַן געלעגער.

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעשלאָגן דעם לאַגער אויף א שמאָלן יאַבאָשע־"העלדזל" צווישן דאָרף טשערניגאָווקע פון איין זײַט און א קליינעם טײַך־אָדער פון דער צווייטער זײַט.

5. לעבעדיקע פײַער און וואַסער

הײַנט איז געווען א באַזונדער גרויסער פייגל־איבערפלי. אָלענטיעוו האָט געשאָסן עטלעכע קאַטשקעס, און מיר האָבן געהאַט א גרויסאַרטיקע וועטשערע. אַז ס'געוואָרן טונקל, האָבן די פייגל אויפגעהערט פליִען. אַרום און אַרום איז געוואָרן שטיל. מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דידאָזיקע סטעפּעס זײַנען אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן, ניט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז ניט געווען קיין איין אָזערע אָדער א בײַ־טײַך, וווּ ס'זאָלן ניט נעכטיקן קיין שוואַנען, גענדז, קאַטשקעס און אַנדערע וואַסער־פייגל.

אַפּדערנאַכט האָבן זיך מאַרטשענקאָ מיט אָלענטיעוון געלייגט פריִער פון אונדז. און איך מיט דערסו זײַנען, ווי געוויינלעך, געזעסן און געשמועסט. דער טשײַניק אויפן פײַער האָט ניט געלאָזט פאַרגעסן אין זיך און מיט זײַן הודען געהאַלטן אין איין דערמאָנען פון זיך. דערסו האָט אים אָפּגעשטעלט אין א זײַט, נאָר ער האָט ניט אויפגעהערט צו הודען. האָט אים דערסו נאָך ווײַטער אָפּגערוקט — האָט ער זיך צעזונגען אויף א דינינק קוועלכל.

— קאַק יעוואָ קריטשי, — האָט געזאָגט דערסו. — כוואָי ליודי! — ער איז אויפגעשפּרונגען און אויסגעגאָסן אויף דער ערד די הייסע וואַסער.

— וואָס הייסט „ליודי״? אלץ איז בא דיר "ליודי״? — האָב איך אים פארכידעשט געפרעגט.

— וואָדא, — האָט ער געענטפערט פּאָשעט. — יעוואָ מאָגו קרי־טשי, מאָגו פלאקאטי, מאָגו טאָזשע איגריי, — די וואסער, הייסט עס, קאָן שרייען, וויינען און שפּילן, איז פארוואָס־זשע איז דאָס ניט קיין „ליודי״?

און לאנג האָט דערדאָזיקער אוראלטער מענטש צו מיר גע־רעדט, און איך האָב דערפילט זיין קוק אף דער וועלט. אין דער וואסער האָט ער געזעען א לעבעדיקן קייעך, געזעען איר שטילן שטראָם און געהערט איר געשריי און ברומען אין צייט פון געוויסער.

— גיב א קוק, — האָט דערסו געזאָגט, טייטלענדיק אפן פייער. — יעוואָ טאָזשע וסיאָ ראוונאָ ליוזי, — ס׳הייסט, דאָס פייער איז אויך ווי א מענטש.

כ׳האָב א קוק געטון אפן פייער. סע האָט געפינקלט און געקנאקט. דער פלאם האָט אלעמאָל אופגעבליצט מיט לאנגע און מיט קורצע צונגען, אָט איז עס ליכטיק און אָט איז עס טונקל. פון די פייערקוילן האָבן זיך צונויפגעלייגט פאלאצן, גראָטן, דערנאָך כאָרעוו געוואָרן און נאָכאמאָל אופגעשטעלט. דערסו איז אנשוויגן געוואָרן, און איך בין נאָך לאנג געזעסן און געקוקט אפן „לעבעדיקן פייער״.

אין טייך האָט רוישיק א פלעסקע געטון א פיש. כ׳האָב א ציטער געטון און זיך אומגעקוקט אף דערסון. ער איז געזעסן און געדרימלט. אין סטעפּ איז געווען שטיל ווי פריער. די שטערן אפן הימל האָבן געוויזן האלבע נאכט. אונטערגעוואָרפן האָלץ אין שייטער, האָב איך אופגעוועקט דערסו, און ביידע האָבן מיר זיך גענומען לייגן שלאָפן.

6. פייגל אין די זומפן

אף מאָרגן האָבן מיר זיך אלע פרי אופגעכאפּט פון שלאָף. דאָס איז פאָרגעקומען עפּעס אזוי צופעליק, פון זיך זעלבסט.

ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיק, האָט זיך א פייגל־מאכנע אופגעהויבן אינדערלופטן און מיט א ליארעם זיך נאָכאמאָל

א טראָג געטון צו דאָרעם־צו. צום ערשטן האָבן זיך א לאָז געטון געגנדז, נאָך זיי — שוואַנען, דערנאָך קאַטשקעס און צום סאָף די איבעריקע איבערפֿלי־פֿייגל. פֿון אָנהייב זײַנען זיי געפֿלויגן נידע־ריק איבער דער ערד, נאָר באַגלײַך מיט דעם, ווי סע געוואָרן ליכטיקער, האָבן זיי זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער.

ביז די זון איז אויפֿגעגאַן, זײַנען מיר אָפּגעשווומען פֿונעם לאַגער אַף א ווערסט אַכט און צוגעגאַן ביזן באַרג טשײַדענזאַ, וואָס איז באַדעקט מיט אילמעס און אָסינעס. דאָ ווערט דער טאָל פֿונעם טײַך לעפֿו ברייט ביז פֿערצ׳יק ווערסט. פֿון לינקס ציִען זיך זומפּן אָן א שיר. לעפֿו צעטיילט זיך דאָ אַף א פֿולע טײַך־אָדערן, וואָס ציִען זיך אַף צענדליקער ווערסט די לענג. די אַרבל, פֿון זייערן זײַט, צעצווײַגן זיך ווידער און מאַכן אַזאַ מין לאַבירינט, וווּ ס׳איז גרינג פֿאַרבלאָנדזשעט צו ווערן.

מיר זײַנען געשווומען מיטן הויפּט־טײַך־בעט, און בלויז אין א נויט אָפּגעקערעוועט אין א זײַט, מיט אַזאַ כעשבן, אַז בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט זאָלן מיר נאָכאַמאָל אַרויסגיין אַף דער מיט טײַך. די האַרט באַוואָקסענע. טײַך־ און אַרבל־ברעגן האָבן אײַנ־גאַנצן פֿאַרשטעלט אונדזער שיפֿל. מיר זײַנען געשווומען שאַ־שטיל, און אָפּט צוגעגאַן צו די פֿייגל נעענטער ווי אַף א שאָס. אָן אַנ־דערש מאָל האָבן מיר זיך אומיסטן פֿאַרהאַלטן, קעדיי זיי באַ־טראַכטן.

פֿריִער פֿון אַלץ האָב איך דערזען א ווײַסן רייער מיט שוואַרצע פֿיס און א געל־גרינעם שנאָבל. ער האָט סטאַטעטשנע אַרומגעשפּאַצירט לעבן ברעג, צוגעשאָקלט צום טאַקט מיטן קאָפּ און ערנסט באַטראַכט דעם דנאָ פֿונעם טײַך. באַמערקט דאָס שיפֿל, איז דער פֿויגל צוויי מאָל אונטערגעשפּרונגען, שווער זיך אויפֿגע־הויבן אינדערלופֿטן, אָפּגעפֿלויגן אַביסל, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אַראָפּגעלאָזט אפֿן שייניקן בײַ־שטראָם, דערנאָך האָבן מיר דער־זען א „וואַסער־אָקס״, — אויך פֿון דער רייער־מישפּאָכע.

גרוי־געלע פֿעדערן, א געלער שמוצ׳יקער שנאָבל, געלע אויגן און געלע פֿיס, דאָס אַלץ מאַכט ניט קיין איבעריקס אַנגע־

נומענעם אײַנדרוק. אָט האָט אזא אָנגעבלאָזענער פױגל אײַנגע־הױקערטערהײט געשפּאנט איבערן זאמד און די גאנצע צײַט געטשא־טעװעט נאָך א רידעװודיקן װאסער־שנעפּ. דער שנעפּ איז אָפּגע־פלױגן אביסל װײַטער און װי נאָר ער האָט זיך צוגעזעצט אױף דער ערד, אזױ האָט דער „װאסער־אָקס“ אָנגעהױבן דערנעענטערן זיך אים טריט בײַ טריט. און, אז דער „אָקס“ איז שױן געװען נאָענט, האָט ער זיך לױפנדיק א לאָז געטון און געװאָלט דערלאנגען א קלאַפּ מיט זײַן שאַרפן שנאָבל דעם שנעפּ. באמערקט דאָס שיפל, האָט זיך דער „װאסער־אָקס“ באהאלטן אינעם גראָז, אױפגעהױבן דעם קאָפּ ארױף, אױסגעצױגן דעם האלדז און װי א פארשטײנטער געבליבן אױפן אָרט. װען דאָס שיפל איז דורכגעגאנגען לעבן אָט־דעם אָרט, האָט מארטשענקאָ אױסגעשאָסן און ניט געטראָפן, ניט געקוקט דערױף, װאָס די קױל האָט אָנגערירט דעם טשערעט סאמע לעבן „אָקס“. דער „אָקס“ האָט זיך אפילע קײן ריר ניט געטון. דערנאָך האָט זיך צעלאכט.

— יעװאָ שיבקאָ כיטרעי לױדי. פּאָסטאָיאנאָ טאק אָבמאני, — האָט ער געזאָגט. — ס'הײסט: דאָס איז זײער א כיטרע „לױדי“ אָטאָ־דער פױגל, — שטענדיק נארט ער אָפּ און דרײט זיך אױס.

און קאכאװע. דעם „אָקס“ האָט מען שױן מער ניט געקאָנט באמערקן. דער קאָליר פון זײַנע פעדערן און דער אױפגעהױבענער שנאָבל האָבן זיך אינגאנצן פארלױרן אין גראָז.

אביסל װײַטער האָבן מיר דערזען א נײַ בילד. לעבן ברעג, נידעריק איבערן װאסער, איז געזעסן אן אײַז־פײגעלע אױף א צװײַגל פון א קוסט. דאָסדאָזיקע קלײנינקע פײגעלע מיט א גרױסן קאָפּ און א גרױסן שנאָבל האָט װי געדרימלט. פּלוצלינג האָט זיך עס א װאָרף געטון אין װאסער, אונטערגעטוקט זיך און נאָכאמאָל זיך באװיזן פונױבן אױפן װאסער מיט א קלײן פישעלע אין שנאָבל, אײַנגעשלונגען עס און װײַטער זיך געזעצט אױפן צװײַגל און נאָכאמאָל ארײַנגעפאלן אין א דרימל. דערהערט דאָס פּאטשן פונעם שיפל, האָט זיך עס מיט א געפּילדער געלאָזט לענגױס דעם

טײַך. די פֿעדערן זײַנען האָבן נאָר א שײַן געטון פֿאַר די אויגן מיט א לויטער־בלויען קאָליר און פֿאַרשווּנדן געוואָרן. אָפּגעפֿלויגן אָבער אביסל, האָט עס זיך נאָכאַמאָל אנידערגעזעצט אף א קוסט און באַלד אוועקגעפֿלויגן נאָך ווײַטער, ביז עס איז צום סאָף אינגאנצן פֿאַרשווּנדן געוואָרן.

א פּאָר מאָל האָבן מיר באַגעגנט זומפּ־הינדעלעך, די אַזוי גערופֿענע „לעסוכעס". אָט אָ די שוואַרצע פֿייגעלעך מיט גרויסע פֿיס טוקן זיך און שווימען גרינג אונטערן וואַסער און שפּאַנען אַפֿילו לײַכט איבער די בלעטער פֿון וואַסער־געוויקסן. נאָר דערפֿאַר אינדערלופֿטן זײַנען זיי הילפֿלאָז. מע זעט גלײַך, אַז דאָס איז ניט זייער סטיכיע. בעשאַסן פֿליִען האָבן זיי מאָדנע געוואָרפֿן מיט די פֿיס, אַזוי ווי זיי זײַנען נאָר וואָס אַרויס פֿון דער נעסטן און לערנען זיך ערשט פֿליִען.

ערגעץ־ווו אין שטייענדיקע וואַסערן האָבן זיך געהאַלטן זומפּ־טוקערס מיט אָפּגעשטאַנענע אין א זײַט אויערן און מיט קעלנערלעך פֿון קאָלירטע פֿעדערן. זיי זײַנען ניט געפֿלויגן, נאָר געאײַלט זיך באַהאַלטן אינעם גראָז אָדער אונטערטוקן זיך אין וואַסער.

מיטן וועטער האָט אונדז געגליקט. ס'איז געווען א טאָג, איינער פֿון יענע וואַרעמע זומער־טעג, וואָס טרעפֿן זיך זייער אָפּט אין דאָרעם־אוסוריער געגנט אין אָקטיאַבער כוידעש. דער הימל איז געווען אינגאַנצן ריין פֿון כמאַרעס, לויטער; פֿון מײַרעוו־זײַט האָט געצויגן א גרינג ווינטל. נאָר מיט אַזאַ וועטער איז מען אָפּט ניט זיכער. אָפּטמאָל הייבן נאָכדעם אָן ווייען קאַלטע צאָפֿן־מײַרעווודיקע ווינטן, און וואָס לענגער ס'האַלט אַזאַ שטילקײַט, אַלץ שאַרפֿער איז דער וועטער־בײַט.

אַרום עלף אַזייגער אינדערפֿרי האָבן מיר געמאַכט א גרויסע האַפּסאָקע לעבן טײַך ליוגאַנקע. נאָכן וואַרעמעס האָבן זיך די שיסער געלייגט אָפּרוען, און איך בין אַוועקגעגאַנגען אביסל בלאָנקען איבערן בּרעג. ווּהין כ'האָב א וואָרף געטון מיט אַן אויג, האָב איך אומעטום געזען נאָר גראָז און זומפּן. ווײַט אין מײַרעוו־זײַט

האָבן זיך קאַם־קאַם אָנגעזועען בערג. איבער די נאַקעטע סטעפּ־פלאַכן זײַנען ערטערווײַז געלעגן טונקעלע פלעקן פון נידעריקע קושטשעס.

דורכקלײַבנדיק זיך צו זײַ, האָב איך אומגערן דערשראָקן איינע א גרויסע זומפּ־סאָווע, דאָס איז דער אַזוי גערופענער „נאַכט־פויגל פון די אָפענע ווײַטן". באַטאָג באַהאַלט ער זיך שטענדיק אין גראָז. ער האָט זיך דערשראָקן א וואָרף־געטון אין א זײַט, אַביסל אָפּגעפלויגן און נאָכאַמאָל זיך אַראָפּגעלאָזט אין זומפּ. איך האָב זיך אַנידערגעזעצט לעבן א קוסט זיך אָפּרוען און פלוצלינג דערהערט א לײַכטן שאָרך. דאָס זײַנען געווען טשע־רעט־פייגעלעך. זײ האָבן זיך געטראָגן, געשוועבט איבערן טשערעט, אַלע מאָל געהויבן די ווײדעלעך, דערנאָך האָב איך דערזועען צוויי איינגענומענע, געלבלעך־ראַשיק־געפלעקטע פייגעלעך, וואָס האָבן זיך די גאַנצע צײַט באַהאַלטן אין פאַרוואָקסעניש, נאָכדעם אַרויס־געשפּרונגען ערגעץ פון אן אַנדער זײַט און ווײַטער זיך באַהאַלטן אונטערן טרוקענעם גראָז.

דאָס זײַנען געווען די אַזויגערופענע „צוין־קעניגלעך". צוזא־מען מיט זײ איז געווען נאָך איין האָבער־פייגעלע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געקראָכן איבערן טשערעט, אַלעמאָל אָנגעבויגן דעם קאָפּ אין א זײַט און ווי פאַרכידעשט געקוקט אויף מיר. כ'האָב דאָ גע־זעען נאָך אייניקע דריבנע פייגל, וואָס איך ווייס ניט, ווי אַזוי מע רופט זײ.

אין א שאָ אַרום האָב איך זיך אומגעקערט צו מײַניקע. מאַרטשענקאָ האָט שוין געהאַט דערוואַרעמט טיי און אַרויסגעקוקט אויף מיר.

געשטילט דעם דאָרשט, האָבן מיר זיך געזעצט אין שיפל און אַוועקגעשווומען ווײַטער. איך האָב א פרעג געטון דערסו, צי האָט ער ניט געזעען קיין שפּורן פון וואָסערע ניט איז חיות אין דעם טאָל פון לעפו. ער האָט געענטפערט, אַז אין אָט די ערטער האַלטן זיך: קאָזוליעס, וועלף, האָזן, ווידרעס, וואַסער־שטשורן, מײַז און ערדנאָגערס.

7. דער שאָטן פון דער ערד

פאר דער צווייטער העלפט פונעם טאָג זײַנען מיר דורכגעגאַן נאָך צוועלף ווערסט און אופגעשלאָגן דעם לאגער אף איינעם פון די אינדזלען, וואָס זײַנען דאָ אָן א שיר און אָן א צאָל.

הײַנט האָבן מיר געהאט די מעגלעכקײַט זען אין מיזרעך־זײַט א שטיק שאָטן פון דער ערד. דער פארויטלטער זון־פארגאנג האָט זיך געמינעט מיט זעלטן לויטערע פארבן. פריער איז ער געווען בלאס, דערנאָך לויטער בורשטין־גרין, און איבער דעם גרינעם פאָן האָבן זיך אופגעהויבן פון הינטערן האָריזאָנט צוויי ליכטיק־געלע שטראלן. אין עטלעכע מינוט ארום האָבן די שטראלן ניט געסטײַעט. די גרינע שײַן פון פארגאנג איז געוואָרן אָראנזש און דערנאָך רויט. צום סאָף איז דער בלוטיק־רויטער האָריזאָנט געוואָרן טונקל אזוי ווי פארויכערט. גלײַכצײַטיק מיטן זון־פארגאנג האָט זיך אין מיזרעך־זײַט באוויזן דער שאָטן־סעגמענט פון דער ערד. מיט איין עק האָט ער באַרירט דעם צאָפנדיקן האָריזאָנט, און מיטן צווייטן — דעם דאָרעמדיקן. דער אויסנווייניקסטער קאנט פון דעם שאָטן איז געווען א פורפורנער, און וואָס נידעריקער ס׳האָט זיך אראָפּגעלאָזט די זון, אלץ העכער האָט זיך אופגעהויבן דער שאָטן. אינגיכן האָט זיך דער פורפור־פאס צונויפגעגאָסן מיט דער רויטער שקיִע אין מײַרעוו־זײַט און דעמאָלט איז ערשט געוואָרן פינצטער.

כ׳בין געווען אויסער זיך פון שענקײַט און באגײַסטערונג און גראָד אין דער רעגע האָב איך דערהערט, ווי דערסו וואָרטשעט.

— פאָנימײַ ניעטו!

כ׳האָב פארשטאנען, אז דאָס געהער צו מיר און געפרעגט בא אים, וואָס וויל ער.

— עטאָ כודאָ,— האָט ער געזאָגט און אָנגעוויזן אפן הימל.— מאָיא דומײַ,— בודיעט באָלשאָי וויעטיער.

8. דער וועטער־בײַט

אפדערנאכט זײַנען מיר ניט לאנג געזעסן באם פײַער. מיר זײַנען הײַנט זייער פרי אופגעשטאנען, פארן גאנצן טאָג זיך אײַנגעמאטערט, האָבן מיר זיך באלד נאָך דער וועטשערע געלייגט שלאָפן.

צו פארטאָג־צו איז בא אונדז געווען א שווערער שלאָף. אינעם גאנצן לײַב האָט זיך געפילט א מידקײַט און א צעבראָכנקײַט. און ווען מיר זײַנען אופגעשטאנען, זײַנען בא אונדז די באַוועגונגען געווען פוילע. און אזויווי אָטאָ די שווערקײַט האָבן אלע געפילט, האָב איך זיך דערשראָקן. כ׳האָב געמיינט, אז מיר אלע זײַנען שלאף געוואָרן מיט א מין פיבער, אָדער מיר האָבן זיך מיט עפעס פארסאמט, נאָר דערסו האָט מיך בארויִקט, אז דאָס טרעפט דאָ שטענדיק בעשאס א וועטער־בײַט.

אָן כיישעק האָבן מיר אָפגעגעסן און אָן כיישעק זיך געלאָזט שוימען ווײַטער. דאָס וועטער איז געווען א ווארעמס: קיין ווינט איז אינגאנצן ניט געווען; דער טשערעט איז געשטאנען אומבאַוועגלעך און ווי געדרימלט. די ווײַטע בערג, וואָס מ׳האָט ביז אהער גוט אָנגעזעען, זײַנען צעשוווּמען געוואָרן אינעם כוישעך. איבערן בלאסן הימל האָבן זיך געשלעפט לײַכטע צעצויגענע וואָלקנדלעך, און לעבן דער זון האָבן זיך באוויזן רינג־ארומיקע קרוינדלעך.

כ׳האָב באמערקט, אז ארום און ארום איז שוין ניט אזוי לעבעדיק, ווי ס׳איז געווען פריִער. ס׳זײַנען ערגעץ פארשוווּנדן געוואָרן די גענדז, קאטשקעס און אלע דריבנע פייגל. נאָר אָרלאנען האָבן געשוועבט אפן הימל. מיסטאמע האָבן זיי זיך געפונען אזוי הויך, אז זיי זײַנען געווען אויסער די אטמאָספערישע ענדערונגען, וועלכע האָבן ארויסגערופן צווישן אלע באלעכאַיִם אף דער ערד אן אלגעמיינע אפאטיע און א מין שלעפעריקײַט.

— ניטשעוואָ! — האָט געזאָגט דערסו. — מאָיא דומײַ, פּאָלאָווינא סאָלנצא קאָנטשײַ, דרוגאָי וויעטיער נײַדי יעסט. ס׳הייסט: נאָכן האלבן טאָג, וועט זיך ווידער בײַטן דאָס וועטער.

כ'האָב באַ אים געפרעגט, פאַרוואָס די פייגל האָבן אופגעהערט פליִען, האָט ער מיר איבערגעלייענט אַ לאַנגע לעקציע וועגן איבערפלי.

לויט זײַנע רייד קומט אויס, אַז פייגל האָבן ליב זיך באַוועגן קעגן ווינט. אַז ס'איז אָבער אינגאַנצן שטיל און ס'איז אַ וואַרעמער וועטער, זיצן זיי אין די זומפּן.

אויב דער ווינט בלאָזט זיי פונהינטן, פרירן זיי, דערפאַר וואָס די קאַלטע לופט גייט דורך אונטער די פעדערן, דערפאַר באַהאַלטן זיי זיך דעמאָלט אין גראָז. נאָר אין פאַל פון אַ נויט, ווען ס'מאַכט זיך, אַשטייגער, אומגעריכט אַן אומדערוואַרטעטער שניי־אויספאַל, מוזן זיי זיך לאָזן פליִען ווײַטער, פאַרשטייט זיך, ניט געקוקט אף ווינטן און קעלט.

VI. אף דער אָזערע כאַנקאַ

1. אין לאַבירינט פון וואַסערן

וואָס נעענטער מיר זײַנען צוגעגאַן צו דער אָזערע כאַנקאַ, אַלץ זומפּיקער איז געוואָרן דאָס פלאַכלאַנד, — דיביימער באַ די ברעגן זײַנען ניט געוואָרן, זייער אָרט האָבן פאַרנומען שיטערע מאָגערע קוסטן.

אַזוי ווי אף אָט דעם אָרט פליסט דער טײַך פאַמעלעכער, רופט זיך עס גלײַך אָפּ אף די געוויקסן. ס'האָבן זיך באַוויזן ליליעס, וואַסער־קריגעלעך, וואַסערניס און אַנדערע זומפּ־געוויקסן. ס'פלעג זיך טרעפן, אַז דער גראָז־טעפּיך איז געווען אַזוי געדיכט, אַז דאָס שיפל האָט ניט געקענט דורכגיין און האָט באַדאַרפט אָנלייגן וועג און אַרומגיין אַזאַ אָרט. אין איין אָרט האָבן מיר געבלאָנדזעט און פאַרקראָכן אין אַ בלינדן העק. אָלענטיעוו האָט געוואָלט אַרויסגיין פונעם שיפל, נאָר ווי נאָר ער האָט אַרופגעטראָטן אפן ברעג, איז ער אַרײַן אין אַ בלאָטע ביז איבער די קני. דעמאָלט האָבן מיר פאַרקערעוועט צוריק אין אַ זײַט און אַרײַן עפּעס אין אַן אָזערע און צופעליק דאָרטן געפונען אַ וואַסער־דורכגאַנג. דער לאַבירינט, — פאַרוואָקסן מיט גראָז, — איז

געבליבן פונהינטן. מיר זײַנען געווען צופֿרידן, וואָס מיר האָבן אַזוי גוט אָפּגעשניטן. פון טאָג צו טאָג איז געוואָרן שווערער זיך צו אָריענטירן.

פֿריִער האָט מען געקענט נאָך די שערענגעס ביימער זיך מעשאער זײַן דעם וועג פונעם טײַך. איצט, אז ס'איז אינערגעץ ניט געווען קיין שום קוסטעס, האָט מען ניט געקענט וויסן, וווהין וועט פֿלוצלינג פאַרקערעווען דער טײַך־אָדער: לינקס צי רעכטס.



געמ. 20. אָנגעטראָגענער שווימוואַלד.

דערסו האָט געטראָפֿן. צו האַלבן טאָג האָט אָנגעהויבן ווייען א דאָרעם־ווינט. ער איז געוואָרן אַלעמאָל שטאַרקער און איינ־צײַטיק געביטן די ריכטונג צו מײַרעוו־צו. גענדז און קאַטשקעס האָבן זיך ווידער אופֿגעהויבן אינדערלופֿטן און געפֿלויגן נידעריק איבער דער ערד.

אין איין אָרט איז געווען אסאך שווים־וואלד, צוגעטריבן אהער אין דער צײַט פון צעגיס. אפן טײַך לעפו איז מען מיט אזא אויצער אויכעט צופרידן, אניט קען מען בלײַבן אינגאנצן אָן האָלץ אף באנאכט. אין עטלעכע מינוט ארום האָבן די שיסער אויסגעלאָדן דאָס שיפל. דערסו האָט צעלייגט א פײַער און אופגעשטעלט א געצעלט.

ביז דער אָזערע כאנקא איז שוין געבליבן א קלייניקײַט. כ׳האָב געוווסט, אז דאָ בייגט זיך אָפּ דער טײַך קיין צאָפן־מיזרעך־זײַט און פאלט ארײַן אין מיזרעך־ראָג פון שוואן־ארײַנגוס. אזא נאָמען האָט ער געקראָגן צוליב דעם, וואָס אין צײַט פון איבער־פלײ האלטן זיך דאָ אסאך שוואנען. דערדאָזיקער אײַנגוס איז א 4—7 ווערסט די לענג און א ווערסט די ברייט. ער איז פליטקע און פארייניקט זיך מיט דער אָזערע דורך אן אָדער. קעדיי צו דערגרייכן צו כאנקא, פאָרנדיק אינעם שיפל, האָט מען אזוי ארום באדארפט שווימען נאָך א ווערסט פופצן, מיט דער יאבאָשע־רוויערד אָבער ניט מיין פון 2—3 ווערסט. האָבן מיר אָפּגערעדט, אז מאָרגן וועל איך צוזאמען מיט דערסו גיין אהין צופוס, און צו פארנאכט־צו וועלן מיר זיך אומקערן צוריק. אָלענטיעוו מיט מארטשענקאָן וועלן אף אונדז דאָ צוווארטן.

אפדערנאכט איז בא אונדז אלעמען געווען אסאך פרײַע צײַט. מיר זײַנען געזעסן לעבן שײַטער, געטרונקען טיי און גערעדט צווישן זיך. דאָס טרוקענע האָלץ האָט ליכטיק געברענט און צוגעקנאקט. דער טשערעט האָט זיך געוויגט און גערוישט, און פון דעם גערויש האָט זיך אויסגעדאכט, אז דער ווינט איז שטארקער. אפן הימל איז געלעגן א לײַכטער נעפל, אזוי, אז גרויסע שטערן האָבן זיך קאם־קאם אָנגעזעען. פון לעבן דער אָזערע האָט זיך דערטראָגן א גערויש פון כוואליעס־שלאָג. אינדערפרי האָט זיך דער הימל באדעקט מיט שיכטנדיקע וואָלקנס. אצינד האָט דער ווינט געבלאָזן פון צאָפן־מײַרעוו־זײַט. דאָס וועטער איז א ביסל קאליע געוואָרן, נאָר ניט אף אזויפיל, אז ס׳זאָל אונדז שטערן צו דער עקסקורסיע.

אינדערפרי, ארום צען אזייגער, געמאכט די נייטיקע פאראָר־דענונגען, האָב איך זיך געלאָזט אין וועג צוזאמען מיט דערסו. קיין סאך זאכן האָבן מיר מיט זיך ניט מיטגענומען, ווײַל מיר האָבן גערעכנט צו נאכט־צו זיך אומקערן צוריק. פונדעסטוועגן האָב איך אָנגעטון אונטערן רעקל א ווארעם לײַבל, און דערסו האָט גענומען מיט זיך דעם לײַוונט פונעם געצעלט און צוויי פּאָר ווארעמע זאָקן.

אפן וועג האָט ער אָפט געקוקט אפן הימל און עפעס געזעדט צו זיך אליין און נאָכדעם מיך א פרעג געטון:

— קאַק, קאפּיטאן, נאשא סקאָראָ־נאזאד כאָדי אילי ניעט? — מאָיא דומײַ נאָטשיו בודיעט כודאָ.

כ'האָב אים געענטפערט, אז ביז כאנקא איז שוין ניט ווײַט, און אז מיר וועלן זיך דאָרט ניט פארהאלטן.

מיט דערסו איז געווען גרינג זיך צונויפריידן. ער האָט געפּרוּווט וואָרענען, אז ס'האלט בא א סאקאָנע, נאָר דערזעען, אז מע וויל אים ניט פאָלגן, האָט ער געשוויגן און זיך ניט געשפּארט.

— כאָראָשאָ, קאפּיטאן, — האָט ער מיר געענטפערט. — טיעבע סאם פּאָנימאָטרי, א מאָיא „קאק לאָדנאָ טאק אי לאָדנאָ".

מיט זױסאָ דער לעצטער פראזע פלעג ער זיך טאָמיד אויסדריקן, ווען ער האָט געוואָלט ווײַזן, אז ער איז מאסקים.

גיין האָט מען געקענט נאָר בא די ברעגן פון די טײַך־אָדערן און אָזערעס. דאָרט איז דער באָדן געווען אביסל טרוקענער. מיר האָבן זיך געלאָזט מיטן לינקן ברעג פון דעם דורכגוס, ווו ס'איז געשטאנען אונדזער לאגער. א שטיק צײַט זײַנען מיר געגאן, ווי ס'דארף צו זײַן, נאָר פּלוצלינג האָט דער דורכגוס פארקערעוועט אף צוריק, מיר האָבן אָפּגעקערעוועט, איבערגעגאן איבער א קליינעם זומפּ און ארויסגעגאן צו אן אנדער שמאָלן, נאָר טיפן דורכגוס. אים זײַנען מיר איבערגעשפּרונגען און זיך געלאָזט גיין מיטן טשערעס. אזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט א ווערסט דרײַ ביז מיר האָבן דערזעען די אָזערע כאנקא. די אָזערע האָט געפינעט און געבולבעט זיך.

דערסו האָט מיר אָנגעוויזן אויף די פייגל. ער האָט געזען אין זיי עפּעס אזוינס, וואָס האָט אים געמאכט אומרויק. דאָס איז געווען נים קיין איבערפלי, נאָר אן אָפּפלי. די פייגל זיינען געפלויגן אומגעווייניטלעך, און ווי אין אומאָרדענונג. די גענדז האָבן זיך געהאלטן נידעריק סאמע בא דער ערד. בעשאס זיי זיינען געפלויגן אונדז אנקעגן און האָבן זיך געפונען אויף דער ליניע פון אונדזער אויג, האָבן זיי געהאט א מאָדנעם אויסזען: זיי זיינען דעמאָלט געווען גערויסן אין אורואלטע פליִענדיקע יאשטשערס קיין פיס מיט קיין עק האָט מען בא זיי נים געזען. מער נים עפּעס א מין קנויל האָט געפאָכעט מיט לאנגע פליגל און זיך אומגעווייניגלעך שנעל דערנעענטערט צו אונדז.

דערזעען אונדז, האָבן זיך די געגנדז א לאָז געטון ארויף־צו, ארומגעפלויגן מיט א זיים דאָס געפערלעכע אָרט און נאָכאמאָל זיך אראָפּגעלאָזט צו דער ערד־צו.

צו האלבן טאָג־צו בין איך מיט דערסו צוגעגאן צו דער אָזערע כאנקא. א שטרענג אויסזען האָט זי איצט געהאט. די וואסער האָט אין איר געזאָטן, ווי אין א קעסל. נאָכן לאנגן שווערן וועג איבער זומפּן האָט די איינגענעמענע וואסער־סטיכיע אונדז פארשאפט גרויס פארגעניגן. כ׳האָב זיך צוגעזעצט אויף דער זאמד און זיך איינגעקוקט אין דער וואסער. זיך איינגעהערט אין דעם כוואליעס־שלאָג. שאָענוויז קען מען אָפּזיצן, קוקן, ווי די וואסער שלאָגט זיך אין ברעג, און ס׳זאָל נים נימעס ווערן.

אויף דער אָזערע איז געווען וויסט. קיין אין שיפל, קיין איין זעגל האָט מען נים געזען, אקעגן א שאָ האָבן מיר זיך דאָרט ארומגעדרייט איבערן ברעג און געשאָסן אין פייגל.

— אוטקא קאָנטשיי כאָדי, — האָט דערסו געזאָגט.

ריכטיק. דער איבערפלי האָט זיך טאקע באלד אָפּגעשטעלט.

דער שווארצער נעפּל, וואָס איז ביז איצט געווען באם האָריזאָנט, האָט זיך פלוצלינג אופגעהויבן ארויף און באלד האָט מען שוין די זון אינגאנצן נים ארויסגעזען.

איבערן שווארצפארכמארעטן הימל האָבן זיך געיאָגט, איינע

נאָך דער אנדערער, ווײַסלעכע וואָלקנדלעך מיט צעריסענע עקן, וואָס זײַנען נאָכגעהאנגען, ווי שטיקלעך שמוציקע וואַט.

— קאַפּיטאַן! נאַדאַ נאַשאַ סקאָראָ כאָדי נאַזאַד, — האָט דערסו א זאָג געטון. — מאָיאַ מאַלאָ־מאַלאָ באָיִטסאַ.

ס'שוין טאַקע צײַט געווען זיך אומקערן. מיר האָבן איבער־געטון די שיך און זיך געלאָזט גיין צוריק. צוגעגאַן צו די קוסטן־פאַרוואַקסענישן, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט א קוק טון אף דער אָזערע. ווי א צעריצטע כײַע אף דער קיים, האָט זי זיך געריסן, געשלאָגן אין די ברעגן און געאָטעמט מיט געלבלעכער שוים.

— וואָדאַ פּריבאַוולײַאי יעסט, — האָט געזאָגט דערסו, קוקנדיק אפן וואַסער.

ער איז געווען גערעכט. א שטאַרקער ווינט האָט געטריבן די וואַסער צו דער לעפצונג פון לעפּו, דעריבער איז די וואַסער ארויס פון די ברעגן און ביסלעכווײַז אָנגעהויבן פאַרטרינקען דאָס פלאַכלאַנד. אינגיכן זײַנען מיר צוגעגאַן צו א גרויסן טײַך־אָדער, וואָס האָט אונדז איבערגעשלאָגן דעם וועג. דאָס אָרט איז מיר געווען אומבאַקאַנט. דערסו האָט דאָס אויך ניט דערקענט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, עפּעס א קלער געטון, זיך גענומען לינקס פּתעם דורכגוס און געגאַן צו דאָרעם־צו. באַלד זײַנען מיר ארויס אף א זומפּיק אָרט און זיך געמוזט אומקערן צוריק צום דורכגוס. דעמאָלט האָבן מיר פאַרקערעוועט אף רעכטס, זיך אָנגעשטויסן אף א נײַעם דורכגוס און איבערגעגאַן צופוס. פונדאַנען זײַנען מיר געגאַן קיין מיזרעך, נאָר ווידער אָנגעטראָפן אף א זומפּ. אין איין אָרט האָבן מיר דערזעען א טרוקן פאַסעקל ערד. ווי א בריק האָט זיך עס געצויגן איבערן זומפּ. געפּרוווט דעם באָדן מיט די פיס, זײַנען מיר פאַמעלעכן געגאַן פאָרויס. איבערגעגאַן א האַלבע ווערסט אנערעך, האָבן מיר דערזעען א טרוקן אָרט, געדיכט פאַרוואָקסן מיט גראָז. דער זומפּ איז געבליבן פונהינטן.

ס'איז ערשט געווען בא פיר אזייגער באַטאָג. נאָר ס'האָט שוין אויסגעוויזן פאַרנאַכט. א שווערע כמאַרע האָט זיך אראָפּגעלאָזט נידעריק און געשווינד זיך געטראָגן צו דאָרעם־צו. לויט מײַן רעכענונג

איז צום סײַך געבליבן נאָך א צווײ מיט א האלבער ווערסט. די עלנטע סאָפּקע, וואָס האָט זיך געזעען פונדערווײַטנס אנקעגן אונדזער לאגער, האָט אונדז געהאָלפן אָריענטירן זיך. בלאָנדזען איז אונדז שוין ניט אויסגעקומען, נאָר פארשפעטיקן האָבן מיר געקענט. פּלוצלינג איז פאר אונדז אויסגעוואקסן א גרויסע אָזערע. אויסמײַדן זי איז געווען אומעגלעך, ווײַל זי איז געווען זייער א לאנגע,— האָבן מיר זיך געלאָזט לינקס. מיט א אנדערהאלבן הונדערט שפּאן אנערעך ווײַטער איז פאר אונדז אויסגעוואקסן א נײַער סײַך־אָדער, וואָס האָט זיך געצויגן צו דער אָזערע אונטער א גראָדן ווינקל. מיר האָבן זיך אָפּגעקערעוועט אין א זײַט און ווײַטער אמאָל צוגעגאַן צו דעם־זעלבן זומפּ. איך האָב מיך געפּרוּווט זוכן גליק פון דער רעכטער זײַט, האָט באלד אָנגעהויבן קוואטשען וואסער אונטער די פיס. ווײַטער אביסל זײַנען אויך געווען גרויסע קאליזשעס. מיט איין וואָרט, מיר האָבן געבלאָנדזעט.

2. די פּורגא

די לאגע איז געוואָרן זייער אן ערנסטע. כ'האָב פּאָרגעלייגט דעם גוילד זיך אומקערן צוריק און אָפּזוכן יענץ ערד־העלדזל, וואָס האָט אונדז פארפירט אהער אף דעמדאָזיקן אינדזל. דערסו האָט מאסקים געווען. מיר האָבן זיך אומגעקערט, נאָר אָפּזוכן דאָס האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן.

פּלוצלינג האָט דער ווינט אינגאנצן אופגעהערט. פונדערווײַטנס האָבן מיר דערהערט דאָס געערויש פון דער אָזערע כאנקא. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן נאכט, און אײַנײנעם מיט דעם האָבן זיך אין דער לופט א שאָט געטון עטלעכע שניילעך. דער „שטיל" האָט גע־דויערט עטלעכע מינוט, און באלד נאָכדעם איז אָנגעפלויגן א ווינטער, און דער שניי האָט גענומען שיטן שטארקער.

ס'וועט אויסקומען נעכטיקן, האָב איך א קלער געטון און זיך באלד דערמאנט, אז אין דעם אָרט איז ניטאָ קיין האָלץ, קיין איין ביימל, קיין איין קוסטל — גאָרניט ניט, אכוץ וואסער און גראָז. כ'האָב זיך דערשראָקן.

— וואָס וועלן מיר טון? — האָב איך געפרעגט דערסו.

— מאָיא שיבקאָ באָיִטסא, — האָט ער געענטפערט. אהא, דערסו האָט אויך מוירע! דאָ האָב איך ערשט פארשטאנען אונדזער שרעקלעכע לאַגע. באנאכט אין אזא מין שטורעם דארפן מיר בלײַבן צווישן זומפּ אָן פײַער און אָן ווארעם אָנטון. די אײנציקע האָפענונג איז געווען אף דערסו.

— הער זיך צו, קאפּיטאן! — האָט ער געזאָגט. — נאדא נאשא סקאָראָ ראבאָטײַ. כאָראָשאָ ראבאָטײַ ניעטו, נאשא פּראָפּאַל. נאדא סקאָראָ רעזאט טראווו.

כ'האָב אים ניט געפרעגט, צוליב וואָס מע דארף דאָס. איך האָב נאָר אײנס פארשטאנען: „מע דארף וואָס גיכער אָנשנײַדן גראָז". מיר האָבן גיך אראָפּגענומען פון זיך דאָס אָנטון און מיט א פיבער־רישער אײַלעניש גענומען זיך צו דער ארבעט... ביז איך האָב צונויפגעקליבן א בינטעלע גראָז, וואָס מע האָט געקענט נעמען אין אײן האנט, האָט דערסו באוויזן אָנשנײַדן אזויפיל, אז ער האָט עס קאם־קאם ארומגענומען מיט בײדע הענט. דער ווינט האָט אזוי געבושעוועט, אז ס'איז געווען אומעגלעך צו שטײן אף די פיס. מײַן אָנטון האָט אָנגעהויבן צוגעפרוירן ווערן צום לײַב. מיר האָבן קאם־קאם באוויזן אנידערלײגן דאָס אָפּגעשניטענע גראָז אף דער ערד, ווי דאָס איז באלד פארשאָטן געוואָרן מיט שניי. אין אײניקע ערטער האָט דערסו ניט געהײסן שנײַדן דאָס גראָז. ער איז שרעקלעך געווען אין קאס, וואָס איך האָב אים ניט געפאָלגט.

— טיעבע פאָנימײַ ניעטו, — האָט ער געשריגן, — טיעבע נאדא סלושײַ אי ראבאָטײַ. מאָיא פאָנימײַ.

דערסו האָט אראָפּגענומען די רימענס פון די ביקסן, אויס־געטון פון זיך דעם פאסעק, בא מיר אין קעשענע האָט זיך געפונען א שטריקל. דאָס אלץ האָט ער צונויפגעדרײט און ארײַנ־געדרוקט צו זיך אין בוזעם. און דאָ איז געוואָרן אלץ פינצטערער און פראָסטיקער... אדאנק דעם אויסגעפאלענעם שניי, האָט מען געקענט זען, וואָס טע טוט זיך ארום און ארום. דערסו האָט זיך

באוועגט מיט וועלטענער ענערגיע. אין זײַן קאָל האָבן זיך געשפּילט סימאָנים פון שרעק און בייזקײַט... דעמאָלט האָב איך מיך נאָך־כאמאָל גענומען צום מעסער און געארבעט, ביז איך בין געבליבן אָן קויכעס... אף מײַן העמד איז אָנגעפאלן אסאך שניי. ער האָט אָנגעהויבן צעגיין, און כ׳האָב דערפילט, ווי קאלטע שטראָמעלעך וואסער רינען איבערן לײַב. כ׳רעכן, אז מיר האָבן געשניטן גראָז מער פון א שאָ צײַט. א שארפער און שנײַדיקער ווינט האָט אומבעראכמאָנעסדיק געשניטן דאָס פּאָנעם. ס׳האָבן מיר אָפּגעפרוירן די הענט. כ׳האָב אָנגעהויבן זיי דערוואַרעמען מיטן אָטעם און בעשאס־מײַסע אראָפּגעוואָרפן דאָס מעסער. באמערקט, אז איך האָב אופגעהערט ארבעטן, האָט דערסו נאָכאמאָל אף מיר א געשריי געטון:

— קאפּיטאן! ראבאָטײַ! מאָיא שיבקאָ באָיסטא, סקאָראָ פראָפאדײַ!

האָב איך אים געזאָגט, אז איך האָב פארלאָרן דאָס מעסער.

— איז רײַס מיט די הענט, — האָט ער א געשריי געטון, פלײַסנדיק זיך איבערשרײַען דאָס פײַפן פונעם ווינט. אווטאָמאטיש, קימאט אומבאוווסטזיניק, האָב איך גענומען ברעכן דעם טשערעט און זיך צעשניטן די הענט, נאָר מוירע געהאט איבערײַסן די ארבעט. איך האָב געהאלטן אין איין רײַסן דאָס גראָז, ביז איך בין געבליבן אינגאנצן אָן קויכעס. פאר די אויגן האָבן זיך שוין געדרייט רייפן, די ציין האָבן געקלאפּט, ווי אין פיבער. דאָס אָנגעווייקטע אָנטון האָט זיך געבלאָזן און געטרישטשעט, ס׳איז מיך באפאלן א דרימל. „איז אָט ווי מע ווערט פארפרוירן“ — איז מיר איבערגעגאן א געדאנק, און טאקע טייקעף בין איך ארײַנגעפאלן אין כאלאָשעס.

ויפל צײַט עס האָט געדויערט מײַן כאלאָשעס, ווייס איך ניט. כ׳האָב פלוצלינג דערפילט, ווי עמעצער טרייסלט מיך פארן אקסל. כ׳האָב מיך אופגעכאפּט. אײַנגעבויגן איז איבער מיר געשטאנען דערסו.

— שטעל זיך אוף אף די קני, — האָט ער געזאָגט צו מיר.

כ'האָב אים געפּאָלגט און זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אין דער ערד. דערסו האָט מיך צוגעדעקט מיט זײַן געצעלט־לײַוונט. נאָכדעם האָט ער אָנגעוואָרפן אױף מיר גראָז. באַלד איז געוואָרן וואַרעמער, ס'האָט אָנגעהויבן טריפן וואַסער. דערסו איז נאָך א צײַט געגאַן ארום און ארום, צונויפגעשאַרט שניי און אים אײַנגעטראָטן מיט די פיס. כ'האָב זיך אָנגעהויבן דערוואַרעמען. נאָכדעם בין איך ארײַנגעפאַלן אין א דרימל. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך בין לאַנג געשלאָפן. פּלוצלינג האָב איך דערהערט דערסוס שטימע:

— קאַפּיטאַן! טו זיך א רוק...

כ'האָב זיך אָנגעטון א קויעך און זיך א רוק געטון אין א זײַט. דער גווילד איז ארײַנגעקראָכן אונטערן געצעלט, זיך געלייגט באַגלײַך מיט מיר און אָנגעהויבן אײַנדעקן אונדז ביידע מיט זײַן לעדערנעם רעקל. כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנט און האָב אָנגעטאַפּט בא מיר אױף די פיס פוטערנע זאָקן.

— א דאַנק דיר, דערסו,— האָב איך אים געזאָגט.— דעק זיך אײַן.

— נישקאָשע, נישקאָשע, קאַפּיטאַן,— האָט ער געענטפערט.— איצט מוירע ניט דאַרף. מײַנער שטאַרק דאָס גראָז בינד, דער ווינט ברעך ניט קען.

וואָס מיין ס'האָט אונדז פאַרשאָטן מיט שניי, אלץ וואַרעמער איז געוואָרן אין אונדזער אימפּראָוויזירטן שאַלאַש.

ס'האָט אופגעהערט קאַפּען פונויבן. פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס וואָיען פון ווינט. אקוראַט ווי ס'האָבן געהודעט ערגעץ גלעקער אין קלויסטערס. נאָכדעם האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויסדאַכטן עפּעס מעשונע טענץ, לידער. עפּעס בין איך פּאַמעלעך געפאַלן אלץ טיפער און טיפער און צום סאָף ארײַנגעפאַלן אין א לאַנגן און טיפן שלאָף... אזוי זײַנען מיר אָפּגעשלאָפן אן ערך א שאָ צוועלף. אז כ'האָב מיך אופגעכאַפּט, איז געווען פינצטער און שטיל. דאָ האָב איך באַמערקט, אז איך ליג אײנער.

כ'בין גיך ארויסגעקראָכן און האָב ניט ווילנדיק פאַרמאַכט די

אויגן מיט דער האנט. ארום און ארום האָט זיך אַלץ געוויַיסלט שניי. די לופט — א פרישע, א דורכזיכטיקע. ס'האָט געפראָסטלט. איבערן הימל זיַינען געשווּומען בעריסטנע וואָלקנס; ערגעץ־ווו האָט זיך ארויסגעוויזן דער בלויער הימל.

כאָטש אומעטום איז נאָך געווען כמורנע און טונקל, גאָר ס'האָט זיך שוין געפילט, אז אינדערגיך וועט ארויסקוקן די זון. צוגעשלאָגן פונעם שניי, איז דאָס גראָז געלעגן פאסנוויַיז. דערסו האָט צעפירט פיַיער און געטריקנט איבער דעם מיַינע שיך.

איצט האָב איך פארשטאנען, פארוואָס דערסו האָט אין אייניקע ערטער נים דערלויבט רייַסן דאָס גראָז. ער האָט עס צונויפגעקרעמפּעוועט מיט רימענדלעך און שטריק און איבערגעצויגן איבערן געצעלט, דער ווינט זאָל עס נים צעוואַרפן.

דאָס ערשטע, וואָס כ'האָב געטון: איך האָב באדאנקט דערסו, דערפאר וואָס ער האָט מיך געראטעוועט.

— מיר צוזאמען גיי — צוזאמען ארבעט, א דאנק נים דארף.

און גלייַך ווי ער האָט געוואָלט איבערפירן דעם שמועס אויף אן אנדער טעמע, האָט ער געזאָגט:

— היַינטיקע נאכט אסאך „מענטשן" פארפאלן.

כ'האָב פארשטאנען, אז די „מענטשן", פון וועלכע דערסו האָט גערעדט, דאָס מיינט ער פייגל.

3. צוריק אין לאגער

נאָכדעם האָבן מיר צענומען דאָס געצעלט פון גראָז, גענומען אונדזערע ביקסן און געגאַן וויַיטער. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אונדזער לאגער איז געווען זייער נאָענט. איבערגעגאַן איבערן זומפ, זיַינען מיר געגאַן אביסל מיט דער אָזערע כאנקא, נאָכדעם פארקערעוועט צו מיזרעך־צו צום טיַיך לעפו. נאָך דער פורגא האָט דער סטעפ אויסגעזען טויט און וויסט. די גענדז, קאטשקעס, מעווס זיַינען אלע ווי אומגעקומען. די נאסע זומפּיקע ערד איז צוגעפרוירן און בעסער אויסגעהאלטן די שווערקייַט פון דעם

מענטשנס טריט. באלד זײַנען מיר ארויסגעגאַן פֿונעם טײַך און אין א שאָ ארום געזעסן אפֿן אָרט, אין אונדזער לאַגער.

אָלעקסיעו און מאַרטשענקאָ האָבן קיין יעסורים ניט געהאַט פֿון אונדז. זיי האָבן גערעכנט, אז מיר האָבן געפֿונען לעבן דער אָזערע כאַנקאַ א ווינטער און דאָרט פֿאַרבליבן געכטיקן. כ׳האָב איבערגעטון די שיך, אָנגעטרונקען זיך מיט טיי, אַנידערגעלייגט זיך באַם פֿײַער און שטאַרק אנשלאָפֿן געוואָרן. ס׳האָט זיך מיר געכאָלעמט, אז איך בין ווײַטער צווישן די זומפּן... כ׳האָב א געשריי געטון און אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די קאָלדרע. ס׳איז שוין געווען נאַכט. אפֿן הימל האָבן געשײַנט לויטערע שטערן; און אין דער לענג האָט זיך אויסגעצויגן דער העלער מילך־וועג... באַ־נאַכט האָט זיך אויפגעהויבן א ווינט, צעבלאָזן דאָס פֿײַער און צע־טראָגן פֿונקען איבערן גאַרן פֿעלד. פֿון יענער זײַט פֿײַער איז געשלאָפֿן דערסו. מאַרטשענקאָ האָט צוגעגרייט וועטשערע און געפּרוּווט אונדז ביידע אופֿוועקן.

אף מאָרגן אינדערפֿרי האָט א קלאַפּ געטון א גרויסער פֿראָסט. די וואַסער איז אומעטום פֿאַרפֿרוירן געוואָרן; איבערן טײַך איז קליין־אײַז געגאַן. דער וועג איבער די אַרבל פֿון לעפֿו האָט בא אונדז צוגענומען א גאַנצן טאָג. מיר זײַנען אַרײַן אָפּט אין בלינדע אַרבל און זיך געמוזט אומקערן צוריק. איבערגעגאַן א ווערסט צוויי, האָבן מיר פֿאַרקערעוועט אין א זײַט און אַרײַן אין א צווייטן אַרבל. צום סאָף זײַנען מיר געקומען צו א בערגל, באַדעקט מיט יונגן דעמב. דאָ זײַנען מיר געבליבן אף נאַכטלעגער, דאָס איז אונדזער לעצטער לאַגער געווען. פֿונדאַנען האָט מען באַדאַרפֿט גיין צופֿוס קיין טשערניגאָווקע, ווו ס׳האָבן אף אונדז געוואַרט די איבעריקע מענטשן מיט די פֿערד. אוועקגייענדיק פֿונעם לאַגער, האָט דערסו געבעטן אָלעקסיעוון העלפֿן אַרויסשלעפּן דאָס שיפֿל אפֿן ברעג. ער האָט עס פֿלײַסיק אָפּגעריבן פֿונעם זאַמד, אָפּגע־ווישט עס מיט גראָז און עס איבערגעקערט מיטן דנאָ אַרויף.

איך האָב שוין געוווּסט, אז דאָס טוט ער אַלץ צוליב דעם, אז אַן אַנדער „לוידי״ זאָל קענען בא א נויט זיך באַנוצן דערמיט.

אינדערפרי האָבן מיר זיך געזעגנט מיטן טײַך לעטו און נאָך האלבן טאָג געקומען אין דאָרף דמיטראָווקע, וואָס געפינט זיך פון יענער זײַט אוסוריער אײַזנבאן. איבערגייענדיק איבער די רעלסן, האָט זיך דערסו אָפּגעשטעלט, א פּרווו געטון די רעלסן מיט דער האנט, א קוק געטון אין ביידע זײַטן און געזאָגט:

— הם! מײַנע דאָס געהערט, אומעטום לודי דערפון גערעדט. איצט פארשטיי שוין.

אין דאָרף האָבן מיר זיך אײַנגעאָרדנט אין די הײַזער, נאָר דער גולד האָט ניט געוואָלט גיין אין קיין שטוב — ווי שטענדיק, איז ער געבליבן נעכטיקן אונטערן פרײַען הימל. אין אָוונט האָב איך זיך פארבענקט נאָך אים און אים געגאן זוכן.

די נאכט איז געווען א פינצטערע, נאָר אדאנק דעם אויסגעפאלענעם שניי, האָט מען געקענט עפּעס וואָס זען. אין אלע שטיבער האָבן זיך געהייצט אויוונס. א ווײַסלעכער רויך איז שטרעמלעכווײַז געגאן פון קוימענס און זיך רויִק געצויגן ארופצו. דאָס גאנצע דאָרף האָט זיך גערויכערט. די שײַן פון די פענצטער האָט באלויכטן די ארומיקע קופּעס שניי. פון דער צווייטער זײַט האָט מיר ניט געענטפערט און, פון זײַן זײַט, פארגעבן א פראגע: דאָרף לעבן טײַכל האָט זיך אָנגעזעען א פײַערל. כ׳האָב פארשטאנען, אז דאָס איז דערסו׳ס לאגער, און בין גלײַך אוועק אהין.

דער גולד איז געזעסן לעבן פײַער און פון עפּעס געקלערט.

— קום אין שטוב טרינקען טיי, — האָב איך אים געזאָגט. ער האָט מיר ניט געענטפערט און, פון זײַן זײַט, פארגעבן א פראגע:

— וואוהין מאָרגן גיי?

כ׳האָב אים געענטפערט, אז מיר וועלן גיין קיין טשערניגאָווקע, און פון דאָרטן — קיין וולאדיוואָסטאָק, און אים אײַנגעלאדן גיין מיט אונדז. כ׳האָב צוגעזאָגט, אז אינגיכן וועלן מיר נאָכאמאָל קומען אין טײַגע, פארגעלייגט אים געהאלט... מיר האָבן זיך ביידע פארקלערט. כ׳ווייס ניט, וועגן וואָס ער האָט געטראכט... נאָר איך האָב דערפילט, אז צו מיר אין הארצן פארגאנווערט זיך א שטארקער אומעט. כ׳האָב אים נאָכאמאָל דערמאָנט פון אלע

באקוועמלעכקייטן פון שטאָטישן לעבן. דערסו האָט שוויַיגנדיק געהערט, צום סאָף האָט ער א זיפץ געטון און געזאָגט:

— ניין, אדאנק, קאפיטאן! מיַינער ווּלאדיוואָסטאָק ניט קען גיין. וואָס מיַינער דאָרטן טון! געיעג דאָרטן גיין ניטאָ, סויבלען טריַיבן אויך ניט קען. גאָראָד זשיווי, — מאָיא סקאָראָ פראָ־פאדי...

און ווי דער עמעס איז, — האָב איך א טראכט געטון — א וואלד־מענטש, וואָס וועט ער מאכן טון אין שטאָט? און צי טו איך ניט קיין אוולע מיט דעם, וואָס איך וויל אים אראָפּפירן פון וועג, אין וועלכן ער גייט פון קינדוויַיז אָן?

דערסו איז אנשוויגן געוואָרן.

ער האָט, וויַיזט אויס, באטראכט וואָס צו טון, דערנאָך, ווי אָפּגעענטפערט זיך אליין, אף זיַינע אייגענע געדאנקען, האָט ער געזאָגט: — זאווטרא מאָיא פריאמאָ כאָדי, — און האָט אָנגעוויזן מיט דער האנט קיין מיזרעך. — פיר זונען גיין, — דאָרטן דאוכע טיַיך, — וויַיטער אלאכא גיי, דערנאָך — פודין, דזוב־געו און יאם. מיַינער געהערט, דאָרט באם יאם — וואָס־וואָס אסאך; סויבל דאָ, הירש אויך דאָ.

לאנג זיַינען מיר געזעסן לעבן פיַיער און געשמועסט. די נאכט איז געווען א שטילע און א פראָסטיקע. אמאָל פלעג א ווינט טון א ווינטל און שלעשטשען מיט די דעמבענע בלעטלעך. אין דאָרף איז מען שוין לאנג געשלאָפן, נאָר אין דער שטוב, וווּ איך מיט מיַינע שיסער האָבן זיך איַינגעאָרדנט, האָט געשיַינט א פיַיערל.

„מאזל אָריאָן" האָט אָנגעוויזן אף האלבע נאכט. איך בין אופגעשטאנען, זיך געזעגנט מיטן גולד, אריַין אין שטוב און זיך געלייגט שלאָפן. עפעס אן אומפארשטענדלעכע בענקשאפט האָט געהערשט איבער מיר. פאר דער קורצער ציַיט האָב איך זיך צו־געוווינט צו דערסו. סוף מיר אצינד באנק צעשיידן זיך מיט אים. מיט אָט די געדאנקען בין איך אנדרימלט געוואָרן.

4. דער צעשייד

אפן צווייטן טאָג אינדערפרי איז דאָס ערשטע, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט, אז דערסו דארף אוועקגיין פון אונדז. אָפגעטרונ־קען טיי, האָב איך באדאנקט די באלעבאטים און בין ארויסגעגאן אינדרויסן. די שיטער זײַנען שוין געווען פארטיק צום גיין. דערסו איז אויך געווען מיט זיי. פונעם ערשטן טאָג האָב איך געזען, אז ער קלײַבט זיך אין א ווײַטן וועג. דער שפּײַז־זאק איז געווען שטארק צונויפגעפאקעוועט. דער רימען פארצויגן, די אונטעס—גוט אָנגעטון. אָפגעגאן פון דמיטראָווקע א ווערסט, אן ערעך,—האָט זיך דערסו אָפגעשטעלט. ס'איז געקומען די שווערע מינוט פון צעשיידן זיך.

— זײַ געזונט, דערסו,— האָב איך צו אים געזאָגט, דריקנדיק אים די האנט,— כ'ווינטש דיר אלדאָס בעסטעס, כ'וועל קיינמאָל נים פארגעסן, וואָס דו האָסט פאר מיר געטון, זײַ געזונט! עפשער וועלן מיר זיך אמאָל באגעגענען.

דערסו האָט זיך געזעגנט מיט די שיטער, נאָכדעם מיר א שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז אוועקגעגאן אין די קוסטעס אף לינקס. מיר זײַנען געבליבן אפן אָרט און אים נאָכגעקוקט. הונ־דערט קלאפטער פון אונדז איז געווען א קליין בערגל באוואָקס מיט דריבנע קוסטעס. פאר א פינף מינוט איז ער צוגעגאן צו דעם. אפן ליכטיקן פאָן פון הימל האָט זיך אויסגעצייכנט זײַן גע־שטאלט מיטן שפּײַז־זאק אף דער פלייצע מיטן גאָפּל־שטאָק און מיט דער ביקס אין די הענט.

אין אָט דער רעגע איז פון הינטער די בערג ארויס א לויטערע זון און באלויכטן דעם גורלד. אופגעהויבן זיך אפן שפּיץ בארג האָט ער זיך אָפגעשטעלט, אויסגעקערעוועט צו אונדז דאָס פּאָנעם, א מאך געטון מיט דער האנט און פארשוווּנדן געוואָרן הינטערן בארג־קאם. עפּעס האָט זיך מיר אָפגעריסן אין הארצן.

— א וווּלער מענטש אָטאָ דער דערסו,—האָט מארשענקאָ א זאָג געטון.

— יאָ אווינע מענטשן זײַנען ווינציק, — האָט איס אָלעגסיעוו אָפּגעענטפערט.

— זײַ געזונט, דערסו! — האָב איך צו זיך אליין געזאָגט: — דו האָסט מיך געראַטעוועט פון טויט. כ׳וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

פאַרנאַכט זײַנען מיר געקומען קײַן טשערניגאָווקע און צוגע־שטאַנען צו אונדזער מאַכנע. אין דעמזעלבן אָוונט בין איך אַרויס־געפאָרן קײַן וולאַדיוואָסטאָק, אפן אָרט פון מײַן שטענדיקער אַרבעט.

די באַצווינגער פֿון דער טײַגע

1. דער כינעזער לי־טין

דער כינעזער לי־טין, א דארער און אויסגעצויגענער, פאר־קוועטשט די טרוקענע ליפן און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— פו—כאָ.

ס'הייסט—שלעכט, שלעכט, וואָס מע טוט אזוי.

מיר שטייען לעבן שטאם פון א אנידערגעוואלגערטן צעדערבוים, פון וועלכן מ'האָט נאָך אפילע ניט אראָפּגעשונדן די הארטע איינגע־שרומפּענע קאָרע, וואָס איז געראָטן אין דער פעל פון א קראָ־קאָדיל. דער ריזיקער שטאם ליגט אף א זייט. פונעם פרישן שניט שפּאַרט נאָך ארויס דאָס גאָלד־געלע בלוט פונעם צעדערבוים. דער הויכער לי־טין דערלאנגט קאַם מיט דער האנט צום אייבערשטן ראנד פונעם צעדערבוימס קווערשניט.

ער איז ניט צופרידן, לי־טין. דער צעדער—דאָס איז א גרויסער, א וויכטיקער בוים. ער לעבט אזויפיל יאָר, אז לי־טין קאָן אפילע דידאָזיקע צאָל ניט אָנרופן. באם צעדער אינעווייניק אין בוים־לאָך פארברענגט דעם ווינטער דער „איבערהאר אליין" פון דער טײַגע, דער שווארצער מאנדזשורער בער. ער, וואָס אז ער שטעלט זיך אף די הינטערשטע פיס, איז ער צוויי מאָל העכער פונעם העכסטן מענטשן.

איז צוליב וואָס האקט מען די צעדערס?

צוליב וואָס האָט מען דאָ אין דער אוסורייער טײַגע אָנגע־צונדן עלעקטרישע פײַערן?

יענע, וואָס האָבן אין דער טײַגע אנידערגעשטעלט קלײנינקע עלעקטרישע זעגן, זײַנען „כּודאַי לידוי" — שלעכטע מענטשן. זיי האָבן פאַרטריבן דעם זשען־שען. ער איז אנטלאָפן אין דער טיפעניש פון דער טײַגע העט ווײַט פון דער שטאָלענער שמאָלער קאָליע, פון די פײַפן פונעם וואַלד־פיר־לאָקאָמאָטיוו, וואָס שפּײַט מיט רויך און פונקען אף די שפּיצן צעדערביימער.

מיט צוויי יאָר צוריק האָט אפן דאָזיקן אָרט, ווו דער אָפּגעזועגטער צעדער ליגט, לי־טין זיך געטראָפן מיט א טיגער. פּופּציק טריט פינדאָרט רוישט דער טײַך אוסורי. האָט זיך דער טיגער אויסגעטראָטן א סטעזשקע צו דער וואַסער אף צו גיין אַלע טאָג אָנטרינקען זיך. לי־טין האָט ניט געוווּסט, אז אָט די סטעזשקע איז דעם טיגערס. איז לי־טין אנידערגעפאַלן מיטן פּאָנעם צו דער ערד.

ווײַזט אויס, דער טיגער איז אין א גוטער לוינע געווען. לי־טין רעכנט, אז דאָס האָט דאָס געבעט זײַנס מיטגעהאָלפן. בקיצור, לי־טין איז געבליבן גאַנץ.

מיט א פּאָר יאָר צוריק, הייסט עס, האָבן דאָ טיגערס געבלאָנקעט, און אצינד:

— באָלשעוויק קראַדי דאָראָגא טיגרא, — איז לי־טין אומצופרידן דערמיט, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן צוגענומען באַם טיגער זײַן סטעזשקע. איבער דער טיגער־סטעזשקע האָט מען דורכגעלייגט א שמאָלע באַן־קאָליע און דאָרט, ווו דער טײַגער האָט וואַסער געטרונקען, גייט א פּאַראָם אף א שטאָלענעם שטריק. און דער שוואַרצער מאַנדזשורער בער אפילו איז אוועק פון זײַן בערלאָגע אין דער טײַגע טיף, ניט געוואָלט, ווײַזט אויס, זיך שפּאַרן מיטן „באָלשעוויק".

לי־טין איז זייער אומצופרידן, דער זשען־שען איז אנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס אוואַדע אף א הונדערט קילאָמעטער, די טײַגע טרעט אָפּ מיט דערעכערעך פאַר דער עלעקטרישער זעג, אין די שטילעגעדיכטענישן ברענען שוין די פײַערן פון זעג־מילן, און טאָג און נאַכט קלינגען די שטענדערס מיט די זעגן, וואָס ריזען זיך אײַן מיט די ציין אינעם צעדער־לײַב.

2. דער טיכטיקער יאפּאַנער

אויף דער סטאַנציע אוסורי איז צוזאַמען מיט מיר פונעם באַן אַראָפּגעגאַן איינער אַ יאַפּאַנער. ער איז צוויי מאָל נידעריקער פון ליי־טינען. נאָר ער האָט אויך אזעלכע באַלאַכסן־דורכגעשני־טענע אויגן און אַ בראָנדזן־געלע פּאָנעם. ער טראָגט אַ פּיין אויס־געניייטן מאַנטל, אַ זילבערדיקע הוט, געלע קאַמאַשן, און — אויף דער אזיאַטיש־צוגעפּלעטשטער נאָז — גרויסע האָרן־ברילן.

ער האָט מיסטאָמע אַן אַנדער מיינונג וועגן די רעכט פונעם טיגער, ווערליק ליי־טין.

מיט אַ נאָטיץ־ביכל אין דער האַנט דרייט ער זיך אַרום די גרויסע שטאַבעלן געהילץ, וואָס ליגן לענגאויס דעם באַן־אָנשיט, און פאַר־שרייבט עפּעס צו זיך אין ביכעלע מיט אַ בלייער, וואָס האָט אַ גאָלדענעם אָנשפּיץ.

אָט גייט ער צו צו מיר, וואַרפט אַרויס פון אונטער די ברילן אַ פּאָר שוואַרצע לעבעדיקע אויגן, הייבט אויף די האַנט מיט דער אויף־דער־העלפט אויסגעטונענער ברוינער הענטשקע צו די ראַנדן פון דער פעטראָווער הוט און רעדט אַרויס אויף אַ גוטן ריינעם רוסיש: —

— זדראַווסטוויטיע!

מיר האָבן זיך מיט אים באַקאַנט נאָך אין באַן. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ קליין שטיקל קאַרטאָן מיט אַ גאָלדענעם ראַנד, — אַ וויזיט־קאַרטל. אויף אים איז געווען אָפּגעדרוקט אויף ענגליש דער נאָמען פון אַ גרויסער יאַפּאַנישער האַנדל־פירמע אין נאַגאַסאַקי, און די אַדרעסן פון אַלע אירע אָפּטיילונגען אין פאַרשיידענע עקן וועלט, און בלויז פּתּותסן איז מיט קליינעם שריפט געווען אָפּגע־דרוקט דער נאָמען און פאַמיליע פון יאַפּאַנער, דעם באַפולמעכ־טיקטן פון דער פירמע אודזוע. אים האָט שטאַרק אינטע־רעסירט די אוסוריער טייגע, נאָר אים האָבן לאַכלוטן ניט אינטערעסירט ניט די טיגערן, ניט דער זשען־שען, ניט ליי־טינס טאַרומעס.

— אונדזער פירמע — דערקלערט ער מיר, ווארפנדיק אין לי־טינס זײַט א שמייכעלע פון העפלעכקײַט און גרינגשעצונג, — האָט געשעפטן מיט „דאלליעס" [1]). דער גרונט־קאפּיטאל פון דער פירמע באטרעפט אזויפיל און אזויפיל מיליאָן יען [2]). זי פירט אסאָקים אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק. זי האָט ליב א ברייטן פארנעם. פאר דער מילכאָמע האָט זי שוין געהאט גרייט א קאָנצעסיע־אָפּמאך [3]) אף אָטאָ די װאלד־באארבעטונגען. די צארישע רעגירונג האָט דעם אָפּמאך שוין געזאָלט אונטערשרײַבן, — האָט זיך די מיל־כאָמע ארײַנגעמישט און איבערגעריסן...

דער יאפּאַנער איז כאניפעדיק־העפלעך ביז גאָר. אף זײַן פּאָנעם צעגיסט זיך א זיסקײַט, ווען ער רעדט וועגן די באָלשעוויקעס, ער רירט זיך אפילע צו בעשאסן ריידן צו דער הוט, עלעהיי ווי ער באגריסט זיך מיט זיי, מיט די באָלשעוויקעס. — באָלשעוויקי, אָ! דאָס זײַנען אויך מענטשן פון גרויסן פארנעם. יאָ, זיי זײַנען געשעפט־לײַט. מיסטער ריקאָװ, אשטייגער...

נאָר דאָ, אף אָט דעם אָרט ווערט דאָס פּאָנעם זײַנס חי פאר־וויאנעט, נעבעך. די באָלשעוויקעס זײַנען ניט אײַנגעגאנגען אף דער קאָנצעסיע. זיי האָבן איבערגעקוקט דעם אלטן גרייטן פּראָ־עקט פון דער קאָנצעסיע און האָבן זיך אליין גענומען צו דער ארבעט.

3. א זאוואָד אין דער טײַגע

לי־טין האָט ניט אינגאנצן רעכט געהאט, ווען ער האָט זיך געקלאָגט, אז דער „הער טיגער" איז אוועק פון די באָלשע־וויקעס אין דער טיפעניש פון דער טײַגע. ניט ריכטיק. ארום דעם יונגן װאלד־זאוואָד בלאָנקען נאָך אצינד אויך טיגערס. אין פינצטערע פרילינג־נעכט הערט מען אמאָל אינעם זאוואָד־

[1]) „דאלליעס" — דער כרעסט פון װאלד־באארבעטונג און זעגמילן אפן ווײַטן מיזרעך.

[2]) „יען" — א יאפּאַנישע מאטבײַע, — בא א רובל.

[3]) „קאָנצעסיע" — ארענדע.

יישעוו זײַן דונערדיק „מורליקען". אף א פריש־אויסגעהאקטן וואלד־פלאץ ברענען די פײַערן פון זאוואָד. די נײַנקע הײַזער און באראקעס פון פאבריק־יישעוו טוליען זיך צו דער טויבקײַט פון דער טײַגע. אונטער די פיס וויגט זיך, ווי א שפרונזינען קישעלע, א זומפ, נאָר דער פוס טרעט איבער א קילעם פון טירסע. מיט טירסע־מעל זײַנען צוגעפודרעט די פיכטעס און צעדערביימער, די לופט ציטערט און קלינגט מיטן אָפּהילך פון שטאָל־געזאנג אין די ווענט פון דער זעגמיל. די לופט שמעקט מיט פעכיקע ברעטער.

דעם קלאָץ, לעבן וועלכן מיר זײַנען פריער געשטאנען מיט ליטינען, האָט מען צוגעקײַקלט אף וואגאָנעטקעס, אײַנגעשפאנט אין א וואלדפיר־לאָקאָמאָטיוול, — סאמע צום זאוואָד און אינעווייניק — צום זעג־שטענדער. האָבן די זעגן פון שטענדער זיך צע־שפרונגען ארוף און אראָפּ. טכילעס אינדערלופטן און דערנאָך זיך אײַנגעביסן אין קלאָץ און זיך צעוואָיעט מיט געדיכטן קלאנג. און צען דיקע ברעטער האָבן גענומען ארויסקריכן פון דער אנדערער זײַט שטענדער אף א, צוגעגרייטער וואגאָנעטקע, וואָס האָט גע־ווארט אף זיי. בא די שטענדערס האָבן געהאוועט ארבעטער, פאר־מעלטע, ווי מילנערס. אויך דער געשעפּטלעכער יאפּאָנער איז מיט האָלץ־מעל פארשטויבט געוואָרן. פלײַסיק טרייסלט ער אראָפּ די טירסע פון דער הוט און ווישט אויס מיט א ריין נאָזטיכעלע די גלעזערנע קאמאשן. זײַן פירמע האָט א וויכטיקן פאָרשלאג. גייט ער אין קאָנטאָר צום פארוואלטער פון זאוואָד.

4. און מיר אליין ווו זײַנען?

דער יאפּאָנער האָט ניט ליב קיין סאך ריידן. פאר צוויי מינוט האָט ער אויסגעלייגט דעם גאנצן איניען און אלע טנאָים, וואָס זײַן פירמע לייגט פאָר. די זאך איז — אין דער טירסע. טירסע איז דאָך — מיסט. מע טרעט עס מיט די פיס, מע פארשיט דערמיט דעם זומפּ. וויל די פירמע באצאָלן פאר אָט דעם מיסט מיט מעזומען געלט. ווילט איר — איז מיט דאָלערס, ווילט איר — איז מיט ענגלישע

פונטן, ווי איר ווילט. זאָל נאָר דאַלליעס ערלויבן א קליינע געבײַדע לעבן זאוואָד. ס'הייסט א זאוואָדל באַם זאוואָד.

באַם פּאַרוואַלטער אף די באַקן האָבן געברויט רויטע שווינד־זוכטיקע פלעקן. ער האָט טיף געהוסט אין נאָזטיכעלע אַרײַן און געשפּיגן אין א סלוייִקל מיט א מעטאַלענעם קאָרעק, וואָס ער האָט בא זיך טאָמיד געהאַלטן אין קעשענע. דאָס האָט ער געבויט דעמדאָזיקן זאוואָד אינעם יִשעוו אין דער טײַגע פון דער ערשטער ברעם אָן און ביז דער לעצטער. דאָס האָט ער אָרגאַניזירט די גאַנצע אַרבעט, פריִער די קלעצער מיט די הענט געשלעפּט און דערנאָך דאָס לאָקאָמאָטיוול אײַנגעאָרדנט. ער איז נאָך דערפאַרענע ועגמילנער געפאָרן, וועלכע ער האָט דאָ געקענט נאָך פונלאַנג, פון יענע יאָרן, ווען ער איז פאַרשיקט געווען אין ארכאַנגעלסקער גובערניע און אזוי זיך א טשאַכאָטקע געקראָגן.

דער פאַרוואַלטער האָט אופמערקזאַם זיך צוגעהערט צום יאפּאָ־נער. און קעדיי דערוויַיל קיין צייט ניט פאַרלירן, האָט ער אונ־טערגעשריבן צוויי פּאַפּירן, וואָס מע האָט אים פון דער קאָנטאָר איבערן אקסל דערלאַנגט.

דער יאפּאָנער האָט געענדיקט.

— איר ווילט מאַכן בריקעטן [1] ? — האָט דער פאַרוואַלטער קורץ געפרעגט דעם יאפּאָנער.

— מעגלעך, — האָט דער יאפּאָנער פאָרזיכטיק געענטפערט.

— שפּיגינאַר ?

— אוואדע.

— ס'ס דערפון גאָרניט ניט ארויסקומען.

— אָ ? — האָט דער יאפּאָנער אופגעהויבן זײַנע האָרן־ברילן : מיר וועלן אויסנוצן אײַער מיסט און באַצאָלן דערפאַר מעזומאָנים.

האָט דער פאַרוואַלטער ארויסגענומען פונעם שרײַב־טיש־שופּ־לאָד א בלאָוו קאַלקע־פּאַפּיר. אף דער קאַלקע איז אויסגעמאָלט דער פּלאַן פון א בריקעט־זאוואָד און א שפּיגינאַר־זאוואָד. און אין

---

1) בריקעטן — פּליטקעס פון געפּרעסטער טירסע.

ווינקעלע איז געווען אויסגעטײלט א קליין פלאנדל — פון א כימי־שער לאבאראטאָריע אף אויסצואַרבעטן פון טירסע פליִעודיקע איילן.

— אָ,— האָט א צווייט מאָל אויסגערופן דער יאפּאַנער, אופ־געהויבן זיך און אויסגעשטרעקט דעם פּארוואלטער זײַן קליינע האנט,— דאלליעס ?

— יאָ, דאלליעס,— האָט דער פּארוואלטער באשטעטיקט.

דער יאפּאַנער איז אוועק, און דער פּארוואלטער האָט זיך צעלאכט, אזש צעהוסט. — וואָסי ? — האָט ער פון הוסט ארויסגע־זאָגט,— מירן אליין נים קאָנען אונדזער שטעטל באשטײַן ?...

און די שמאָלע קאָליע פונעם וואלדפּיר־לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אלץ טיפער אײַנגעשרויפט אין דער טײַגע. אף פופציק קילאָ־מעטער די זוײַט זײַנען שוין געלעגן די וואלד־באארבעט־שטרעקעס פון דער זעגמיל. די זומפּ־קישעלעך האָט מען אײַנגעפּרעסט און אופגעצויגן סלופּעס פאר עלעקטרישע דראָטן. לויפט א שטראָם איבער די הודענדיקע דראָטן צווישן צעדערנע ווענט און דערלאנגט באוועגונג די קלײנינקע זעגן.

אוסור׳ער דאנבאס

אין מאָסקווע איז אצינד העלער טאָג, אָקאָרשט האָט זיך די ארבעט געענדיקט אין די אנשטאלטן, די טראמווייען נעמט מען איין מיט געשלעג, — און דאָ איז טיפע טייגישע שטאָקנאכט, און הויך אין הימל ברענען אומבאקאנטע קאלטע שטערן.

סטאנציע קאנגאוז.

ווייטער איז שוין ניטאָ קיין וועג. די באן־ליניע האָט זיך אָנגעשפארט סאמע אין שרויפיקן רוקן פון אוטוריער בארג־קייט סיכאָטע־אלין. און דאָס האָט זיך א ברעקל סטאנציעלע באהאלטן אין איינעם פון זיינע שטיינערנע קנייטשן. ביז ווייט פונדאנען — די כינעזישע גרענעץ.

— וואשא סוטשאן כאָדי? מאָיא נעסי ועשטשי, — ס'הייסט: איר גייט קיין סוטשאן? קאָן איך אייך אונטערטראָגן די זאכן.

און דער שמאָל־אויגיקער כינעזישער טרעגער ווארט ניט אף מיין ענטפער, ווארפט ארוף מיינע זאכן צו זיך אף דער פלייצע, אף א ספעציעלער טראָג־צופאסונג, און דערוף איז שוין אָנגע־וואלגערט א בארג אנדערע זאכן. גייט שוין פונפאָרנט פאר מיר א גרויסער פאק זאכן אף די נע פיס, אין טופליעס אף א פילצע־נער פידעשווע.

— מאלאָ־מאלאָ אידי נאדאָ, — קרעכצט דער שפאנענדיקער פאק. — גלאזא דערזשי נאָגי: ס'הייסט: גיי פאמעלעך און האלט די אויגן בא די פיס.

א שמאָלע סטעזשקע שרויפט זיך מעשופעדיק אַרויף אויפן האָלדז־און־נאַקן פונעם בארג־רוקן, וואָס איז באַהאַלטן אין דער סאַמעטענער נאַכט־פינצטערניש. דאַרף מען טאַקע האַלטן די אויגן בײַ די פיס, וואָס גליטשן זיך אַראָפּ פון אָטאָ דער שטיינערנער וואַנט. אָט רײַסט זיך אַרויס א שטיין פון אונטערן פוס און קײַקלט זיך אַראָפּ מיט א פאַרטויבטן טראַך אינעם שוואַרצן אָפּגרונט אַרײַן. פון ביידע זײַטן סטעזשקע קריכט אַרויפצו די אײַנגעשפּאַרטע טײַגע, א שוואַרצע, ווי די נאַכט. פון ערגעץ, דאַכט זיך, פון רעכטס, דערטראָגט זיך א פּילשטשימיק מעטאַלן ריזלען.

אין וועג, אין וואַגאָן נאָך, האָט נאָך א פויער, א קאָררייער, אינגאַנצן אין ווײַסן אָנגעטון, דערציילט מיט ערנסט וועגן טיגערס, ציפּענדיק זיך בעשאַס־מײַסע דאָס שיטערע ביסל האָר פון דער באָרד. „טאַטע"—האָט ער אָנגערופן דעם טיגער, „קלוגער קאָפּ"—און דערמאָנט, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק פלעגן די טיגערס באַנאַכט אַרויס פון טײַגע און פאַרצוקן דעם סקאָט אין די קאָררייישע דערפער.

— דאָ זײַנען פאַראַן טיגערס? — פרעג איך באַם טרעגער. — און הער זיך בעשאַס־מײַסע צו מיט אביסל פּאַכאַד צו די אומבאַקאַנטע קלאַנגען, וואָס זײַנען ענלעך צו א פּילשטשימיקן מורליקען.

— כ־כע, — רופט זיך אָפּ דער פּאַק, וואָס גייט פאָרויס,— וואשא כאָדיא ניע בויסיא. באָלשעוויקא פרישלא — טיגרא אושלא.

די סטעזשקע מאַכט דעם לעצטן אויפשוווּנג און — מיר זײַנען אויפן רוקן פון בארג. פונונטן איז דער דורכפאַל פון טאָל, און איבער אים זײַנען אָנגעסילעט, ווי קאַרעלן, צוויי רייען פײַערן, וואָס גייען אַוועק אין דער ווײַט און קלעטערן אַרויף אויפן צווייטן בארג־רוקן. רעכטס שעמערירט א פּאַס שטאָל. דאָס מעטאַלענע ריזלען ווערט שטאַרקער. קריכט זיך איינע אַליין א וואַגאָנעטקע מיט קוילן אַרויפצו אויפן שרויפּיקן רוקן פון סיכאָטע־אַלין. פון יענער זײַט וואַלד־קושטש אויפן בארג מינען זיך פײַערן, גרויסע פלאַקערן, פון דער דרימלדיקער טײַגע דערגרייכט צו אונדז דער אָטעם פון א דינאַמאָ. מיט דער שמאָלער קאָליע, וואָס איז

אריבערגעוואָרפן איבער די בערג, ציִען שטאָלענע שטריק וואגאָנדלעך אף קלינגענדיקע קלעצלעך־בלאָקן.

— טיגרא מאָלטשי — זשעליעזאָ קריטשי,— גיט דער טרעגער צו.

...פון יענער זײַט באַרג־איבערוואַלגער איז אויך אזא קליין סטאנציעלע: דערושאנאָװאָ. דאָ איז אויך געווען ווילד און שטיל, און טיגערס האָבן אין געדיכטעניש געבלאָנקעט, און טײַגע־יעגערס און גוילדן האָבן געבלאָנדזשעט ביז... „באָלשעוויקא פרישלאַ״ — ווען ס׳האָט אָנגעהויבן ריידן דאָס אײַזן פון בלאָקן און וואגאָנעטקעס.

פון סוטשאן ביז דער סטאנציע דערושאנאָוואָ און דערנאָך אריבערן באַרג־איבערוואַלגער סיכאָטע־אלין לויפן וואגאָנדלעך מיט קוילן, געצויגן פון קליינע לאָקאָמאָטיוולעך אָדער אופגעהויבן באַרג־ארוף אף שטאָלענע קאנאטן — טראָסן. לויפן אָן אופהער קײַלעכיקע מעסלעסן. און פונדאָרטן שוין מיט א ברייטער קאָליע, מיט אן עכטער אײַזנבאַן גייען מיליאָנען טאָן שיטיקן, גלאנציקן סוטשאנער אנטראציט סאמע ביזן בלאָוון פאָרט וולאדיוואָסטאָק.

ביז סוטשאן איז נאָך 40 קילאָמעטער.

זײַט־זשע מוחל אין קופע ארײַן! פּתעם מיט קוילן אָנגעפודערטן פאָנעם פונעם טרעגער, וואָס פאָרעט זיך מיט אן אײַזערנער לאָפעטע אין וואגאָנדל, בלאנקט א צעשמייכלט מויל מיט ציין.

איך קריך ארײַן אין „קופע״, ד. ה. איך ווארף מיך ארײַן אין דער פון קוילן פארשטויבטער וואגאָנעטקע. ס׳טוט א פײַף, די וואגאָנעטקע טוט א מאָרדעווע און מיט א קראך און געבראזג פליִען מיר אָדער אין דער טיף פון טאָל, וואָס איז אָנגעפילט מיט קאיאָריקן מילכיקן נעפל, אָדער צום שפיץ באַרג־רוקן, וואָס קעמט מיט פעלדזן־ציין די וואָלקנס.

סוטשאן איז דער דאָנבאס פונעם ווײַטן מיזרעך. אין דער אנטוויקלונג פון אונדזער פינפיאָר אפן ווײַטן מיזרעך וועט סוטשאנער קוילן שפילן א גרויסע ראָליע. ער האָדעוועט מיט קוילן א געגנט, ווי פיר מאָל דײַטשלאנד, די גרייס: אוסוריִער און

טראַנסבײַקאַלער אײַזנבאַן, אַמורער און שטילאָקעאַנער שיפֿן און עם מעכטיקן מעטאַלזאַוואָד פֿון װלאַדיװאָסטאָק.

ביז דער רעוואָליוציע האָט דידאָזיקע געגנט מיט אירע קוילן, גאָלד און װאַלד, פֿיש און דריכוואַרג צוגעצויגן גאַנצע באַנדעס רוסישע און יאַפּאַנישע געשעפֿטלײַט, װאָס פֿלעגן אַהערצו אַראָפּקומען אַף א „פּאַרט״, אײנער א באַרײַסער אַזא האָט מיר אין װלאַדיװאָס־טאָקער צוג, אין װייכן װאַגאָן, דערציילט מיט סמאַק פֿון יענע אַלטע גוטע צײַטן:

— אַך, מײַן הער... כ'מיין, בירגער! צוליב װאָס דאַרפֿט איר קאַנאַדע! דאָ האָט איר אײַך א קאַנאַדע, אי קלאָנדײַק, אי װאָס איר װילט. נאָר, ס'איז אָבער אַצינד ניט אַזא צײַט. עך, אַמאָל פֿלעגט זיך דאָ טון...

ס'האָט אים אפֿילע דעם אָטעם פֿאַרכאַפּט בא די װערטער: „אַמאָל פֿלעגט זיך טון״, און מיט צעשמאָלצענע אויגן האָט ער פֿאַרגעזעצט:

— יאָ, די כינעזער האָבן דעמאָלט געאַרבעט פֿאַר א זשמעניע רײַז, די שאַכטעס האָט מען געגראָבן מאַמעש מיט די הענט, מיט גראָב־אײַזנס. קיין שום געהילך־פֿעסטונגען, װענטיליאַציע און פּאָמפּעס האָט מען אין די שאַכטעס ניט געשטעלט. די שאַכטיאָרן פֿלעג מען אַראָפּלאָזן אין קוישן אַפֿן שטריק. הויצאָעס נישטיקע און — רע־װאָכים, כ'זאָג אײַך — מעשוגענע! אַלץ געמאַכט געװאָרן אַף צװײ־דרײַ יאָר. פֿאַרשטייט זיך, ס'פֿלעגן טרעפֿן אומרײַסן, פֿאַרװאַלגע־רונגען. נאָר װאָס האָט עס אויסגעמאַכט? פֿון אָטאָ דעם־אָ, װי הייסט עס הײַנט בא זײ? — יאָ, פֿון „אַרבעטשוץ״ איז דעמאָלט קיין סימען ניט געװען. האָט מען געמאַכט א לעבן, איר מעגט שוין מעקאַנע זײַן...

נאָר אָט זײַנען מיר שוין אינעם איצטיקן סוטשאַן. א קליינער יישעװ, אויפֿגעפּרעסט אין א רינג פֿון בערג, דורכגערויכערט פֿון די שאַכטע־קוימענס. בישכיינעס מיט די באַדערערדיקע כינעזישע פֿאַנזעס — נײַיִנקע אַרבעטער־שטיבער מיט ברייטע פֿענצטער און גאַנעקלעך. אין אָט דעם שאַכטיאָרן־יישעװ ליגט אַף אַלץ דער שטעמפּל פֿון געראַנגל צװישן אַלטן און נײַעם, אָנגרײַפֿנדיקן.

— ווּ איז די שאכטע? — זוך איך מיט די אויגן.
— אָן אָ.

יאָ, מיר זײַנען ווירקלעך בא דער שאכטע. די כינעזער טרײַב ארויס וואגאָנדלעך מיט קוילן פון א נידעריקן ביניען, געראָט גיכער אין א קאמער. דער ארײַנגאנג אין שאכטע־ברונעם, ווי א טיר אין א קעלער.

— און ווּ איז דער שאכטע־ליפט?
— מירן זיך זעצן אין דער „סאָבאקע".
— וואָס הייסט אין דער „סאָבאקע"?
— אזוי הייסט עס בא אונדז. אף ענגליש הייסט עס „סקיפּ" דאָס איז בא אונדז א נײַס. פריער האָט מען זיך אראָפּגעלאָזט אף די הענט. אין דער טיף פון 260 מעטער, העכער א פערטל קילאָמעטער.

„סאָבאקע" אָדער דער ענגלישער „סקיפּ" דאָס איז אזא מין אָפענער אוטאָמאָביל, וואָס פליט אראָפּ אף שטאָלענע קאנאטן איבער א מעשופּעדיקער רעלסן־קאָליע. מיר האָבן זיך ארײַנגעזעצט אין דער „סאָבאקע" און געפלויגן באַרגאראָפּ. סע שווינדלען פעסט־טיק־באלקנס, אנדערע „סאָבאקעס" פולע מיט קוילן. געקומען צו פאָרן. פונעם שמאָלן לאָך פון „זאבאָי" הודעס, ווי פון א פאס. א האלבנאקעטער שאכטיאָר איז אײַנגעבויגן איבער דער מאשין, וואָס האקט פאסעס, פלאסטן קוילן פון דער בלינדער בארגוואנטן זײַן מיט קוילן פארשטויבטער קערפּער דאכט זיך ווי אן אויס־געגאָסענער פון בראָנדזע. ער קלאָגט זיך: די „פאזאנעס" (כינעזער) קענען זיך נאָך נים באגיין מיט קיין מאשין. אָט האָבן זיי שוין דעם דריטן בויער צעבראָכן. ער באווײַזט מיר די שטאָלניעס, זיי זײַנען נידעריק און שמאָל. דאָס פעסט־געהילץ איז נאָך וואקלדיק. מע בויט זיך ערשט. די וואגאָנעטקעס שטופט מען נאָך מיט די הענט. די קוילן פון „זאבאָי" שלעפּט מען נאָך ארויס אף שלי־טעלעך. בא דער זײַט אָבער קלײַבן שוין מעכאניקער אוף אן עלעקטרישן לאָקאָמאָטיוו, וואָס וועט פירן די וואגאָנעטקעס צום „סקיפּ", מע בויט שוין א קאָנווייער, וואָס וועט מעכאניש דער־

לאנגען די קוילן פונעם „זאבאַי", מ'עלעקטריפיצירט די שטאָלניעס און דעם צענטראלן אונטערערדישן הויף, ווו די שטאָלניעס גייען זיך צונויף, און ס'הייבן זיך אוף און לאָזן זיך אראָפּ די „סקיבן". לעסאטע אָבער ליגט נאָך אין דער טיף שטאָלניע א כינעזער, ליגט אפן רוקן אין האַקט מיט דער קירקע א שיכט קוילן, וואָס הענגט איבער אים. א צווייטער כינעזער קריכט אף די קני, שלעפנדיק א שליטעלע, א דריטער שטופּט אונטער א וואַגאָנעטקע צום אויפהייב־פּונקט.

אכציק פּראָצענט שאכטיאָרן אין סוטשאן זײַנען כינעזער. די מערהײַט קומט אין די שאכטעס אום הארבסט. אום פרילינג סטײַען זיי ניט.

— מאָיא טײַגע ליובי, זשען־שען אישטשי, טיגרא אישטשי.

טויטן א טיגער איז אן אשרעס. דאָס פלייש זײַנס, די ביינער און באזונדערס די וואָנצן שעצן די כינעזער זייער אלס צויבער־מיטלען: ווער ס'האָט אופגעגעסן דעם טיגערס הארץ, דער קריגט מוט: דעם טיגערס וואָנצן זיכערן א רעפּוע פון אלע שלאפקייטן.

— טיגרא באָלשאָי, כאָזיאין. יעוואָ אוביי מנאָגאָ־מנאָגאָ אימיי דיענגא,— זאָגט דער כינעזער.

אומעטיק איז דער שטייגער פון די שאכטיאָרן—כינעזער, לעבן אין האלב־פינצטערע פאנזעס. פאנזע — דאָס איז א מעשופּעדיקער דאך, מיט דורכגעשניטענע אלאכסנדיקע פענצטערלעך, אָן ווענט וואָס שטייט גלײַך אף א ליימענעם פונדאמענט. אינעווייניק — נארעס, שמאטע־וואַרג, זיסלעכער, שטיקנדיקער רויך פון אָפּיום און שארפער גערוך פון פאסאָליעס־בוימל. מיט רויכערן אָפּיום פירט מען א קאמף, נאָר לעסאטע נאָך מיט קנאפּ דערפאָלג.

— דאָס איז זיי שוין מאמעש ארײַן אינעם מארך פון ביינער. איז וואָס קען מען דען טון? ביפראס נאָך, די גרענעץ איז בא דער זײַט. און פונדאָרטן ברענגט מען אָפּיום און ספּירט וויפל דו ווילסט.— אזוי קלאָגן זיך מיר די סוטשאנער קולטארבעטער.

פיר כינעזער זיצן מיט אונטערגעבויגענע קני אפן פּאָל פון דער פאנזע און ווארפן קאָרטן מיט אזארט. דערזעענדיק א פרעמדן

מענטשן, פארשארן די פארדארטע הענט א קופקעלע מינץ אונטערן שמאטזארג און געלע פענימער קנייטשן א זיסלעך־אונטערטעניקן שמייכל:

— נאשא דיענגא ניעט איגרעי (מיר שפילן נים אין געלט). פר־כאָ (דאָס איז שלעכט). דיענגא באבושקע פאָסילעי (די געלט שיקן מיר דעם ווייב).

און איינער, א דרייסטערער, פרעגט מיך, פונוואנעט קום איך.

— פון מאָסקווע.

— האָ, האָ! און איך — כובי [1], ער — כובי, אלע מיר—כובי.

אף א צעבראָכענעם רוסיש קלאָגן זיך מיר אייניקע, פארוואָס דער „באָלשעוויקי" האָדערט, מע זאָל זיך פארשרייבן אין פראָפ־פאריין. אין „סאָיוז" דארף מען דאָך „דיענגא פלאטי" און ער דארף גאָר דאָס געלט שיקן דער „באבושקא" (ווייב) קיין כובי.

א צווייטער האָט אן אנדער טיינע: זדיעס סאָיוז פישי — כּאָיא וו קיטיי כאָדי, גאָלאָווא — כשאָק, רובי! — ס'הייסט, ווען ער זיך דאָ אין פאריין פארשרייבן, איז ער דערנאָך אינדערהיים מיטן קאָפּ נים באווארנט.

נאָר פלוצים דערהער איך אן אויסרוף:

— מאָיא באָלשעוויקא!

א יונגער כינעזער מיט א טרוקן פאָנעם, אויסגעגעסן פון פּאָקן, קלאפט זיך אין דער ברוסט:

— באָלשעוויקא — האָ!

ער שלעפּט ארויס פונעם בוזעם עפּעס פארוויקלט אין א שמאטקע און צעוויקלט עס לאנג. דאָרט ליגט א קאמייע פון מאזל — א טרוקן וואָרצעלע זשען־שען און עפּעס א פאפיר. פאָר־זיכטיק צעגלעט ער מיט דער האנט דאָס פארשמאָלצעוועטע פאפיר. עפּעס איז אף דעם אָנגעשריבן מיט כינעזישע יעראָגליפן. לאָזט זיך אויס, אז דאָס האָט ער פון כינע מיטגעבראכט צוזאמען מיט וואונדערלעכן זשען־שען — א פּראָקלאמאציע פון דער כינעזישער קאָמפּארטיי.

---

1) כובי — א פּראָווינץ אין כינע.

— נאשא באָלשעוויקא! — שרײַט ער אויס מיט פריילעכער היספּײַלעס, פּאָכנדיק מיטן ראָזאָווען פּאפּיר. — מאָיא כאָדי טודא, כאָדי סודא, סאָלדאט סטרעלײַ — ניע באָיוס.

אליין איז ער פון שאנכײַ. דאָרט האָט ער א יונגע „באבושקא". דערבײַ צעשמייכלט ער זיך און פירט ארום מיטן פינגער דעם קאָפּ: זײַן „באבושקא" טראָגט א געשוירענעם קאָפּ, הייסט עס, זי איז אויך א „באָלשעוויקא".

און ער איז ניט איינער צווישן די שאכטיאָרן. פאראן צווישן זיי אויך שאכטיאָרן — קאָמיוניכטן. א יונגע כינעזערן, וואָס האָט געענדיקט אין מאָסקווע דעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאר די ארבעטנדיקע פון די מיזרעך־פעלקער, פירט דאָ אין די פאנזעס א קולטור־ארבעט. זי קומט אהין מיט א ביכל, אָפּגעדרוקט מיט כינעזישע יעראָגליפן, זעצט זיך אף דער נארע אין א ראָד פון די שאכטיאָרן און לייענט זיי צעצויגן מיט א ניגן. פון אירע אויגן שפריצט א שארפער פלאם. זי דערציילט אָטאָ די מענטשן וועגן דערוף, אז זייער כובייי איז שוין אין פײַער פון רעוואָליוציע. זי דערציילט זיי אויך וועגן דער סאָציאַליסטישער בויונג. אויך מיר פרוווט זי דערקלערן, שווערלעך צוקלײַבנדיק די רוסישע ווערטער, אז דאָ אין סוטשאן, אפן סאמע ראנד פון סאָוועטן־פארבאנד גייט אן איבערבוי ניט בלויז אין די שאכטעס, נאָר אויך אין די מויכעס...

———

ענדוואָרט

אוסורִיִער קאנט איז דאָס עקסטע דאָרעם־מיזורעכדיקע ווינקעלע פון אונדזער פאַרבאַנד, וואָס קוקט ארויס צום גרויסן, אָדער שטילן אָקעאַן. ריכטיקער, סע וואָלט ארויסגעקוקט צו אים, ווען סע זאָל אנקעגן דעם ניט ליגן דאָס אינדזל סאכאלין און דאָס צאָפנדיקע יאפּאָנישע אינדזל. קומט שוין אויס, אז אוסורִיִער קאנט ליגט ניט באַם ברעג אָקעאַן, נאָר באַ יענע יאַמען, וואָס יאפּאָניע און סאכאלין רײַסן, אזוי צו זאָגן, אָפּ פונעם שטילן אָקעאַן. אין צאָפן, צווישן סאכאלין און דעם קאָנטינענט איז דערדאָזיקער פּאס יאַם א שמאָלער און טראָגט דעם נאָמען „טאָטערשער דורכגוס״ צו דאָרעם־צו ווערט ער ברייטער און גיסט זיך צונויף מיטן אזוי גערופענעם יאפּאָנישן יאַם.

צום זאָזיקן עקסטן ווינקל פון אונדזער פעדעראציע פירט דער גרויסער סיבירער אײַזנבאַן־וועג, וואָס ציט זיך אין דער לענג, ווערליק א פּערטל ארומרינג פונעם ערדקײַלעך. אביסל ווײַטער פון דער מיזורעך־סיבירער שטאָט טשיטא צעצווייט זיך אָט־אָ דער אײַזנבאַן־וועג. איין צווײַג זײַנע נעמט זיך אראָפּ קײַן דאָרעם, דערגייט ביז דער כינעזישער גרענעץ, נעמלעך ביז דער סט. מאַנדזשוריע און גייט דאָ אריבער אין דער מיזורעך־כינעזישער אײַזנבאַן, וואָס שפּאַלט איבער גאַנץ מאַנדזשוריע פון צאָפן־מײַרעוו קײַן דאָרעם־מיזורעך און גייט ווידער ארויס פון מאַנדזשוריע,— דורך דער סט. פּאָגראַניטשנאַיאַ,— צוריק צו אונדז אין אוסורִיִער קאנט אַרײַן, ביז קײַן װלאַדיװאָסטאָק. די צווייטע צווײַג

פונעם גרויסן סיבירער אײַזנבאַן־וועג גייט פון טשיטא ווײַטער קיין מיזרעך דורך אמורער געגנט, די גאנצע צײַט קימאט פּאַראַלעל דעם טײַך אמור, סאמע ביז דער שטאָט כאַבאַראָווסק. אָפּ אזא אויפן דערפירט איין צווײַג פון דער סיבירער אײַזנבאַן־וועג — דער צאָפנדיקער קיין כאַבאַראָווסק, דער צווייטער — דער דאָרעמדיקער — דורך מאנדזשוריע, דורך דער מיזרעך־כינעזישער אײַזנבאַן — קײַן וולאדיוואָסטאָק. אָטאָ־דיביידע פונקטן, כאַבאַראָווסק און וולאדיוואָסטאָק ליגן דאָס בא די עקן פון אוסוריער קאַנט: כאַבאַראָווסק — פון צאָפן, וולאדיוואָסטאָק — פין דאָרעם. צווישן זיך זײַנען דידאָזיקע ביידע שטעט פאַרבונדן מיט דער אוסוריער אײַזנבאַן־ליניע, וואָס ציט זיך מערידיאָנאַל אנערעך און פאַראַלעל דעם טײַך אוסורי. דערדאָזיקער טײַך פליסט פון דאָרעם קיין צאָפן, דינט אלס גרענעץ צווישן אונדז און מאנדזשוריע און פאַלט אַרײַן אין אמור ניט ווײַט פון כאַבאַראָווסק. פונדאנעט סאמע פאַרקערעוועט דער אמור קיין צאָפן צום פאָרט ניקאָלײַעווסק, וואָס „אקעגן״ סאכאַלין און בילדעט אין דעם טייל די צאָפנדיקע גרענעץ פון אוסוריער קאַנט. אזוי ארום האָט דער אוסוריער קאַנט אלס גרענעצן . 1) פון מיזרעך־זײַט — דעם טאָטערשן דורכגוס מיט סאַכאַלין אנקעגן, 2) פון דאָרעם־זײַט — דעם יאַפּאַנישן יאַם, 3) פון מײַרעוו־זײַט — דעם טײַך אוסורי, וואָס טיילט אים אָפּ פון מאַנדזשוריע, 4) פון צאָפן־זײַט (ריכטיקער, צאָפן־מיזרעך) — דעם נידערשטראָם פון טײַך אמור, וואָס טיילט אים אָפּ פון סיביר, פינקטלעכער, פונעם בא־אמורער קאַנט אין סיביר.

לענגויס דעם גאנצן קאַנט, פון צאָפן קיין דאָרעם ציט זיך דאָס בארגלאַנד סיכאָטע־אלין. דאָסדאָזיקע בארגלאַנד לאָזט זיך בעהאדראָגע אראָפּ אַלץ נידעריקער, וואָס נעענטער קיין מײַרעוו, צום טאָל פון אוסורי. אסאך טײַכן לויפן דאָ אראָפּ פון זײַנע בארג־אראָפּן און פאלן ארײַן אין אוסורי. קיין מיזרעך־צו, צום יאם־צו לאָזט זיך דאָס בארגלאַנד סיכאָטע־אלין אראָפּ פיל מעשופּעדיקער. זײַנען דאָ די טײַכלעך בארגשטראָמיק און קיין שיפן קאָנען איבער זיי ניט גיין.

אין דאָרעמדיקן טייל פון קאַנט, סאַמע בא דער מאַנדזשורער גרענעץ ליגט די גרויסע אָזערע כאַנקאַ.

באַם יאַם האָט דער קאַנט אַ ריי האַפנס, פון וועלכע דער צאָפנדיקסטער איז ניקאָלײַעווסק און דער דאָרעמדיקסטער — וולאַדיוואָסטאָק. אױף דער פּאַראַלעל פון כאַבאַראָווסק אַנערעך ליגט דער „סאָוועטישער האַוון".

דער קלימאַט אינעם דאָזיקן קאַנט איז ווייכער און ווייניקער קאָנטראַסט, ווי אין די שכייניסדיקע מיזרעכדיקע סיבירער געגנטן: עטוואָס אַ וואַרעמערער ווינטער און אַ קילערער זומער, — די ווירקונג פונעם דערבײַיִקן יאַם. אין אַלגעמיין אָבער, אין פאַרגלײַך מיט די אַנטשפּרעכיקע ערטער פון אייראָפּעיִשן טייל פאַרבאַנד און פון אייראָפּע, וואָס געפינען זיך אויף איין געאָגראַפישער ברייט מיט אוסוריִער קאַנט, איז דער קלימאַט דאָרט אַ סך האַרבערער. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז וולאַדיוואָסטאָק ליגט דאָרעמדיקער פון אונדזער קרים, און די טעמפּעראַטור איז דאָרט פונדעסטוועגן נידעריקער אויף 5 גראַד אַנערעך.

דער טיפּישסטער לאַנדשאַפט פונעם דאָזיקן געגנט איז געמישטע באַרגוועלדער. אויף די הויכענישן — גאַנץ געדיכטע טײַגע פון טענענבוים, פיכטע און בלעטערניצע, — אין דער נידער — מאָנגאָלישער דעמב, מאַנדזשורער צעדערבוים, צוגעמישט מיט לינדנבוים, קליאָן, אולמע, טאָפּאָליע, אָסינע און שווארצע בעריאָזע. נאַטירלעך, אַז דער לאַנדשאַפט בײַט זיך אויך פון דאָרעם קיין צאָפן. אַרום ניקאָלײַעווסק וועט איר שוין ניט טרעפן קיין דעמבן און צעדערביימער. דאָ פאַרבײַט זיי די פיכטע, דער טענענבוים און די בלעטערניצע און פון די בלעטערדיקע — די טאָפּאָליע, די שווארצע און ווײַסע בעריאָזע. רײַך איז די געגנט מיט רויכוואַרג-באַלעבאַטים, — פון זיי איז באַרימטער פון אַלע איבעריקע דער סויבל, וועלכן מע האָט שוין קימאַט אויסגעוויסט, ווי אײַנגאַנצן אומגעבראַכט, פוקסן רויטע און טונקל-ברוינע, דער הימאַלײַער בער מיטן ווײַסן פאַס אויף דער ברוסט, קליינע וועוויריקעס און ראַסאָמאַכעס און פון דער אַנדערער זײַט דער שרעקלעכער אוסוריִער-טיגער, —

דאָס איז די באַלעבאַטים־וועלט פון קאַנט. דערצו דאַרף מען צוגעבן דעם איזיובער און דעם געפלעקטן הירש, וועלכע מע כאַפּט צוליב זייערע הערנער (פּאַנטעס), אַף וועלכע ס'איז אַ גרויסער נאָכפרעג אין כינע,— און, לעצטנס, דעם קאַבאַן.

אָן אַ שיר רײַך איז דער קאַנט מיט פייגל און פיש. פיש איז דאָ דעריבער איינע פון די הויפּט־פּאַרנאָסעס סײַ פון דער רוסישער, סײַ פון דער דאָרטגעבירטיקער באַפעלקערונג.

די אויצרעס פון דער ערד באַשטייען פון קוילנגרובן לעבן וולאַדיוואָסטאָק און עטלעכע גאָלדפעלדער. אוסוריער קאַנט, אַלס עקסט ווינקל פון סיביר איז אויך דער לעצטער קאָלאָניזירט געוואָרן. ווי סע באַוווּסט, האָט דער רוסלענדישער האַנדלס־קאַפּיטאַל אָנגעהויבן קאָלאָניזירן סיביר פון סאָף 16־טן י״ה, פון יערמאַקס צײַטן אָן. אין 17־טן י״ה דערגרייכן שוין די ערשטע קאָזאַקישע עקספּעדיציעס ביז צום טײַך אַמור און גרינדן דאָ די ערשטע יישובֿים. אין 19־טן י״ה קומען אָן צום טײַך אוסורי די ערשטע ערד־איבערוואַנדערער. אין 1858 ווערט געגרינדעט דער יישובֿ כאַבאַראָווקע (אַצינד כאַבאַראָווסק) און אין 1860 דער פּאָסט וולאַדיוואָסטאָק. אין דעמזעלביקן יאָר גייט אוסוריער קאַנט אַריבער פון כינע צו רוסלאַנד. פּרזשעוואַלסקי מאַכט דאָרט דורך איינע פון זײַנע באַרימטע רײַזעס. טכילעס 90־קער יאָרן הייבט זיך אָן צו בויען גלײַכצײַטיק אוסוריער אײַזנבאַן און דער גרויסער סיבירער וועג. כאַבאַראָווסק און וולאַדיוואָסטאָק וואַקסן אויס אין היפּשע שטעט,— היפּשע אָפּן מאַסשטאַב פונעם ווײַט־מיזרעכדיקן קאַנט. פאַר די לעצטע 30 יאָר האָט זיך די באַפעלקערונג אין כאַבאַראָווסקער און וולאַדיוואָסטאָקער קרײַז פאַרדרײַפאַכט. אינעם פּראָט פון צוּוווּקס פון באַפעלקערונג גייט אָט דער קאַנט בעראָש פונעם גאַנצן פאַרבאַנד. דער צוּוווּקס פון מענטשן אין פאַרבאַנד פאַר די לעצטע 30 יאָר באַטרעפט באַ די 40%, בעיס אין די דערמאָנטע קרײַזן פון אוסוריער קאַנט באַטרעפט ער העכער 300%. אַזאַ מין קאָלאָסאַלער צוּוווּקס איז מעגלעך בלויז אין לענדער און געגנטן, וואָס הייבן ערשט אָן ווי געהעריק באַזעצט צו

ווערן. און ווירקלעך, די געדיכטקייט פון דער באפעלקערונג איז נאָך דאָ זייער א נישטיקע. בלויז אין וולאדיוואָסטאָקער קריַיז באטרעפט זי 7 מענטשן אף א קוו. קלמ.,— אין כאבאראָווסקער קריַיז אָבער מער ניט, ווי 1 מענטש אף א קוו. קלמ. און אין ניקאָלייַעווסקער נאָך ווייניקער.

אין די יאָרן פון בירגער־קריג און אויך שפּעטער, סאמע ביזן 1924 יאָר, ווען דער וויַיסער מיזרעך ביכלאל און אוסורייער קאנט ביפראט האָבן געדינט אלס פּלאצדארם פון וויַיסגווארדייישע באנ־דעס און פון די יאפּאָנישע אימפּעריאליסטישע אינטריגעס — איז די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פונעם קאנט געווען, פארשטייט זיך, אר־מעגלעך. איינס נאָכן אנדערן טראָגן זיך דורך איבער אָט־די געגנטן די רעשטלעך פון קאָלטשאקס כאיאָלעס, יאפּאָנישע מילי־טערישע טיילן, קאפּעלס און מערקולאָווס באנדעס. די דרייסטע אוסורייער און באאמורער פארטיזאנער דערלאנגען זיי אלע אין קאָלנער און גיבן זיי דעם וועג. אין 1922 יאָר פארנעמט די רויטע ארמיי ענדגילטיק וולאדיוואָסטאָק, נאָר א פולער פרידן אין קאנט שטעלט זיך ערשט איַין, ווען מע שליסט אן אָפּמאך מיט יאפּאָניע אין 1925 יאָר, און די לעצטע רייניקן אָפּ ניט נאָר אוסורייער קאנט, נאָר אויך די צאָפנדיקע העלפט סאכאלין.

דער וויַיס־מיזרעכדיקער קאנט לעבט אוף. די באפעלקערונג נעמט ווידער שטיַיגן פון יאָר צו יאָר (העכער 5% א יאָר).

סע שטיַיגט די לאנדווירטשאפט און וואלדווירטשאפט, נאָר דעריקערשט דער פ י ש פ א נ ג און ארויסבאקום פון ר ו י כ ו ו א ר ג. דער פישפאנג אין די וואסערן פון וויַיטן מיזרעך גיט די לעצטע יאָרן פיש אף העכער 40 מיליאָן רובל א יאָר. אין 1927 און 1928 האָבן זיך געעפנט דריַי קאָנסערוו־פאבריקן. צום סאָף פון פינפיאָר — 1932—33 — וועט די צאָל פאבריקן זיך פיר־פינף מאָל פארגרעסערן, דאָס איז—לויטן ערשטן פראָעקט פונעם פינפיאָריקן פלאן. ווען סע שריַיבן זיך אָטאָ די שורעס, מעגלעך, אז סע עפענען זיך שוין נאָך ברייטערע אויסזיכטן.

אין ד[illegible]־אוסורייער קאנט איז פארפראָעקטירט א ראיאָן־עלעקטרישע [illegible]אנציע, וואָס דארף עלעקטריפיצירן וולאדיוואָסטאָק,

ניקאָלסק־אוסוריסק און אויך די ארטיאָמאָווסקער קוילנגרובן. אכוצדעם וועט אויסגעבויט ווערן אן עלעקטרישע סטאנציע לעבן כאבאראָווסק.

דער עקאָנאָמישער אויפשטייג פונעם קאנט, וועט, פארשטייט זיך, פארגרעסערן זייַן ארייַנעם־פעיִקייט אין פראט פון באפעלקערונג.

דער פיגפיאָריקער פלאן רעכנט אויס, אז אוסוריער קאנט זאָל אין די נאָענטסטע יאָרן ארייַנעמען אזא מין צאָל איבערוואנדערער:

	כאבאראָווסקער קרייַז	וולאדיוואָסטאָקער קרייַז
1929/30	28.000	18.000
1930/31	38.000	27.500
1931/32	36.000	38.500
1932/33	36.500	48.000
כאכאקל	157.000	142.000

60—70% פון דער איצטיקער באפעלקערונג זייַנען רוסן און אוקראַינער. ווייַטער גייען ווייַסרוסן—א 10%, קאָרייער — א 7% אין כאבאראָווסקער קרייַז און 52% אין וולאדיוואָסטאָקער,—און כינעזער א 4% אין צאָפן און 8% אין דאָרעם. די איבעריקע פעלקערשאפטן, דערונטער אויך די דאָרטגעבוירטיקע טונגוסן, גוילדן, אודעגייער, אָראָטשן גיבן ווייניקער פון 1% יעדער עטנאָגראפישע גרופע.

די גוילדן — וואָס ווערן באשריבן אין ארסעניעווס ביכל — זייַנען א דאָרטגעבוירטיקער טונגוסיש־מאנדזשורישער שייווט, פון

א 5.000 נעפּאַשעס בעערעך, וואָס לעבּט אין געגנט פון אוסורי, טײַלווײַז באַם אמור. די גרונט־פּאַרנאָסע זייערע איז פישפאַנג, וואַלדהאַקן, און אויפקלײַבּ פּונעם זשען־שען־געוויקס פאַר די כינע־זישע סאָחרים.

זיי שטייען אויף א גאַנץ פּרימיטיוון קולטור־שטאַפּל. וויסן ניט פון קיין ריינע קיילים, זייער גאַנץ געפּעס איז פון בערעסט און האָלץ. לעבּן קליינע ייִשוּווימווײַז צו 10 יורטעס, אויף אינדזעלעך בא די לעפּצונגען פון טײַכן. זייערע ייִשוּווים בײַטן זיי, ווען די פיש בײַטן זייער וועג, אָדער ווען סע הייבּט זיך אָן אן עפּידעמיע.

אצינד גייען די גוילדן אַרונטער אונטערן צײַטווײַליקן געזעץ, וואָס איז אַרויס אין 1929 יאָר „וועגן די דאָרטגעבּוירטיקע שוואָטים אין די צאָפּן־קאַנטן פון ר.ס.פ.ר.ר.". לויט דעמדאָזיקן געזעץ איז דער ווײַטמיזרעכדיקער צאָפּן־קאָמיטעט (באַם פּרעזידיום פון א צ א ק) מעכײַעו מיטווירקן דעם קולטור־עקאָנאָמישן וווילשטאַנד פון די גוילדן. זיי זײַנען באַפרײַט פון אַלע דירעקטע שטײַערן און אויך פון מיליטער־דינסט. צווישן זיי איז געשאַפן א רײַ טער־ריטאָריאַל־שוואָטעמדיקע ראַטן בלויז פון גוילדן. ס'איז אויסגע־אַרבּעט א גוילדישער אַלעפבייס און צונויפגעשטעלט דאָס ערשטע אַלעפבייס־ביכל, סע זײַנען געגרינדעט עטלעכע שול־אינטערנאַטן, אייניקע גוילדן קומען שוין אָן אין די הויכשולן — אין וולאַדיוואָ־סטאָקער פּעדטעכניקום, אין צאָפּנדיקן פאַקולטעט פון לענינגראַדער מיזרעך־אינסטיטוט (5 גילדן). דאָס וועלן זײַן די ערשטע פּיאָנערן פון סאָוועטישער, קאָאָפּעראַטיווער און שול־אַרבּעט צווישן דעם־דאָזיקן ווײַטן קליינינקן שייוועס אויף אונדזער עקסטן מיזרעך־ראַנד

אינהאלט

זייט

פאָרוואָרט 3

די אײַנוווינער פון דער טײַגע

1. דער טיגער־יעגער 6
2. אודעכייער סאָכרים. 8
3. דאָס קאָל פון דער טײַגע 10
4. סימאָנים אין ווילדן וואלד 11
5. איזיובריען־פאנג 12
6. דער יישעוו אודע 13
7. די בערן־סורע 14

די אודעכייער

I. דער פישער־לאגער 18

II. פאסטקע

1. אורעק אף געיעג 28
2. נאָכן סויבלס שפורן 31
3. אליין אין פאסטקע 34
4. וואָס איז געשען מיטן יעגער 38

III. נאָכן טײַערן וואָרצל

1. אוודינס באגער 41
2. דער טײַערער וואָרצל זשען־שען 44
3. אין דער וואלד־געדיכטעניש 47
4. די ערשטע האצלאָכע. 50
5. דער סאָף פון דער טרויעריקער געשיכטע 52

דערסו אוזאלא

I. דער גלעזערנער סאָל

1. די עקספּעדיציע ... 56
2. אין די בערג ... 57
3. די פּאַנטערע ... 58
4. דא-דיאַן־שאַן ... 61
5. דער איזיובער ... 62

II. די באַגעגעניש מיט דערסון

1. דער לאַגער אין וואַלד ... 63
2. דער באַנאַכטיקער באַסט ... 65
3. דער גרילד ... 68

III. ווילדע כאַזירים

1. דער שפּרונקענער ... 71
2. ווו סע שטעקט מענטשלעכקײט ... 74
3. די יעגער-פּאַנזע ... 75
4. קאַבאַנעס ... 77
5. וואָס איז די טײַטש פון „ליודי" בא דערסו ... 82

IV. וואָס איז פאָרגעקומען אינעם קאָרײַשן דאָרף

1. דערסוס וועטער-סימאָנים ... 83
2. דער איבערשרעק ... 84
3. דער איבערסאָג ... 87
4. אַן עקסקורסיע ... 88
5. דערסוס גאַכטלעגער ... 90
ארום דאָרף ליאַליטשי ... 91

V. מיטן נידער־שטראָם פון לעפו

1. אַף אַ שיפל איבערן טײַכטאַל ... 94
2. אין דער צײַט פון פייגל-איבערפלי ... 96
3. דערסוס אַ שאָס ... 97
4. דער וועג פון לעפו ... 98
5. לעבעדיקע פײַער און וואַסער ... 100
6. פייגל אין די זומפּן ... 101
7. דער שאָטן פון דער ערד ... 106
8. דער וועסטער-בײַט ... 107

VI. אף דער אָזערע כאַנקאַ

1. אין לאַבירינט פון חאַסערן . . . 108
2. די פּורגאַ . . . 114
3. צוריק אין לאַגער . . . 118
4. דער צעשייד . . . 122

די באַצווינגער פון דער טײַגע

1. דער כינעזער לי-סין . . . 126
2. דער סיכּסיקער יאַפּאַנער . . . 128
3. א זאַווּאָד אין דער טײַגע . . . 129
4. און מיר אַליין ווי זײַנען ? . . . 130

אוסוריער דאָנבאַס 134

ענדוואָרט . . . 142

פּרייז 75 קאָפּ.

В. Арсєнєв

У ТАЙЗІ

Кооп. Вид-во „Культур-Ліга“.

קאָאָפּ. פֿאַרלאַג
„קולטור-ליגע“
קיִעוו -1930